בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

# שבת פרשת אח"ק תשפ"ה

## פון ו' אייר – ביז י"ב אייר

לעילו נשמת אבי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה
ולעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה
לזכות אשר חיים בן הענא גאלדא לזיווג הגון בקרוב

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג ביטע שיקט א מעסעדטש צו דעם נומער 907-9119 (646)

## זונטאג – ו' אייר

הרה"ק רבי משה ב"ר יצחק אייזיק זי"ע, (אייכנשטיין), בעל תפלה למשה, מסאמבור.
הרה"ק רבי יוסף מאיר ב"ר שמואל צבי זי"ע, (ווייס), בעל אמרי יוסף, וראש שושלת ספינקא.

## מאנטאג – ז' אייר

הגה"ק רבי שלמה אפרים ב"ר אהרן זי"ע, (איש לינטשיץ), בעל כלי יקר,
ובעל עוללות אפרים, אב"ד פראג.

## דינסטאג – ח' אייר

הרה"ק רבי ירחמיאל ב"ר יעקב יצחק זי"ע, (רבינוביץ), מפשיסחא.

## מיטוואך – ט' אייר

הרה"ק רבי חיים ב"ר משה זי"ע, (פריעדלאנדער), בעל טל חיים, אב"ד ליסקא.

## דאנערשטאג – י' אייר

הרה"ק רבי יצחק אייזיק יהודה יחיאל ב"ר אלכסנדר סענדר זי"ע, (סאפרין), בעל היכל הברכה, מקאמארנא.
"הנקרא ר' אייזיק'ל מקאמארנא"
הרה"ק רבי הלל ב"ר ברוך בענדיט זי"ע, (ליכטענשטיין), בעל משכיל אל דל, אב"ד קאלאמייא.
"הנקרא ר' הלל קאלאמייער"

## פרייטאג – י"א אייר

הרה"ק רבינו נפתלי צבי ב"ר מנחם מענדל זי"ע, (הורוויץ), בעל זרע קודש, מראפשיץ.

## שבת קודש – י"ב אייר

הגה"ק רבי אברהם משה זרח ב"ר מאיר זי"ע, (איידליץ), בעל אור לישרים, דומ"ץ פראג.
"מבית דינו של הגה"ק בעל נודע ביהודה זי"ע"

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.

לעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה.

לזכות אשר חיים בן הענא גאלדא לזיווג הגון בקרוב

**יארצייט**
**זונטאג ו׳ אייר**

**הרה״ק רבי משה ב״ר יצחק אייזיק זי״ע, (אייכנשטיין), בעל תפלה למשה, מסאמבור,**

ער איז געבוירן אין שטאט סאפרין, בשנת תקכ״ה,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי יצחק אייזיק ספרין מזידיטשוב קאמארנא זי״ע,
בן הגה״ק רבי אלכסנדר מסטבניק זי״ע,
בן הגה״ק רבי צבי זי״ע,
חתן הגה״ק רבי יום טוב ליפמאן הלוי בעל תוספות יו״ט מקראקא זי״ע,
ונכד הגה״ק רבי ישעי׳ הלוי איש הורוויץ בעל השל״ה הקדוש זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת הינדא ע״ה,
בת הרה״ק רבי צבי זי״ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד המפורסם בדורו מגזע קדושים וטהורים און א גאון וגדול בתורה, חסידא ופרישא וצדיק יסוד עולם, ער האט זיך מסתופף געווען ביי רוב גדולים וצדיקים בדורו, און ער האט זוכה געווען צו משמש זיין 120 צדיקים בעלי רוח הקדוש, און די אלע צדיקים האבן מעיד געווען אויף דעם צדיק רבי משה מסאמבור, אז ״שכינה מדברת מתוך גרונו של משה״, ער איז געווען באקאנט אלס א בעל רוח הקדוש און א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

א גרויסע חלק פון זיין תורה האט ער קונה געווען פון זיין הייליגען טאטן רבי יצחק אייזיק מסאפרין זי״ע, וואס איז אויך געווען מפורסם אלס א גאון וגדול בתורת הנגלה והנסתר, אויך איז ער געווען פון די גרויסע תלמידים פון הרה״ק החוזה מלובלין זי״ע, וואס האט אויך מעיד געווען אויף דעם גדלות בתורה און דעם גוואלדיגע קדושה פון דעם תלמיד רבי משה מסאמבור זי״ע,

אויך איז ער געווען א תלמיד מובהק פון זיין גרויסע ברודער הרה״ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע, וואס דער ברודער רבי משה האט ביי דעם ברודער געלערנט גאר אסאך תורת הנסתר, וואס ווי באקאנט איז דער ברודער דער עטרת צבי געווען מפורסם אלס א בעל מקובל נורא און מען האט אים גערופן ״שר בית הזוהר״,

אויך האט זיך דער צדיק גאר אסאך מסתופף געווען בצלו פון הרה״ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי״ע, און אויך גאר אסאך תורה קונה געווען פון הרה״ק רבי משה סופר בעל אור פני משה מפשעווארסק זי״ע, וואס דער צדיק רבי משה מסאמבור זי״ע האט די אלע צדיקים גערופן ״מורי ורבי״,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת ע״ה די טאכטער פון הרה״ק רבי יודל חריף מסאמבור זי״ע, א ברודער פון הגה״ק רבי יצחק חריף זי״ע,
ביידע קינדער פון הרה״ק המקובל רבי יוסף משה מדראגאטשין זי״ע,

דער שטוב פונעם שווער איז געווען מפורסם אלס א שטוב פון תורה און קדושה, און דער צדיק רבי משה מסאמבור זי״ע האט דאן אין שטוב פונעם שווער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה, ווי באקאנט איז דער צדיק וקדוש זיין גאנץ לעבן אנטלאפן פון כבוד און געווען א עניו ושפל ברך, ער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, און זיכער נישט ווי לאנג זיינע גרויסע רבי׳ס האבן נאך געלעבט, ער האט זיך דאן מדבק געווען אין זיין גרויסע ברודער דער הייליגער עטרת צבי זי״ע מיט א געוואלדיגע קשר,

י״א תמוז בשנת תקצ״א ווען זיין ברודער דער עטרת צבי זי״ע איז נסתלק געווארן, האט דער אנדערע ברודער הרה״ק רבי בעריש זי״ע ממלא מקום געווען אויפן פלאץ פונעם ברודער אין זידיטשוב, אבער ליידער האט דער ברודער רבי בעריש נישט מעריך ימים געווען, און ז׳ ניסן בשנת תקצ״ב 10 חדשים שפעטער, איז דער הייליגער ברודער רבי בעריש נסתלק געווארן,

די חסידים פון זידיטשוב האבן גאר שטארק געבעטן דעם צדיק רבי משה זי״ע אז ער זאל איבער נעמען אלס ממלא מקום פון די ברודער׳ס, אבער דער צדיק וואס האט באמת ממאס געווען ברבנות, און דערפאר האט ער נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, דער צדיק האט דאן עוסק געווען אין מסחר, ער פלעגט דאן פארקויפן פיש,

ווען ער איז דאן געווען איינמאל אין קאזניץ ביים הייליגען מגיד מקאזניץ זי״ע, האט אים דער הייליגער מגיד געבעטן, אז ער זאל אנהייבן פירן רבנות און משפיע זיין פאר אידישע קינדער, אבער דער צדיק האט

געזאגט פארן הייליגען מגיד, איך וויל נישט פירן קיין רבנות, ווייל איך וויל קענען דינען דעם באשעפער אן קיין פניעות,

אבער ווען דער צדיק איז צוריק אהיים געקומען, האבן די קונים פונעם פיש געשעפט אנגעהויבן זיך אפרעדן אז די פיש האט א געפערליכע ריח, האט דער צדיק זיך צו קרעכטצט און געזאגט, פון ווי וויסן די גוים אז דער מגיד מקאזניץ האט מיר געהייסן ווערן א רבי, דאן האט דער צדיק בלית ברירה אן גענומען דאס רבנות אין שטאט סאמבור, און פן דאן האבן טויזענטער אידן אנגעהויבן קומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש,

ווי באקאנט איז דער צדיק וקדוש רבי משה מסאמבור זי"ע געווען רוב פון זיין לעבן א גרויסע בעל יסורים, און צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט דאס אלעם מקבל געווען אויף זיך צו מיגן זיין אויף אידישע קינדער, און דאס איז געווען דעם ערשטען ימים נוראים ווען א גרויסע עולם איז געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש,

ערב יום הקדוש ווען דער צדיק איז געגאנגען אין די מקו', האט דער צדיק געזען ווי עס איז געקומען א גאר גרויסע עולם, האט דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות און זיין שפלות רוח געזאגט מיט א צובראכן הארץ בזה"ל, "רבונו של עולם, וואס קען איך דען העלפן פאר די אלע אידן וואס זענען געקומען צו מיר", און דאן האט דער צדיק מסיים געווען בזה"ל, "נאר דאס יא, איך בין מקבל אויף מיר יסורים פארן כלל ישראל", און פון דאן טאקע האט דער צדיק ליידער געליטן גרויסע יסורים נאר צו מיגן זיין אויף כלל ישראל,

דערציילט הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל חקל יצחק מספינקא זי"ע, אז איינמאל האט דער זון הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע נישט געקענט צו קוקען אויף די יסורים וואס דער טאטע ליידט אזויפיל, האט דער זון דער הייליגער צדיק מראזלא זי"ע געזאגט פארן טאטן, די ווייסט דאך אז די בוסט מקבל די אלע יסורים צו מיגן זיין אויף אידישע קינדער, טאטע אבער וויפיל איז דער שיעור, איך בעט דיך טאטע זאג בפירוש, אז די בוסט נישט מסכים אויף די יסורים "לא הן ולא שכרן",

דער טאטע האט זיך שוין כמעט געלאזט צו רעדן דאס צו זאגן, אבער דאן איז אריין געקומען א איד און זיך מזכיר געווען פאר א ישועה פאר א חולה, האט דער טאטע געזאגט פארן זון רבי יהודה צבי, זעסט שוין איז ליידער דא צרות ביי אידישע קינדער, און דער טאטע האט שוין נישט מסכים געווען צו וואס זיין זון האט געבעטן,

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אינעם ספר תפלה למשה,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי יהודה צבי בעל דעת קדושים מראזלא זי"ע,
חתן דודו הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב קופל מברודיק זי"ע,
הרה"ק רבי ישעיה מסניוטין זי"ע,
הרה"ק רבי יחיאל מיכל בעל עטרת זקנים מסאמבור זי"ע, ממלא מקום אביו,

ווערט דערציילט אז בעפאר זיין הסתלקות, האט דער צדיק וקדוש רבי משה מסאמבור זי"ע אן געזאגט מיט זיין גרויס עניוות, אז היות ער איז ביים לעבן געווען א גרויסע קפדן, וועט ער זיכער זיין א גרויסע קפדן אויך בעולם העליון, און וויבאלד מען וועט אים דאך באהאלטן אינעם אוהל פונעם ברודער, און ביים יארצייט פונעם ברודער וועלן דאך קומען א גרויסער עולם און וועלן טרעטן אויף זיין ציון, דערפאר בעט ער אז מען זאל אויף זיין ציון מאכן א מחיצה, אז מען זאל נישט טרעטן אויף זיין ציון, עס איז פארן צדיק בכלל נישט איינגעפאלן אז אידן וועלן קומען צו זיין ציון אויך,

נסתלק לגנזי מרומים ו' אייר בשנת ת"ר, ומנוחתו כבוד איז אינעם אוהל אין זידיטשוב סמוך ונראה צו זיין הייליגען ברודער דער עטרת צבי זי"ע,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

איינמאל ווען דער צדיק וקדוש רבי משה מסאמבור זי"ע האט נאך עוסק געווען במסחר, פלעגט ער אסאך ארום פארן פאר מסחר, האט ער אמאל געפרעגט דעם ברודער דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, אז היתכן ווען ער פארט ארום אויף מסחר און ער דאווענט ביחידות

דאווענט זיך אסאך בעסער ווי ווען ער דאווענט אין ביהמ״ד מיט אנדערע אידן,

האט דער ברודער דער הייליגער עטרת צבי זי״ע געזאגט פארן ברודער רבי משה, ווען די בוסט אין וואלד און די דאווענסט מיט כוונות און מחשבות קדושות, בוסטו מתקן אסאך ניצוצות הקדושים, און די אלע ניצוצות זענען זיך אין דיר מדבק, און דורך דעם ברענגסטו אראפ א גרויסע אור, און דערפאר דאווענט זיך מיט א גרעסערע דביקות, אבער אין שוהל איז דאך דא שטערונגען און דערפאר דאווענט זיך נישט מיט די זעלבע דביקות און השתפכות הנפש,

דער צדיק וקדוש רבי משה מסאמבור זי״ע האט נאך געזאגט בשם זיין רבין רבי מענדעלע מרימנוב זי״ע, אין תהילים שטייט וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב, זאגן חז״ל ״אלו פלשתים שהם היו לצנים״, האט דער צדיק רבי מענדעלע זי״ע געזאגט, אויב וואלט פרעה געוויסט אז מיט לצנות קען מען ח״ו אונטער ברענגען די וועלט, וואלטן די אידן רח״ל קיינמאל נישט ארויס פון מצרים, און דערפאר זאגט די פסוק וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים, ווייל אויב וואלטן די אידן דורך די פלשתים וואלטן זיי רח״ל קיינמאל נישט ארויס פון דארט, אזוי שעדליך איז לצנות,

די מאמע די צדקת איז געווען מפורסם מיט איר געוואלדיגע צדקות און ערליכקייט, זי האט דעם גאנצן טאג עוסק געווען במסחר און צו געהאלפן מיט די פרנסה אין שטוב, כדי דער מאן דער צדיק זאל קענען נאר עוסק זיין בתורה ועבודת השם, זי האט כסדר עוסק געווען מיט איר צדקה וחסד, זי האט אויף גענומען די געסט וואס זענען דורך געפארן דעם שטאט, און זיי געגעבען מיט א שמחה עסן און טרינקען, אבער ביינאכט פלעגט די צדקת אויפשטיין און געוויינט מיט בכיות און געקלאגט אויף גלות השכינה און צרות ישראל, און אזוי האט זי אויך מחנך געווען איר הייליגע קינדער,

צדיקים האבן דערציילט, אז דער טאטע וואס איז געווען א גאון אין הכנסת אורחים און צדקה וחסד, און ער האט מקפיד געווען נישט צו עסן א סעודה אן האבן א גאסט ביים טיש, איז איינמאל אנגעקומען א גאסט צום טאטן אין שטוב, און פונקט דאן האט דער צדיק עוסק געווען אין א מצווה פון פדיון שבויים, און דערפאר האט ער נישט געהאט קיין געלט צו קויפן עפעס צו מכבד זיין דעם גאסט,

די רעבעצין ווען זי האט געזען דעם צער פון איר גרויסע מאן אז ער קען נישט מכבד זיין א גאסט, איז זי שנעל געלאפן און געבארגט פון א שכן עסן אז מען זאל קענען מכבד זיין דעם גאסט, האבן צדיקים געזאגט, אז דער גאסט איז געווען אליהו הנביא ז״ל, און ער האט דאן געגעבן א ברכה פאר די רעבעצין און איר הייליגע מאן, אז עס זאל ביי זיי געבוירן ווערן 5 קינדער צדיקים און קדושים, וואס זאלן באלייכטן די וועלט און די אויגן פון כלל ישראל,

עס ווערט דערציילט אז דער טאטע הרה״ק רבי יצחק אייזיק מסאפרין זי״ע האט זיך אויף דער עלטער אמאל דערוועקט, און דער צדיק האט אנגעהויבן קרעכטצן, האט אים די רעבעצין די צדקת הינדא ע״ה געפרעגט פארוואס ער קרעכצט אזוי, האט דער צדיק מיט זיין גרויס ענוות געזאגט, מיר ווערן עלטער און מיר האבן נישט מיט וואס ארויף צו גיין אויפן עולם האמת,

האט די רעבעצין געענטפערט מיט חכמה, עס שטייט דאך אין פסוק (במדבר כ׳ י״ט) בַּמְסִלָּה נַעֲלֶה, וואס די ראשי תיבות פון דעם ווארט בַּמְסִלָּה באטרעפט די נעמען פון אונזער 5 הייליגע קינדער, און זייער זכות וועלן מיר קענען ארויף גיין גאר הויעך אין גן עדן צום עולם שכולו טוב,

הרה״ק רבי ישכר ב׳עריש מזידיטשוב זי״ע,
הרה״ק רבי מ׳שה בעל תפלה למשה מסאמבור זי״ע,
הרה״ק רבי אלכסנדר ס׳ענדר בעל זכרון דברים מקאמארנא זי״ע,
הרה״ק רבי ל׳יפא מסאמבור זי״ע,
הרה״ק רבי צבי ה׳ירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע,

דערציילט מען אז איינמאל איז דער צדיק רבי משה מסאמבור זי״ע געווען צוזאמען מיטן ברודער דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע ביים הייליגען חוזה מלובלין זי״ע אויף יום הקדוש, אינמיטן יום הקדוש איז דער הייליגער עטרת צבי נישט געזונט געווארן, און דער ברודער רבי משה האט זיך דעם גאנצן יו״ט אפ געגעבען מיטן הייליגען ברודער,

און צוליב דעם מצב האט דער ברודער געברויכט מחלל יו״ט זיין צו ווארעמען עפעס פארן ברודער וואס איז געווען דאן א חולה מסוכן, און צוליב דעם האט דער צדיק רבי משה מסאמבור זי״ע נישט געקענט דאווענען אין שוהל דעם גאנצן טאג יום הקדוש,

מוצאי יום הקדוש ווען דער הייליגער חוזה מלובלין זי״ע איז ארויס פון שוהל, איז ער דאן דורך דעם אכסניא ווי די צוויי הייליגע ברודער האבן זיך אויף געהאלטן, האט ער דאן געפרעגט דעם צדיק רבי משה, וואס איז די מצב מיטן ברודער דער עטרת צבי,

האט רבי משה געזאגט פארן הייליגען חוזה, אז ער האט געברויכט מחלל זיין יו״ט צו אן ווארעמען וואסער פארן ברודער, האט דער הייליגער חוזה געזאגט, "אצינד ווייס איך שוין פארוואס מיר האבן געהאט אזא הייסע דאווענען יום הקדוש, ווייל איר האט אונטער געווארעמט",

דערציילט מען אז ווען דער צדיק רבי משה מסאמבור זי״ע איז געווארן רבי, זענען געקומען אסאך חסידים פון זיינע ברודער׳ס, און צוליב זיין כבוד זענען געווען אסאך חסידים וואס האבן זיך פאר ענטפערט פארן צדיק פארוואס זיי זענען ביז יעצט נישט געקומען צו אים, האט דער צדיק וקדוש מיט זיין געוואלדיגע עניוות געזאגט, נישט גענוג אז ס׳איז מיר שווער צו פארשטיין פארוואס איר זענט אצינד יא געקומען, זאל מיר נאך שווער זיין פארוואס איר זענט נישט געקומען ביז יעצט", דאס האט באמת דער צדיק געהאלטן פון זיך,

הרה״ק רבי משה מסאמבור זי״ע האט דערציילט, אז איין שבת קודש איז ער געווען ביים הייליגען חוזה מלובלין זי״ע, און ביים טיש נאכן המוציא האט זיך דער הייליגער חוזה זייער מתמרמר געווען און באקלאגט און מצער געווען אז ער איז אינגאנצן נישט קיין צדיק, און דער עולם האט אין אים א טעות, און ער איז באמת אן איינפאכער פראסטער איד,

הערענדיג די רייד פונעם רבין, האט רבי משה מסאמבור זי״ע שטילערהייט געזאגט פאר די וואס זענען געשטאנען נעבן אים, "איך קען שווערן אז דער רבי איז א גרויסע צדיק הדור",

ווען די ווערטער פון רבי משה איז אנגעקומען צו די אויערן פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי״ע, האט דער חוזה זיך געוואנדען צו רבי משה און געזאגט, "ר׳ משה אפילו הונדערט אידן וואלטן געשוואוירן אז איך בין גוט, אבער אין עולם העליון וועט מען נישט פרעגן נאר מיך אליין, און איך וועל מוזן זאגן דעם אמת,

האט ר׳ משה געזאגט פארן הייליגען חוזה, אויף יענער וועלט איז דאך דער עולם האמת, דארט וועט דער רבי מוזן זאגן דעם אמת אז דער רבי איז א צדיק, דאן האט זיך דער חוזה אביסל פארטראכט,

און דאן האט דער חוזה געזאגט, רבי משה ווען מיין משפט וועט פארקומען פאר השי״ת אליין, בין איך אביסל בארואיגט, ווייל השי״ת איז דאך א רחום וחנון און ער וועט זיך דערבארעמען אויף מיר, אבער ווען מיין משפט וועט פארקומען פארן בית דין של מעלה, דארט וועט מען מיר נישט נאך געבן קיין האר, און פאר דעם ציטער איך,

הרה״ק רבי בעריש מדאלינא זי״ע האט דערציילט דעם פאלגענדן סיפור, אמאל בין כסה לעשור צווישן ר״ה אין יום הקדוש ווען רבי משה׳לע מסאמבור זי״ע איז געפארן קיין לובלין, איז ער אונטרוועגנס ארעסטירט געווארן דורך א איד, וועמען מ׳האט בא׳גנב׳עט זיינע פערד ביינאכט, און יענער האט זעט אויס חושד געווען רבי משה׳לע, האט ער אים מיט געוואלד געפירט צום דארף וואו ער האט געוואוינט, און אים איבער געגעבן פאר׳ן שופט, כדי אים צו פירן דעם אנדערן טאג צו דער רעגירונג,

זעענדיג ווי ער איז דא אריין געפאלן אין נעץ, און מ׳הערט בכלל נישט אויס זיין פארטיידיגונג, האט רבי משה׳לע געבעטן דעם איד, ער זאל אים כאטש לאזן אריין גיין אינעם דארף ביז נאך יום הקדוש, כדי ער זאל קענען דאווענען יום הכיפורים בציבור, דער איד האט מסכים געווען, מ׳האט אריין געזעצט רבי משה׳לע אין ארעסט–הויז, און ערב יום הקדוש פארנאכט האט מען אים געברענגט, מיט א פאליצייאישער באגלייטונג, ביז צום שול פונעם דארף,

צום עמוד איז צו געגאנגען א פשוט׳ער שליח ציבור, און דער הייליגער רבי משה איז געבליבן שטיין נעבן דער טיר, אונטער׳ן אויפזיכט פון א פאליציאנט, און דארט געדאווענט מיט זיין געווענליכע התלהבות די תפילת כל נדרי און מעריבית, פארשטייט זיך אז פון אזא דאווענען האבן די ארטיגע מענטשן באלד געזען, אז דער ארעסטירטער איז אן איש אלקים קדוש, נישט קיין גנב, און באלד האבן זיי אוועק געשיקט דעם פאליציאנט, זיי האבן אויך גע׳פטר׳ט דעם שליח ציבור פון דארפן דינען אלס בעל תפלה,

צומארגנס האט רבי משה׳לע מסאמבור געדאווענט לויט זייער בקשה די אלע תפלות פון יום הקדוש בייטאג,

זקוקין דנורא זענען ארויס פון זיין הייליג מויל, און די אלע אידן פון יענעם דארף זענען באהערשט געווארן פון דעם חרדת אלקים, ווייל אזא הייליגן און מורא׳דיגן דאווענען האבן זייערע אויערן קיינמאל פריער נישט געהאט געהערט,

ווען רבי משה׳לע מסאמבור איז נאך יום הקדוש געפארן קיין לובלין, האט אים דער רבי פון לובלין אויף גענומען מיט א שמייכל און געפרעגט, ר׳ משה ווי אזוי איז געווען יום הקדוש, האט ער דערציילט דאס גאנצע געשעעניש. האט אים דער לובלינער געזאגט אז דאס האט מען פון הימל אזוי צו געפירט, כדי ער זאל מחזיר בתשובה זיין און מעורר זיין די הערצער פון די איינוואוינער פון יענעם דארף,

דער זון פונעם צדיק רבי משה מסאמבור הרה״ק רבי יהודה צבי מראזלא זי״ע איז געווען מפורסם מיט זיינע הייליגע דברי תורה וואס ער האט כסדר געזאגט פאר זיינע חסידים און תלמידים, האט דער זון רבי יהודה צבי זי״ע געזאגט אמאל,

איך וויס אז מיינע דברי תורה זענען טאקע העכער ווי מיין טאטן׳ס דברי תורה, אבער איך וואלט דאס אלעס אוועק געגעבן צו האבן נאר איין אבר אזוי הייליג ווי מיין טאטן׳ס אלע איברים, ווייל דער טאטע האט געהאט אזא קדושה וטהרה אויפן גאנצן גוף קדוש,

האט מען דערציילט אז ממש בעפאר די הסתלקות פונעם צדיק וקדוש רבי משה מסאמבור זי״ע, איז געקומען א איד זיך מזכיר זיין פאר גרויסע ישועה וואס ער האט געברויכט, האט דער צדיק וקדוש דאן געזאגט פאר דעם איד בזה״ל, ״אז איך וועל דיר נישט העלפן אין די שיך, וועל איך דיר העלפן אין די זאקין״, לפלא נאכדעם וואס דער צדיק איז נסתלק געווארן האט דער איד געהאט א גרויסע ישועה בזכות פון דעם צדיק וקדוש,

הרה״ק בעל אמרי יוסף מספינקא זי״ע האט נאך געזאגט בשם הרה״ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי״ע, אז דער צדיק הרה״ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע איז געקומען פון תורה צו עבודת השם, ווייל דער עטרת צבי איז געווען א גאון מובהק בנגלה ובנסתר און ער האט געענדיגט גאנץ ש״ס 7 מאל אין איין יאר, און דורך דעם כח התורה איז ער אנגעקומען צו זיין הייליגע עבודת השם בקדושה וטהרה,

אבער דער ברודער הרה״ק רבי משה מסאמבור זי״ע איז געקומען פון עבודת השם צו זיין גדלות בתורה, ווייל זיין דרך אין עבודת השם איז געווען מיט א דביקות און התלהבות אש דקדושה און מיט א ברען צום הייליגען באשעפער, און דורך דעם קדושה האט דער באשעפער משפיע געווען דעם אור תורה אויף א גאר געהויבענע פארנעם און מיט א געוואלדיגע קדושת התורה,

איינמאל האט פאסירט אז צוויי פון די אור אייניקלעך פונעם צדיק וקדוש רבי משה מסאמבור זי״ע זענען שטארק קראנק געווארן ל״ע, דאס זענען געווען אייניקלעך פון זיין זון הרה״ק רבי יהודה צבי מראזלא זי״ע, די קינדער פון זיין איידעם הרה״ק רבי יעקב האגער זי״ע בן הרה״ק רבי דוד מזאבליטוב זי״ע, זיי זענען שוין געווען אזוי קראנק אז ס׳איז שוין געווען לאחר היאוש רח״ל,

דער ראזלער רב זי״ע האט דעמאלט געזען אין חלום זיין הייליגן רבי׳ן, דער פעטער און שווער הרה״ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע וועלכער איז שוין דאן געווען בעולם העליון, און ער האט אים געזען מיט צוויי לעכער אין זיין הייליג הארץ, דער ראזלער רב זי״ע האט זיך זעהר דערשראקן דערפון, ער האט פארשטאנען אז די צוויי לעכער אין הארץ באדייטן אז די צוויי קינדער וועלן רח״ל אוועקגיין פון דער וועלט,

האט דער ראזלער רב דאן אויס געזאגט דריי מאל תהלים פאר די קינדער, אבער פארט האט ער דעמאלט מרגיש געווען אז זיינע תפלות האבן נישט עושה רושם געווען און די קינדער זענען נאך אין א סכנה ר״ל,

האט דער ראזלער רב אפגעשריבן א בריוו צו זיין הייליגן טאטן רבי משה מסאמבור זי״ע, וועלכער האט שוין דעמאלט געוואוינט אין זידיטשוב, און אים געבעטן ער זאל מתפלל זיין פאר זיינע אייניקלעך, און דעם בריוו האט ער געשיקט מיט זיין איידעם, דער פאטער פון די קינדער, רבי יעקב האגער זי״ע,

ווען דער זיידע רבי משה מסאמבור זי״ע האט באקומען דעם בריוו, האט ער זיך אנגערופן בזה״ל, ״מיין זון דער ראזלער רב קערט איבער וועלטן, ער האט שוין דריי מאל אויס געזאגט תהילים, ווייל ער האט געזען דעם רבי׳ן מיט צוויי לעכער אין הארץ. נו, וואס איז אז מען קען נישט אויף יענעם עולם העלפן, מיר זענען נאך ב״ה אויף דעם עולם. נא דיר א בריוול וואס מ׳זאל לייגן

אונטער'ן קישן פון די קינדער, וועלן זיי תיכף געזונט ווערן".

רבי משה'לע זי"ע האט דעמאלט אפ געשריבן א בריוו בזה"ל, "אני גוזר ואומר אשר תיכף יתרפאו השני ילדים ויקומו ממטתם בריאים ושלמים", דעם ראזלער רב'ס איידעם רבי יעקב איז תיכף אהיים געפארן און אונטערגעלייגט דעם בריוו אונטער'ן קישן פון די קינדער, און תיכף ומיד איז זיי בעסער געווארן ביז זיי זענען גענצליך געזונט געווארן, ותחיין את הילדים, והי' לפלא ולאות, ווען הרה"ק רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע האט אמאל דערציילט די מעשה האט ער אויס געפירט, ווער קען זיך דען צו גלייכן צום פעטער רבי משה'לע. ער איז געווען העכער פון שכל, העכער פון זמן און העכער פון די טבע.

דער צדיק וקדוש רבי משה מסאמבור זי"ע איז געווען גאר שטארק בידידות מיט הגה"ק רבי יעקב משולם בעל ישועות יעקב מלבוב זי"ע, ווען דער צדיק רבי משה מסאמבור זי"ע איז דאס ערשטע מאל געפארן קיין לובלין צום הייליגען חוזה זי"ע, האט ער דארט פארברענגט פאר א שטיק צייט,

ווען ער איז צוריק געקומען און האט געטראפן זיין חבר דעם הייליגען ישועות יעקב זי"ע, האט אים דער גאון געפרעגט, איך לערן דאך מיט דיר גאר אסאך תורה, אויב אזוי פארוואס ברויכסטו פארן צו א רבי, אויב איז דאס פאר עבודת השם, קען מען דאך אריין קוקען אינעם של"ה הקדוש אדער אינעם אלשיך הקדוש און דארט נעמען א דרך אין עבודת השם,

האט דער צדיק וקדוש רבי משה'לע זי"ע געענטפערט, עס איז דא א סוגיא אין מסכת עירובין פון א מבוי וואס איז געמאכט כנדל, וואס אלע ראשונים און אחרונים זענען זיך מחולק ווי אזוי עס ברויך ווערן געמאכט, יעצט אויב וואלט דער גאון געהערט אז אין א ווייטע שטאט איז דא א מבוי וואס איז געמאכט ממש אויף דעם וועג, און זעענדיג יענעם מבוי קען מען בעסער פארשטיין דעם סוגיא, וואלט דער גאון געפארן צו א ווייטע שטאט נאר כדי צו זען דעם מבוי, האט דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע געזאגט, אוודאי וואלט איך אהין געפארן,

האט דער צדיק וקדוש רבי משה'לע זי"ע ממשיך געווען, יעצט אז עס איז דא אזאנע הייליגע חיבורים ווי דער של"ה הקדוש און דער אלשיך הקדוש וואס געבן א דרך אין עבודת השם, דאס איז טאקע גאר גרויס, אבער אין לובלין איז דא א צדיק ווי דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, וואס דארט קען מען ממש זען בחוש ווי אזוי מען ברויך דינען דעם באשעפער, איז דען נישט ווערט צו פארן און זען מיט די אויגן ווי אזוי מען ברויך דינען דעם אייבערשטן,

**יארצייט**
**זונטאג ו׳ אייר**

**הרה״ק רבי יוסף מאיר ב״ר שמואל צבי זי״ע, (ווייס), בעל אמרי יוסף, וראש שושלת ספינקא,**

ער איז געבוירן אין שטאט מונקאטש, ח״י אדר בשנת תקצ״ח,

צו זיין טאטע הרה״ק רבי שמואל צבי ווייס דומ״ץ מונקאטש זי״ע, ברודער פונעם גאון וקדוש דער בעל בית יצחק מסוואליווע זי״ע,
בן הרה״ק רבי אברהם ממונקאטש זי״ע, וואס איז געווארן אויף געצויגען ביים צדיק הרה״ק רבי אייזיק׳ל קאלובער זי״ע, זייענדיג א קיילעכדיגער יתום מאב ואם גאר יונג, און דער זיידע איז געווען ממש ווי א אייגן קינד ביים הייליגען קאלובער זי״ע, און ביי די הסתלקות האט דער הייליגער קאלובער זי״ע איבער געלאזט פאר רבי אברהם ירושה א גרויסע סכום געלט, און געבעטן אז ער זאל דורך׳ן יאר דאווענען פארן עמוד נאך אים ווי א אייגן קינד,
בן הרה״ק רבי שמואל צבי הראשון גריסגאט ווייס זי״ע,

(דער זיידע רבי שמואל צבי הראשון זי״ע האט זיך געביטען דעם נאמען פון גריסגאט צו ווייס, נישט וועלענדיג משתמש זיין מיט א נאמען וואס האט אין זיך דעם באשעפער׳ס נאמען),

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת צירל ע״ה,
בת הגה״צ רבי צבי הירש אסטרייכער מדרוהוביטש זי״ע,
פון די גרויסע תלמידים פונעם חוזה מלובלין זי״ע, און דערנאך א תלמיד פון הרה״ק רבי צבי הירש מזידיטשוב זי״ע,

ער איז געווען א גאון עולם און א חריף עצום בתורה און געווען מפורסם אלס א עילוי נפלא בתורה, ער איז געווען א בקי בש״ס בבלי ירושלמי פוסקים ראשונים און אחרונים מיט א געוואלדיגע חריפות ובקיאות, ער איז געווען א איש קדוש מאוד און זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה,

שוין פון אלס קינד האט מען געזען סימני טהרה אויף דעם צדיק וקדוש, ער האט זיך שוין דאן געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה, ער איז געווען א עניו ושפל ברך און פון זיך קיינמאל נישט געהאלטן, ער האט זיין גאנץ לעבן געדינט דעם באשעפער מיט א מסירת נפש ממש, חוץ שבת קודש איז דער צדיק וקדוש נישט געשלאפן אין קיין בעט, ביי חצות איז דער צדיק שוין אויף געווען און עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה,

נאך פון אלס קינד האט מען אויף דעם קינד געזעהן כי לגדולות נוצר, מען פארציילט אז ביי די ניין יאר האט ער איבער גע׳חזר׳ט אין בעט אסאך סימנים שו״ע און חו״מ בעל פה, בעפארן שלאפען גיין,

פאר א יאר האט ער געלערנט ביים פעטער הגה״ק רבי יצחק אייזיק ווייס בעל בית יצחק מסוואליווע זי״ע, וואס דארט האט דער גאון וקדוש עוסק געווען בתורה מט א געוואלדיגע התמדה, דארט האט ער אלס יונגער בחור געשעפט געוואלדיגע אוצרות בתורת הנגלה והנסתר,

בשנת תר״ב איז דער צדיק געגאנגען לערנען קיין אונגוואר אין די ישיבה פון הגה״ק רבי מאיר א״ש בעל מהר״ם א״ש אב״ד אונגוואר זי״ע, שפעטער ווען דער מהר״ם א״ש איז נסתלק געווארן, איז ער אריבער לערנען ביים זון הגה״ק רבי מנחם א״ש זי״ע, און נאכדעם איז ער געפארן לערנען אין די ישיבה פון הגה״ק רבי שמואל שמעלקא קליין בעל צרור החיים אב״ד סעליש זי״ע,

ער פלעגט האבן א סדר מיט א תלמיד וואס זאל אים אויפוועקן יעדן נאכט ביי חצות, איין נאכט איז דער תלמיד פאר שלאפען, האט מען דעם רבין אויפגעוועקט פון הימל, ווען א כלי איז אראפגעפאלן אויף דער ערד ביי חצות,

זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש און דביקות און מיט א אש קדוש, זיין עבודת הצדקה איז געווען אויסטערליש גרויס, כמה וכמה יתומים און יתומות האט דער צדיק אליין חתונה געמאכט, און געהאט א מנהג צו גיין אליין נאך געלט כאטש איינמאל א וואך,

אויך האט ער געהאט א געוואלדיגע עבודה אין משמח זיין חתן וכלה ספעציעל ביי א יתום אדער יתומה, אויך ביי זיינע חסידים פלעגט ער קומען צום חתונה און מקיים געווען דעם כיצד מרקדין לפני הכלה מיט זיין ריקודין של מצוה, דער צדיק פלעגט משמח זיין חתן כלה מיט דברי בדחנות, וואס אין דעם האט דער צדיק געהאט גאר הויכע כוונות נוראות, און מען האט דאן געקענט זעהן אז דאס איז געווען מיט גרויסע יחודים.

ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, טויזנטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און מיטהאלטן זיין עבודת הקודש וואס איז געווען כולו לשם שמים.

זיין אהבת ישראל איז געווען גאר גרויס, ער האט אייביג מלמד זכות געווען אויף יעדן איד אפילו שוואכע נשמות, ער האט קיינמאל נישט געזאגט קיין שלעכט ווארט אויף א איד, אפילו די וואס זענען געווען זיינע מתנגדים, און ווען מען האט אים פארציילט א שלעכטע זאך אויף א איד, האט ער אייביג פראובירט צו טרעפן א לימוד זכות אויף דעם איד, און אויב האט ער נישט געטראפן האט ער געזאגט, אז די שלעכטע מעשה איז זיכער נישט אמת.

אויך איז ער געווען מפורסם אלס א בקי בתורת הקבלה און תורת האריז"ל, און מען האט פארציילט אז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט זיך אסאך דורך גערעדט מיט דעם הייליגן אמרי יוסף זי"ע אין קבלה,

בשנת תרי"ד האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת פערל ע"ה,
בת החסיד הנגיד רבי מרדכי מבארשא ז"ל,
דער שווער זיינער האט גאר שנעל געזען דאס גדלות פון זיין גרויסן איידעם, האט ער אים אויף געמאכט א ישיבה, און דארט האט ער געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה און מרביץ תורה געווען פאר אסאך תלמידים מיט א געוואלדיגע מסירת נפש,

נאך זיין חתונה האט ער זיך מדבק געווען אין אסאך צדיקי הדור, ובתוכם הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, און הרה"ק רבי מנחם מענדל בעל צמח צדיק מוויזניץ זי"ע. וואס ווי באקאנט האט דער הייליגער צמח צדיק דאן געלערנט מיטן רבין די כוונות וואס מען ברויך אינזין האבן ביים נעמען קוויטלעך, וואס די כוונות האט דער הייליגער צמח צדיק מקבל געווען פון די צדיקים הרה"ק רבי ישראל מרוזין זי"ע, און הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע און אויך פון הרה"ק רבי יצחק אייזיק וויים בעל בית יצחק מסוואליווע זי"ע,

אבער ליידער נאך דריי יאר בשנת תרי"ז איז זיין אשת נעוריו די זיווג ראשון נפטר געווארן אן איבער לאזן זש"ק, דאן איז ער אוועק פון שטאט בארשא און צוריק וואוינען אין שטאט מונקאטש ביים טאטן זי"ע.

בשנת תרי"ח האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת הינדא ע"ה,
בת הגה"ח רבי מאיר ממונקאטש זי"ע,
וואס דער שווער האט אויך געזען דעם גדלות פונעם איידעם, און אסאך ארויס געהאלפן מיט אלעם וואס האט זיך אויסגעפעלט, אז דער איידעם דער גאון דער אמרי יוסף זאל קענען זיצן על התורה ועבודה יומם ולילה.

אבער פון הימל האט מען געוואלט אנדערשט און דער צדיק וקדוש רבי יוסף מאיר איז א קורצע צייט שפעטער רח"ל זייער קראנק געווארן, און די דאקטוירים האבן נישט געוויסט וואס צו העלפן דעם רבין.

איז די טאטע הרה"ק רבי שמואל צבי זי"ע, געפארן צום צדיק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע צו מזכיר זיין דעם זוהן און בעטן אז ער זאל מעורר רחמים זיין פארן זוהן, דער הייליגער זידיטשובער האט אים געגעבן א ברכה פאר א רפואה שלימה, אבער דער טאטע האט זיך נישט געלאזט און געבעטן אז די רבי זאל מבטיח זיין א רפואה.

האט רבי אייזיק'ל מזידיטשוב געגעבן די האנט און געזאגט, "איך בין מבטיח אז ער וועט האבן א רפואה שלימה", און תוך כדי דיבור האט זיך דער צדיק מזידיטשוב געכאפט, אז ער האט מבטיח געווען א ברכה, וואס איז געווען קעגן זיין מנהג, האט ער צו געלייגט, "בתנאי אז ער זאל זיין פון אונזערע מענטשן",

פארשטייט זיך אז מיטן ברכה פונעם הייליגען זידיטשובער האט דער זוהן רבי יוסף מאיר זי"ע געהאט א רפואה שלימה און איז אינגאנצן געזונט געווארן, דאן האט זיך דער זוהן רבי יוסף מאיר טאקע מדבק געווען אונעם צדיק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע און אים גענומען אלס זיין רבו מובהק ביז צו די פטירה פון זיין רבי ט' סיון בשנת תרל"ג.

נאכן פטירה פון זיין רבי האט ער זיך מדבק געווען אינעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, וואס האט דעם רבין זייער מחבב געווען,

הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז ווען דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע איז דאס ערשטע מאל געקומען נאכן הסתלקות פון זיין רבי מזידיטשוב זי"ע קיין צאנז, האט אים דער צאנזער רב פארציילט, אז ווען ער דער דברי חיים איז געקומען צו רבי הערשעלע מזידיטשוב זי"ע לאחר הסתלקות פון זיין רבי דער ראפשיצער רב זי"ע, האט אים רבי הערשעלע געזאגט, הגם ער פרייט זיך מיט זיין קומען, אבער ווען ער דערמאנט זיך פארוואס ער קומט, ווערט אים א לאך אין

הארץ, און די זעלבע זאך דא האט דער דברי חיים אויס געפירט.

ליידער בערך בשנת תרכ"ט איז נפטר געווארן זיין צווייטע רעבעצין, פארשטייט זיך אז דאס האט דעם צדיק גאר שטארק מצער געווען, אבער דער צדיק וקדוש האט זיך מחזק געווען און זיך געשטארקט און ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א מסירת נפש.

בשנת תר"ל האט דער צדיק חתונה געהאט בזיווג שלישי מיט הרבנית הצדקת מרת פערל ע"ה,
בת הנגיד רבי עזרא יעקב באש מספינקא ז"ל.

דער שווער רבי עזרא יעקב ז"ל איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, און דער טאכטער איז געווארן אן אלמנה פון הגה"ק רבי יונתן פאללאק זי"ע, און די טאכטער האט ביי זיך אפ געמאכט, אז זי וועט נאר חתונה האבן נאכאמאל מיט איינעם א תלמיד חכם און א ירא שמים, און בהמלצת פונעם דברי חיים זי"ע האט זי טאקע זוכה געווען צו חתונה האבן מיט דעם צדיק וקדוש דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע.

דער זיווג האט פאר אפאר יאר נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, אבער בשנת תרל"ד האבן זיי באקומען א ברכה פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, אז זיי וועלן זוכה זיין צו דורות צדיקים ותלמידי חכמים, און עס וועט מקיים ווערן דעם לא ימושו מפיך ומפי זרעך עד עולם, און טאקע בשנת תרל"ה איז צו זיי געבוירען געווארן דער זון הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל חקל יצחק מספינקא זי"ע.

אויך האט ער אין די יונגע יארן געהאט די זכי' צו באקומען א ברכה פון אפאר צדיקי הדור ובתוכם,
הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
הרה"ק רבי הערשעלע מרימנוב זי"ע,
הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע.

אויך איז ער איינמאל געפארן מיט זיין טאטע צו הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע און דער הייליגער בעלזא רב האט ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויפן קאפ פונעם הייליגען אמרי יוסף זי"ע, און אים געבענטשט און געזאגט "א שיין מוח'ל, א שיין מוח'ל".

נאך בחייו פון זיין רבין האט אים זיין רבי מכתיר געווען אלס א רבי, אבער ער האט נישט געוואלט נעמען קיין רבנות בחייו פון זיין רבין, בשנת תרל"ג נאכן הסתלקות פון זיין רבי מזידיטשוב האבן א חלק פון די חסידים פון זיין רבין אים מכתיר געווען אלס רב אין שטאט ספינקא נעבן מארמאראש.

אסאך אידן זענען געקומען קיין ספינקא זיך מסתופף זיין בצל פון דעם צדיק וקדוש, אפילו פון די ארימיגע שטעט פלעגט מען קומען אויף שבתים און ימים טובים צו מיט האלטן זיין עבודת הקודש.

אויך גדולי דורו זענען געקומען צו אים ובתוכם הגה"ק בעל המהרש"ם מבערזאן זי"ע און הגה"ק רבי דוד שפרבר אב"ד בראשוב זי"ע, וואס האבן זיך געציילט צווישן זיינע גרויסע חסידים.

ער האט פארלוירן צוויי פון זיינע זיווגים, און אויך סוף ימיו שטארק קראנק געווארן, אבער ער האט אלעס אן גענומען באהבה און עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א מסירת נפש און נישט געלאזט אז די אלע שוועריקייטן זאלן אים ח"ו שטערן פון זיין עבודת הקודש.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן און זיין ספר אמרי יוסף, וואס איז גאר אסאך געזאגט בדרך כתבי האריז"ל, און אויך איז דא אסאך דברי תורה פונעם צדיק, אינעם ספר פון זיין הייליגען רבין מזידיטשוב ספר ליקוטי מהרי"א וואס ער האט געדריקט פון די דברי תורה פון זיין רבי מזידיטשוב זי"ע.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל חקל יצחק אב"ד ספינקא זי"ע, הי"ד, זיין איידעם איז געווען הרה"ק רבי אברהם אביש הורוויץ אב"ד קראלי זי"ע, די טאטע פון הרה"ק רבי שמואל צבי הורוויץ אב"ד ספינקא זי"ע, באוואוסט אלץ "רבי הערשעלע ספינקער",
בתו, הצדקת מרת צירל ע"ה, אשת הרה"ק רבי נחמן כהנא בעל ארחות חיים אב"ד ספינקא זי"ע,
בתו, הצדקת מרת אלטע חנה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יעקב משה ספרין מקאמארנא זי"ע,
בתו, הצדקת מרת מלכה ע"ה, הרה"ק רבי אביגדור פאלאך מסיגוט זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ביום ג' פרשת אחרי קדושים ו' אייר בשנת תרס"ט, ומנוחתו כבוד איז געווען בביה"ח אין שטאט ספינקא.

בשנת תשל"ב האט מען דעם גוף קדוש פונעם הייליגען אמרי יוסף זי"ע מפנה געווען און ארויף געבערענגט קיין ארץ ישראל, און מען האט אים באערדיגט אין ביהכ"ח סגולה אין געגנט פון פתח תקווה,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הרה"ק רבי משה מזידיטשוב זי"ע האט פארציילט, אז זיין טאטע הרה"ק רבי ישכר דוב בעל מלבוש לשבת ויו"ט זי"ע, איז געווען אויפן יו"ט סוכות בשנת תרל"ג ביים צדיק הרה"ק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע וואס דאס איז געווען דאס לעצטע יאר בחייו, און די ערשטע נאכט יו"ט ביי די סעודה, האט דער טאטע דער הייליגער צדיק רבי אייזיק'ל זידיטשובער געזאגט פארן זוהן, "וועסט דאך אמאל זיין א רבי, על כן לאמיר עסן פון איין טעלער און די וועסט טיילען שיריים".

דעם צווייטן טאג יו"ט האט דער הייליגער זידיטשובער זי"ע געזאגט פאר זיין תלמיד דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע, "די וועסט דאך אויך זיין א רבי, על כן לאמיר עסן פון איין טעלער און די וועסט טיילען שיריים".

עס האט פארציילט א אייניקל פון הנגיד הנכבד הרה"ח ר' שמעון אלכסנדר גאטעסמאן ע"ה וואס איז געווען א גרויסע קאמארנא חסיד, אויפן וועג קיין קאמארנא פלעגט דער חסיד אסאך אריינגיין צום צדיק דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע, איין צופרי ווען ער איז געווען אויפן וועג, האט ער געזעהן אז די פערדן פארן נישט אויפן געוועגליכען וועג, און וויפיל ער האט פראובירט צו פירן אויפן ריכטיגע וועג איז עס נישט געגאנגען, און נאך א שטיק צייט האט ער זיך געטראפן אין שטאט ספינקא,

דער הייליגער אמרי יוסף האט געהאט א מנהג יעדן טאג בעפארן דאווענען שחרית, האט ער פארטיילט א געוויסע סכום געלט פאר צדקה, און דאן איז ער געגאנגען דאווענען שחרית, און אויב ער האט נישט געהאט דעם סכום האט ער דאס געבארגט פון איינע פון די אידן אין שטאט, יענעם טאג האט דער הייליגער אמרי יוסף נישט געהאט דעם סכום, און ער האט נישט געטראפן קיינעם פון וועמען ער זאל קענען בארגען דעם סכום געלט, האט זיך דער צדיק נישט געשטעלט דאווענען שחרית,

ווען דער חסיד ר' שמעון איז אנגעקומען קיין ספינקא, האט ער געזעהן אידן שטיין אינדרויסן פונעם שוהל, האט ער געפרעגט וואס גייט פאר, האט מען אים פארציילט אז די רבי וויל זיך נישט שטעלן דאווענען ביז ער האט נישט דעם סכום פאר צדקה, איז ר' שמעון אריין צום רבין און אויף געמאכט דעם בערזל און געזאגט פארן רבין, "די רבי זאל נעמען וויפיל ער דארף",

דאן האט ער פארציילט פארן אמרי יוסף די גאנצע מעשה מיט די פערד, האט דער הייליגער אמרי יוסף געזאגט, איך האב נישט געהאט דעם סכום געלט וואס איך געב יעדן טאג בעפאר איך דאווען, און איך האב מיך נישט געוואלט שטעלן דאווענען, פלוצלונג ביסטו מיר אין זינען געקומען און איך האב געטראכט, אז אפשר ביסטו יעצט אינמיטן וועג, דאן האט שוין דער חסיד גוט פארשטאנען פארוואס די פערד זענען אראפ פונעם ריכטיגע וועג, "כדי לעשות רצון צדיק ולעשות נחת רוח לעבדיו".

דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע האט אמאל געזאגט, אז ער האט פאר א יאר און א האלב געדאווענט צוזאמען מיטן הייליגען קדושת לוי זי"ע, האט אים איינע פון די חסידים געפרעגט, דער קדושת לוי איז דאך נסתלק געווארן נאך בעפאר די רבי איז געבוירן געווארן,

האט דער צדיק דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע געזאגט, אז איינמאל האב איך געלערנט א שטיקל קדושת לוי בענין התפילה, און איך בין פון דעם מאמר פונעם קדושת לוי זייער נתעורר געווארן, און פאר די קומענדיגע יאר און א האלב האב איך געדאווענט מדי יום ביומו מיט א געוואלדיגע התלהבות און התעוררות עצומה, און דערפאר זאג איך אז איך האב געדאווענט צוזאמען מיטן הייליגען קדושת לוי פאר א יאר און א האלב,

און פון דעם קען מען אויך פארשטיין וואס הרה"ק רבי משה גרינוואלד בעל ערוגת הבושם אב"ד חוסט זי"ע האט געזאגט ביים לוי' פונעם הייליגען אמרי יוסף זי"ע, אז ביים שמונה עשרה פונעם הייליגען אמרי יוסף זי"ע האט מען אין די 18 קילומטער ארום דעם שטאט ספינקא געשפירט די קדושה פונעם דאווענען פונעם הייליגען אמרי יוסף, ווייל א איד וואס קען זאגן די ווערטער, אז

דורך א מאמר פונעם קדושת לוי האט ער געשפירט ווי ער האט גדאווענט מיטן קדושת לוי, זעט מען מיט וואסערע כח דקדושה דער הייליגער צדיק האט גדאווענט, לימים האבן אידן אויס גערעכנט, און האבן געזען, אז ממש 18 קילומטר איז דא צווישן שטאט ספינקא און דעם שטאט חוסט, ויהי לפלא.

הרה"ח ר' דוד מארקאוויטש ע"ה א גרויסע חסיד פונעם אמרי יוסף האט געהאט א געשעפט אלס זייגער מאכער, און סיי אידן און אויך גוים זענען געקומען צו אים פאריכטען זייגער'ס, און ער האט פון דעם געמאכט שיין פרנסה, איין טאג האט א גוי אויף געמאכט א געשעפט וואס פארקויפט גאלד אין זיבער און אויך א זייגער מאכער, און דאס האט זייער געשאדט פארן איד ווייל די גוים האבן אנגעהויבן גיין צום גוי,

איז דער איד אריבער געפארן צו זיין רבין דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע, און זיך מזכיר געווען אז דער גוי איז אים מקפח זיין פרנסה, האט אים די רבי געזאגט, "איך ווייס דיר נישט וואס צו ענטפערן, בלייב איבער דא ביי מיר אין שטאט ביז מארגן, און מארגן וועסטו אהיים גיין מיט א אייזערנע כלי", דער חסיד האט נישט פארשטאנען וואס די ווערטער מיינען, אבער מיט זיין אמונת צדיקים איז ער געבליבן אין שטאט ספינקא ביז די קומענדיגע טאג,

צופרי האט אים די רבי געהייסן אהיים פארן, האט דער איד נאכאמאל מזכיר געווען וועגן דעם גוי וואס נעמט אים צו די פרנסה, האט די רבי נאכאמאל געזאגט די ווערטער "איך ווייס דיר נישט וואס צו ענטפערן, אבער פאר אהיים געזונטערהייט רואיגערהייט, און דו וועסט זעהן די ישועה",

ווען דער איד איז אנגעקומען אין שטאט, האט ער געזעהן די פאליציי שטייט ביים געשעפט פונעם גוי און זיי זוכן דעם גוי, ווען דער איד האט געפרעגט וואס עס גייט פאר, האט מען אים פארציילט, אז דער גוי האט פארקויפט פאר יעדן פאלשע גאלד אין זיבער וואס איז באמת געווען אייזן און ער איז אנטלאפן, פון דאן און ווייטער האט דער איד געהאט פרנסה ברוח, ווייל אפילו די גוים האבן געזעהן אז אויפן איד קען מען זיך פארלאזן, און די ברכה פונעם צדיק איז מקיים געווארן.

ווי באקאנט איז דער הייליגער שינאווע רב זי"ע געפארן אויף א נסיעה קיין ארץ ישראל, און די חסידים פונעם אמרי יוסף האבן זייער געוואלט אז דער אמרי יוסף זאל אויך פארן קיין ארץ ישראל מיטן שינאווא רב זי"ע, אבער דער הייליגער אמרי יוסף האט געזאגט אז ער וויל נישט פארן, ווייל די וועג קיין ארץ ישראל האט שווערע טלטול הדרך, און ער האט מורא אז ער וועט אויפן וועג נישט קענען אינזין האבן די כוונת אר"י ז"ל, און דערפאר האט ער נישט געוואלט פארן.

עס איז ידוע אז הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע האט געזאגט בזה"ל, "ווען איך גיי ארויף אין די הימלען ברענגען פאר יודען ישועות, באגעגין איך שוין מאיר יוסף (הרה"ק רבי יוסף מאיר מספינקא זי"ע, וואס כידוע האבן די תלמידי בעש"ט איבער געדריידט די נעמען מחמת חביבות), ווי ער טלאפעט מיט די גרויסע שטיוואלעס מיט פילע שאקוועס מיט ישועות פאר יודען".

הרה"ח ר' מאיר לייפער ז"ל האט פארציילט, אז איין שבת קודש ביי שלש סעודות אינמיטן די דברי תורה האט דער הייליגער אמרי יוסף זייער געוויינט, נאך א שטיק צייט האט מען געזעהן ווי דער צדיק שמייכעלט, ווען מען האט געפרעגט דעם אמרי יוסף די סיבה, האט ער פארציילט די מעשה,

ער האט געזעהן אין הימל א חסיד זיינער וואס איז שוין געווען בעולם האמת, און מען האט אים געפירט אין גיהנום מוצאי שבת קודש, און דער איד האט געזאגט פארן מלאך אז מען קען אים נאכנישט פירן אין גיהנום, ווייל ביי זיין רבי איז נאך יעצט שבת,

האט מען דעם איד געטראגען צום בית דין של מעלה, און דער איד האט איבער געזאגט זיין טענה, האט מען אים געפרעגט ווער איז דיין רבי, האט דער איד געזאגט רבי יוסף מאיר מספינקא, האט דער אמרי יוסף אויסגעפירט, אז אין הימל איז געווארן א גרויס געלעכטער, און מען האט געזאגט, "ר' יוסף מאיר איז אויך א רבי", אבער מען האט טאקע גע'פסק'נט, אז וויבאלד דער איד איז טאקע געווען מקושר בעולם הזה אין זיין רבי, איז ער גערעכט מיט זיין טענה.

און ווי עס איז באוויסט ביי די חסידים פונעם הייליגן אמרי יוסף זי"ע, האט דער צדיק מיט זיין גרויסע כוח אסאך נשמות וואס האבן געברויכט א תיקון אויפן עולם האמת ארויס געהאלפן און געברענגט פאר זיי א תיקון, ספעציעל פאר די נשמות וואס זענען געווען צו אים

מקושר אויף די וועלט, וואס פאר די נשמות האט זיך דער צדיק געלייגט אויף די לענג און די ברייט זיי א טובה טון.

מען פארציילט אז בשנת תשל"ב ווען מען האט אריבער געברענגט דעם גוף קדוש פונעם אמרי יוסף אויף ארץ ישראל, האבן די חברה קדישא וואס האבן זיך אפגעגעבן מיטן צדיק געזאגט, אז זיין גוף איז געווען גאנץ ווי ער וואלט יעצט נפטר געווארן אפילו זייענדיג שוין איבער 70 יאר נאך זיין פטירה.

הגה"צ רבי בנימין מנדלזון גאב"ד קוממיות זי"ע איז אויך געקומען צום לוי' אין ארץ ישראל, האט מען אים געפרעגט אויב מען זאל מאכן נאך א טהרה פארן גוף פונעם צדיק בעפאר מען באערדיגט אים, האט ער געזאגט אז מען זאל נישט מאכן נאכאמאל קיין טהרה פאר דעם גוף קדוש.

ווי באוויסט איז דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע געווען גאר שטארק מקושר צום הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, איינמאל ווען ער איז געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פונעם דברי חיים זי"ע, האט אים דער צאנזער רב געזאגט, רבי יוסף מאיר, מיין ספר תיקוני זוהר איז שוין גאר אלט און צוריסען, און עס איז מיר שוין שווער צו לערנען דערין, אויב עס איז דיר ניחא מיר צו געבן דיין ספר תיקוני הזוהר, און איך וועל דיר געבן מיין ספר וואלט איך הנאה געהאט.

פארשטייט זיך אז דער צדיק דער אמרי יוסף זי"ע האט זיך צו דעם צו געכאפט, און ער האט איינגעטוישט זיין ספר הזוהר פארן רבין'ס ספר הזוהר, דער הייליגער אמרי יוסף האט דעם ספר הזוהר געהאלטן גאר חשוב און כסדר געלערנט דערין, ער האט דערציילט אז ער פלעגט כסדר טרעפן האר פונעם בארד פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, לפלא גלייך נאכן הסתלקות פונעם רבין דער דברי חיים זי"ע, האט ער מער קיינמאל נישט געטראפן קיין איין איינציג האר אינעם ספר.

דער זון הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל חקל יצחק אב"ד ספינקא זי"ע, הי"ד, האט מעיד געווען, אז דער טאטע דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע האט אלע ישועות וואס ער האט געברענגט, דאס נישט געפוילט מיט קיין שום גשמיות'דיגע פעולות, נאר ער האט דאס אלעס געטון מיט זיין גרויסע כוח התורה, אפילו ווען מען איז געקומען מזכיר זיין א צרה וואס מען האט געהאט מיט די מלוכה און שרי המדינה, האט דער צדיק בכלל נישט עוסק געווען אין פעולות גשמיות, נאר ער האט מיט זיין גרויסע כוח התורה מבטל געווען די גזירות, ספעציעל האט מען געזען זיין גרויסע כח ביי שלש סעודות, וואס דאן האט דער צדיק מבטל געווען גאר גרויסע גזירות.

הגה"ק רבי דוד שפרבר מבראשוי זי"ע איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען אמרי יוסף מספינקא זי"ע, בערך א יאר נאך די חתונה האט דער גאון רבי דוד באקומען א שווערע מיחש אויף די אויגן, און די דאקטורים האבן געזאגט פארן גאון, אז דאס מיחש קומט פון זיין גרויסע התמדת התורה, וויבאלד ער איז עוסק ממש יומם ולילה בתורה, טוט דאס אפ שוואכען זיינע אויגן, און זיי האבן אים אן געזאגט, אז ער מיז אביסל נאך לאזן מיט זיין לערנען.

איז דער גאון רבי דוד אריבער צו זיין רבין דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע און האט זיך מזכיר געווען מיט די מיחש וואס ער האט אויף די אויגן, און ער האט געשריבן אינעם קוויטל בזה"ל, "רפו"ש על עיניים", און דער גאון האט געוואלט אנהייבן דערציילן פארן רבין וואס די דאקטורים האבן געזאגט, אבער דער צדיק האט אים גלייך געזאגט בזה"ל, "ידעתי בני ידעתי, אבער עס איז בעסער צו לערנען שו"ע יורה דעה פון אינעווענדיג".

אבער האט דער צדיק דער אמרי יוסף זי"ע געזאגט, ווען די וועסט שפירן א חולשה אויף דיינע אויגן, זאלסטו צו לייגען דיינע ציצית צו די אויגן, אויך זאלסטו זיך אבאכט געבן פון לערנען ביי א ברענענדיגע ליכט", און דער צדיק האט צו געלייגט, זאלסט דיך בכלל נישט וויסענדיג מאכן פון די דאקטורים, ווייל די דאקטורים האבן נאך קיינמאל נישט געזאגט דעם ברכה פון "רפאנו ד' ונרפא", לפלא האט דער גאון מקיים געווען וואס דער צדיק האט אים געזאגט, און ער האט זיין גאנץ לעבן מער קיינמאל נישט געליטן אויף די אויגן.

הרה"ח רבי מענדיל הערש רוזנברג ז"ל האט דערציילט, אז זיין זיידע איז אמאל געקומען זיך מזכיר זיין ביים הייליגען אמרי יוסף מספינקא זי"ע, אז ליידער האט ער נישט קיין הצלחה אין די דריי זאכן, "בני, חיי, ומזוני", און ער האט געבעטן די רבי זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל שוין אנהייבן מצליח זיין אין די זאכן.

האט דער צדיק וקדוש דער אמרי יוסף זי"ע געפרעגט דעם חסיד, די זאלץ'ט די פיש יעדן ערב שבת קודש,

האט דער חסיד געזאגט אז ניין ער טוט דאס נישט לכבוד שבת, האט דער צדיק געזאגט פארן חסיד, זאלסט פון היינט און ווייטער זאלצ'ן די פיש ערב שבת, ווייל די גמרא זאגט דאך (קידושין מ"א ע"א) רב"א מלח שיבוטא, און די ווארט רב"א איז בגימ' "בני חיי ומזוני", און אויב מען איז דאס מקיים אזוי ווי רבא, איז מען מצליח אין קינדער, לעבן, און פרנסה, פארשטייט זיך דער חסיד האט איינגעהאלטן וואס דער צדיק האט געהייסן, און די הצלחה האט נישט געשפעטיגט צו קומען.

הגה"ק רבי דוד שפרבר מבראשוי זי"ע האט דערציילט, אז ווען ער האט חתונה געהאט איז ער שפעטער געווארן דער ממלא מקום פון זיין שווער אין שטאט פאליען, ער איז דאן געווען פון די חסידים פון הרה"ק רבי משה מקאסוב זי"ע, אבער וויבאלד זיין שטאט איז געווען גאר נאנט צום שטאט ספינקא, פלעגט ער כסדר גיין זיך מסתופף זיין בצלו פונעם הייליגען אמרי יוסף מספינקא זי"ע, דאן איז ער געווען אפאר יאר נאך די חתונה און האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און ער האט כסדר געגעבן א קוויטל פארן אמרי יוסף און זיך מזכיר געווען אז ער זאל שוין זוכה זיין צו זש"ק,

איינמאל האט אים דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע געזאגט, אז ער האט א סגולה צו געהאלפן ווערן מיט זש"ק, אז מען לערנט א שטיקל פון אור החיים הקדוש פרשת אמור, און ער זאל דעם שטיקל אור החיים הקדוש לערנען יעדן טאג ביז ער וועט געהאלפן ווערן מיט א קינד בקרוב,

האט דער גאון רבי דוד געבעטן פונעם אמרי יוסף זי"ע, אויב ער קען מיט אים לערנען כאטש דאס ערשטע מאל דעם שטיקל אור החיים הק', דער אמרי יוסף האט דאן געלערנט מיט אים דעם גאנצן שטיקל פונעם אור החיים הק' שטייענדיג אויף די פיס, און דאן האט דער גאון רבי דוד איבער גע'חזר'ט דעם שטיקל אור היים הק' ביי זיך אין שטוב יעדן טאג, ביז ער איז ב"ה געהאלפן געווארן מיט א קינד,

דער גאון רבי דוד האט ביי זיך אין שטאט געהאט א קבוצה פון יונגעלייט, וואס ער האט פאר זיי יעדן טאג פאר געלערנט א שיעור, א שטיק צייט האט ער געזען איינע פון די יונגעלייט, ווי ער האלט נישט מיט דעם שיעור געהעריג, האט ער דעם יונגערמאן געפרעגט וואס עס גייט פאר אז ער האלט נישט מיט דעם שיעור, האט דער יונגעמאן זיך אויס גערעדט פארן גאון, אז ערווארט שוין אפאר יאר זייט זיין חתונה און ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק,

האט אים דער גאון געזאגט, איך האב מקובל פון דעם צדיק דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע א סגולה, אז מען זאל לערנען א שטיקל פון אור החיים הק' פרשת אמור, וואס דאס איז א סגולה צו געהאלפן ווערן מיט זש"ק, דער יונגערמאן האט געוואלט טון דעם סגולה, אבער לפלא האט ער נישט געקענט טרעפן דעם שטיקל אור החיים הק' וואס דער גאון האט אים געזאגט צו לערנען, איז ער צוריק צום גאון און געבעטן אויב ער קען אים ווייזן דעם שטיקל אור החיים הק',

אבער לפלא האט דער גאון נישט געקענט טרעפן דעם שטיקל אור החיים הק', און דאן איז דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע שוין געווען זייער שוואך בעפאר זיין פטירה, און דאס איז געבליבן א גרויסע וואונדער פארן גאון רבי דוד, ווייל ער האט געזען אין דעם א גאר הויכע זאך, אז דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע האט אים דא באוויזן א מופת ביים אראפ ברענגען א שטיקל אור החיים הק' וואס שטייט באמת נישט אינעם אור החיים הק' וואס מיר האבן, ויהי למופת.

ווען מען האט פארציילט די מעשה פאר הרה"ק בעל לב שמח מגור זי"ע, האט דער הייליגער לב שמח געזאגט אויף דעם, באמת איז יעדע שטיקל פונעם אור החיים הק' מסוגל פאר קינדער, וויבאלד דער אור החיים הק' איז דאך נפטר געווארן אן קיין קינדער, האט ער באהאלטן אין זיינע ווערטער א סגולה צו געהאלפן ווערן מיט קינדער דורך לערנען זיין הייליגען ספר,

ווי באוויסט האט דער צדיק דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע נאר געוואלט נעמען גבאים וואס זענען נישט געווען אזוי קלוג, כדי ער זאל קענען באהאלטן זיין אמתע גדלות פון מענטשן, און ער האט געוויסט אז די וואס זענען נישט אזוי קלוג וועלן אים נישט אזוי נאך קוקען, פאר א שטיק צייט איז געווען דער גבאי ר' וועלוועלע משמש,

האט ער דערציילט, אז איינמאל ווען ער איז געווען אינעם שטוב פונעם הייליגען אמרי יוסף זי"ע און געזאגט תהילים, האט ער געזען ווי דער צדיק ליגט אויף דער ערד און שרייט בזה"ל, "רבונו של עולם, אני מוכן לשחוט את עצמי אליך, אך היות שאני בעל מום ואני פסול לקרבן,

ע"כ איני ראוי להיות לקרבן אליך, אבל יש לי בן שקוראים לו יצחק, והוא עולה תמימה, אני מוכן לשחוט אותו אליך".

עס איז באקאנט אז דער צדיק דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע האט געהאט א מנהג צו גיין משמח זיין חתן וכלה ביי די חתונות, ער פלעגט דארט טאנצן מיט א געוואלדיגע דביקות און קדושה,

אויך פלעגט ער אסאך מאל זאגן מילתא דבדיחותא לפני חתן וכלה, וואס דער צדיק האט אין דעם אריין געלייגט געהויבענע כוונות נוראות ונפלאות, און דאן איז דער צדיק צוריק אהיים און עוסק געווען בתורה דעם גאנצן נאכט, און דער צדיק האט געזאגט, אז יענע נעכט האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע אור אין די תורה בזכות פון די מצווה פון משמח זיין חתן וכלה,

דערציילט מען דעם טאג נאכדעם וואס ער איז געווען ביי א חתונה און משמח געווען חתן וכלה, אויב האט ער נישט געהאט קיין צייט צופרי צו גיין אין מקו', האט ער מוותר געווען אויפן מקו' צוליב דעם גרויסן קדושה וואס ער האט אויף זיך געברענגט דעם פריערדיגען נאכט ביי די חתונה מיטן מקיים זיין דעם כל המשמח חתן וכלה.

הרה"ח ר' ירוחם בלאך האט דערציילט, אז זיין זיידע וואס האט געוואוינט אין שטאט אונטער ווישאווע, האט איינמאל געהאט די זכי', אז דער צדיק וקדוש דער אמרי יוסף זי"ע איז געווען צו גאסט ביי אים אין שטוב, דער זיידע האט געהאט צוויי געשעפטן איינס נעבן דעם אנדערן, איינס איז געווען א קליין געשעפט, און דאס צווייטע איז געווען א גרויסע קרעטשמע, ווען דער צדיק האט געברויכט אריין קומען, האט דער זיידע געוואלט אים אריין ברענגען אלס כבוד דורך'ן גרויסן קרעטשמע,

אבער דער צדיק דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע האט געבעטן אז ער וויל אריין גיין דורך דעם קליינעם געשעפט, אזוי ווי דער צדיק איז אריין געקומען אינעם קליינע געשעפט, האט ער געבענטשט דעם זיידן אז ער זאל שטארק מצליח זיין אין דעם קליינעם געשעפט און געזאגט בזה"ל, "ס'זאל וואקסן גרעסער און גרעסער", און אויף געהויבן די האנט ווי צו ווייזן גרעסער און גרעסער, לפלא נישט לאנג נאכדעם האט די זיידע גאר שטארק מצליח געווען טאקע אין דעם קליינעם געשעפט, אז דער געשעפט איז געווען פון די גרעסטע געשעפטן אין שטאט, אלעם מיטן ברכה פון דעם צדיק וקדוש.

דער צדיק וקדוש דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע איז געווען מפורסם מיט זיין מידת צדקה וחסד אויף גאר א געהויבענע מדרגה, אויך האט ער מקפיד געווען צו טון א טובה פאר אידן וואס האבן אים אמאל באליידיגט אדער ח"ו ווי געטון, און דער צדיק האט דווקא מקפיד געווען די אידן ארויס צו העלפן,

הרה"ח ר' יעקב אליעזר ווייס ע"ה האט דערציילט, אז איינמאל ווען מען איז געקומען דערציילן פארן צדיק דער אמרי יוסף זי"ע, אז אין שטאט זענען דא מתנגדים וואס זאגן אויפן רבין אז ער איז ח"ו פון די צד הסטרא אחרא רח"ל,

ווען דער צדיק האט דאס געהערט, האט ער מיט זיין גרויס קדושה און עניוות געזאגט בזה"ל, "איך האב שוין אסאך געטראכט פון דעם, איך בין מיך אבער מנחם, אז דער צד האבן פיינט ציצית און תפילין, און איך האב שוין אנגעטון אסאך ציצית און תפילין, בין איך מיך מנחם און איך האף, אז איך בין נישט פון יענער זייט".

איינמאל איז א רב פון א שטאט געקומען צוזאם נעמען געלט, און ווען ער איז אנגעקומען אין שטוב פונעם הייליגען אמרי יוסף, האט אים דער צדיק גאר שיין מכבד געווען מיט עסן און א פלאץ ווי צו שלאפן, אויך צופרי האט דער צדיק זיך צו געיאגט צו דאווענען גאנץ פרי לכבודו פון דעם רב, און נאכדעם האט זיך דער צדיק געזארגט אז דער רב זאל מאכן שיין געלט פאר זיין צוועק, און אים נאך ארויס באגלייט מיט גרויס כבוד,

ווען דער רב איז אוועק, האט איינע פון די מקורבים געפרעגט דעם אמרי יוסף זי"ע, פארוואס האט די רבי זיך אזוי מטריח געווען פאר דעם רב, ער איז דאך בכלל נישט אזא חשובע מענטש, האט דער אמרי יוסף זי"ע געזאגט, יארן צוריק בין איך ארום געפארן צוזאם שטעלן צדקה פאר א צוועק, און איך בין אנגעקומען צום שטאט ווי דער רב דינט אלס רב,

ווען איך בין אריין צום רב אין שטוב, האט ער זיך בכלל נישט וויסענדיג געמאכט פון מיר און מיך בכלל נישט מכבד געווען, און דערפאר האב איך יעצט מורא געהאט, אז אויב איך וועל דעם רב נישט מכבד זיין גאר שיין, וועל איך ח"ו עובר זיין אויף די עבירה פון לא תיקום ולא תיטור, ווייל איך וועל דאס טון אלס נקמה אדער מיט א טינה בלב וואס ער האט געטון פאר מיר, און דערפאר האט דער צדיק מיט זיין גרויס צדקות און

ערליכקייט, מכבד געווען דעם רב מער ווי ער האט באמת געברויכט, נאר כדי נישט ח"ו עובר זיין אויף אן אבק עבירה.

דער הייליגער חקל יצחק זי"ע הי"ד האט אמאל דערציילט איבער די מידות טובות וואס דער טאטע דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע האט געהאט, עס איז געווען אמאל ווען פון א געוויסע קהלה האט מען פארן טאטן דער אמרי יוסף זי"ע געשיקט אן איינלאדונגס בריוו אונטער געשריבן דורך די ראשי הקהלה וטובי העיר, וואס בעטן דעם רבי'ן אז ער זאל קומען צו זיי אויף שבת.

אויסער דעם האבן זיי געשיקט א חשוב'ע דעלעגאציע קיין ספינקא וואס זאל פערזענליך בעטן דעם רבי'ן אז ער זאל קומען צו זיי אויף שבת, און נישט אפזאגן דעם פארלאנג פון רוב מנין ובנין פון די חשוב'ע אידן אין די שטאט,

אבער ווי שטארק די אידן האבן מפציר געווען ביים רבי'ן, און אפילו ווען דעם רבינ'ס זון דער חקל יצחק האט זיי צוגעהאלפן און אויך מפציר געווען ביים טאטן אז ער זאל זיי נישט אפזאגן, האט דאס נישט געהאלפן, און דער רבי האט נישט געוואלט אננעמען די איינלאדונג, נישט אנגעבנדיג קיין סיבה פארוואס ער וויל נישט גיין אויף שבת,

שפעטער האט דער רבי אויסגעזאגט דעם סוד פאר זיין בן יחיד דער הייליגער חקל יצחק זי"ע, איך קען דעם רב פון די שטאט, ער וועט זיך זיכער נישט פרייען אז איך וועל אהין קומען דארט אין די שטאט, ווי אזוי קען איך אים מצער זיין,

אזוי גרויס איז דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע געווען אין די מדה פון מעביר על מדותיו, עס איז נישט געווען קיין נפקא מינה וואס מענטשן האבן געטוען קעגן אים, וואס זיי האבן אים מצער געווען, און געטוען אזעלכע זאכן וואס וואלטן אנדערע מענטשן ארויס גענומען פון די כלים, האט דער רבי אלעס מקבל געווען באהבה, און רעאגירט מיט א שמייכל ווי כאילו מען האט אים בכלל נישט בארירט, און אלעס וואס קומט פון השי"ת דארף מען אן נעמען באהבה ובשמחה.

געווען איז אמאל ווען הרה"ח ר' אברהם יצחק טרעגער ע"ה איז געקומען צום הייליגען אמרי יוסף מספינקא זי"ע, און ער האט זיך אויס גערעדט דאס הארץ, אז ער האט שוין חתונה געהאט עטליכע יאר, און ער דארף קענען אויס האלטן זיין שטוב, און וויפיל ער האט שוין עוסק געווען אין זוכן פרנסה האט ער נישט געטראפן,

זאגט אים דער רבי: "אויב דו קענסט טרעפן אין דיין דארף א קליין הויז וואס שטייט צום פארקויפן זאלסטו עס אפקויפן, און זאלסט דארט אויפבויען א גרויס הויז", ר' אברהם יצחק האט נישט פארשטאנען דעם רבינ'ס ווערטער, ווי אזוי זאל ער קענען קויפן א קליין הויז, ווען ער האט ממש נישט קיין פרוטה ביי די נשמה, אבער דער רבי האט אים איבער געזאגט די זעלבע ווערטער, און מחזק געווען אז עס איז זיכער כדאי אז ער זאל זיך אנשטרענגען און טוען אלעס וואס איז אין זיינע מעגליכקייטן צו קויפן דאס הויז,

ר' אברהם יצחק איז אהיים געפארן נישט וויסנדיג וואס ער זאל אנהויבן צו טוען כדי צו קענען אויספאלגן וואס דער רבי האט אים געהייסן, אבער נאך עטליכע טעג קלאפט אריין צו אים איינער פון זיינע גויאישע שכנים, און יענער פרעגט אים צי ער וואלט אפ געקויפט זיין הויז, א קליין הויז, זאגט אים ר' אברהם יצחק: "איך וואלט גערן געקויפט דיין הויז, איך האב אבער נישט צו באצאלן דערפאר", זאגט אים דער גוי: "מאך זיך נישט קיין גרויסע דאגה דערפון, גיב מיר קודם אן איינגאבע, און דאס איבריגע וועסטו מיר באצאלן צוביסלעך ווען דו וועסט שוין יא האבן",

דער ר' אברהם יצחק האט אפ געקויפט דאס הויז, און ער האט פאר'ן גוי געגעבן א קליינע סומע געלט אלס איינגאבע, און ער האט באלד אנגעהויבן צו טוען ווי דער רבי האט אים געהייסן, און ער האט זיך גענומען איינווארפן דאס הויז, ווי נאר ער איז אנגעקומען איינצוואווארפן דעם אויוון אין הויז, האט ער געטראפן אונטער דעם אויוון א גאנצן שאכטל אנגעפולט מיט גאלדענע רענדלעך, מער האט ר' אברהם יצחק נישט געהאט קיין דאגת הפרנסה.

אמאל איז דער חסיד ר' אפרים פישל שטויבער ע"ה פון "פעטראווע" געפארן קיין "טייטש" צוליב זיינע געשעפטן, אויפ'ן וועג צוריק אהיים קומענדיג, און טראגנדיג מיט זיך זיין בערזל מיט געלט וואס ער האט געלייזט ביי זיינע געשעפטן, איז ער דורך געפארן ספינקא, איז ער אריין געגאנגען שלום נעמען פון זיין רבין דער הייליגער אמרי יוסף מספינקא זי"ע, מיט'ן פלאן אז פון דארט וועט ער פארן ווייטער אויפ'ן וועג אהיים,

ווען ער איז אריין געקומען צום רבי'ן און גענומען א ברכה, האט אים דער רבי געבעטן א מאדנע בקשה: ״בלייב דא אין ספינקא איבער נאכט״, ר' פישל האט נישט פארשטאנען דעם באדייט פונ'ם רבינ'ס בקשה, אבער אז דער רבי בעט אזוי קלאר, האט ער געפאלגט און ער איז געבליבן איבער נעכטיגן ביים רבי'ן אין שטוב, צומארגנס איז ר' פישל אריבער געקומען צום רבי'ן און ער האט זיך געוואלט געזעגענען, אבער צו זיין וואונדער זאגט איט דער רבי ״בלייב דא ביז מארגן״,

די זאך איז אים נישט געווען אזוי פשוט, ער האט זיך געאיילט אהיים צו פארן, ער האט געהאט וויכטיגע זאכן צו ערלעדיגן אינדערהיים, אבער פון די צווייטע זייט האט ער געהאט אמונת צדיקים מיט א גרויסע מאס, און ער האט פארשטאנען אז דער רבי מיט זיינע לעבטיגע אויגן זעט אוודאי וואס ער זעט נישט, און ער איז פארבליבן נאך א טאג,

אויך ווען ער איז צום דריטן טאג אריבער געגאנגען צום רבי'ן זייענדיג גרייט אהיים צו פארן, האט דער רבי נישט מסכים געווען דערצו, און ער האט אים ווידער געהייסן בלייבן אויף נאך א טאג, אבער אויפ'ן פערטן טאג, נאך איידער ער האט אפילו פרובירט צו גיין נעמען א ברכת פרידה פונעם רבי'ן, איז דער רבי צוגעקומען צו אים, און ער האט אים ווארעם געוואונטשן אז ער זאל פארן אין א גוטע שעה און אנקומען אהיים לחיים ולשלום,

ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט ער אלעס געטראפן ווי נארמאל, אויך ווען ער האט זיך פאראינטערעסירט אויב עס איז עפעס געווען אין שטוב אדער אין די געשעפטן, האט אים קיינער נישט געקענט אנווייזן אויף עפעס אויסנאמס, עס איז איבריג צו זאגן אז די גאנצע זאך איז געווען פאר ר' פישל ווי א חידה סתומה,

עס האט זיך אים נישט געלייגט אויפ'ן זינען, און ער האט בשום אופן נישט געקענט פארשטיין פארוואס דער רבי האט אים אויף געהאלטן עטליכע טעג, ווען ער זעט נישט די סיבה דערפון, ער איז אבער מיט זיין גרויס אמונת צדיקים געווען צופרידן, מיט דעם וואס ער האט געפאלגט דעם רבי'ן, זייענדיג סמוך לבו בטוח בברכת צדיק,

עס איז דורך געגאנגען א שטיק צייט און די ארטיגע פאליציי האט געלייגט די האנט אויף א גרופע פארברעכער, און בשעת ווען מען האט זיי אויסגעפארשט האט זיך ארויס געשטעלט, אז זיי האבן געלייגט אן אויג אויף ר' פישל, זיי האבן גענוי געוואוסט איבער זיינע געשעפטן און זיי האבן געוואוסט ווען ער פארט און ווען ער קומט אהיים, און זיי האבן אים אפ געווארט צווישן די בערג אויפ'ן וועג פון ספינקא אהיים, מיט'ן ציל אים צו רח״ל בארויבען,

ערשט נאכדעם וואס זיי האבן אויף אים געווארט דריי טעג און ער איז נישט אן געקומען, האבן זיי זיך מייאש געווען פון אים און זיי זענען זיך אוועק געגאנגען פון דארט, דאן האט דער חסיד ר' פישל ערשט פארשטאנען וואס דער רבי האט געזען מיט זיינע לעבטיגע אויגן.

עס איז באקאנט אז דער הייליגער אמרי יוסף מספינקא זי״ע איז געווען א געוואלדיגער בעל צדקה, וויבאלד ער איז דאך געפארן צום הייליגן צאנזער רב זי״ע האט ער זיך פון אים געלערנט דאס מסירת נפש פאר צדקה וחסד,

דער אמרי יוסף האט זיך געבארגט פון אידן כדי צו קענען טיילן פאר צדקה, עס פלעגט שוין זיין שווער צו באקומען הלוואות, אבער דער אמרי יוסף האט ווייטער געגעבן ״משכונות״, טיילמאל האט עס גורם געווען אז ער האט דורך דעם געדאווענט שפעט, ווייל ביז ער האט צוזאמען געשטעלט א סכום הגון צו געבן פאר צובראכענע ארימע אידן איז געווארן שפעט,

אמאל האט פאסירט, אז וויפיל די גבאים האבן זיך נאר אן געשטרענגט, איז זיי נישט געלונגען צו קענען שאפן די נויטיגע סומע געלט וואס דער רבי האט געוואלט פארטיילן פאר צדקה, עס איז דאן מערקבאר געווען אויף זיין הייליגע צורה, אז ער איז שטארק צובראכן דערפון און עס טוט אים שטארק וויי, האט דער זון דער הייליגער חקל יצחק זי״ע אים געוואלט בארואיגן, האט ער זיך אנגערופן צו אים: ״טאטע, חז״ל זאגן דאך (קידושין מ.), מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה, און דו ווילסט דאך אזוי שטארק״,

אבער דער רבי האט זיך נישט בארואיגט און געזאגט: ״יא, דאס איז געזאגט געווארן ביי איינעם וואס וויל מקיים זיין די מצוה פון צדקה, ער וויל פילן אז ער האט יוצא געווען דעם חוב פון די מצוה, און ער קען נישט, ביי אים קען מען זאגן מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה, אוודאי, ער האט א גוטע כוונה, ער האט א גוטע מחשבה״,

"אבער איך וויל דאך מיט'ן גאנצן הארץ ארויס העלפן די צובראכענע ארימע לייט, איך וויל פארגרינגערן זייערע ליידן, וואס האבן זיי פון מיין גוטן רצון און פון מיינע גוטע מחשבות, דער צובראכענער ארימאן וואס האט נישט קיין ברויט אין מויל אריין צו נעמען, וועט דאך גארנישט האבן פון דעם וואס מ'וועט מיר אין הימל רעכענען פאר מיין מחשבה טובה".

אמאל זענען געפארן א קבוצה חסידים קיין ספינקא, און אויפ'ן וועג האבן די חסידים ארומגעשמועסט צווישן זיך איבער דעם קשר בנפש רוח ונשמה מיט וואס א חסיד איז זיך מתקשר אינעם רבי'ן בשעת ווען ער גיט אים דער פדיון, ווי עס איז מבואר אין ספרי חסידות, אז דורכדעם וואס מ'איז מהנה דעם צדיק פון זיינע פארמעגנס אויף דער וועלט, איז זיכער אז דער רבי וועט אים מכיר טובה זיין און ער וועט אים טוען א טובה אויף יענער וועלט.

צווישן די קבוצה חסידים איז געווען א חסיד, א ביטערער ארימאן, מיט'ן נאמען רבי יצחק טורקער, וועלכער איז געווען א מלמד דרדקי אין חוסט, און ווען ר' יצחק האט געהערט וואס די חסידים שמועסן צווישן זיך האט ער זיך שטארק צוקרעכצט און געזאגט: "זאגט מיר טייערע ברידער, וואס וועט זיין מיט מיר, יעדעס מאל וואס איך קום קיין ספינקא, אנשטאט וואס איך זאל געבן פאר'ן רבי'ן, איז דער רבי דער וואס גיט מיר געלט, וואס וועט זיין מיט מיין נשמה אז איך האב נישט די מעגליכקייט צו געבן פאר'ן רבי'ן".

אנקומענדיג קיין ספינקא איז די גאנצע קבוצה אריין געגאנגען אינאיינעם צום רבי'ן, און דער רבי האט פאר אלע חסידים געגעבן די האנט פאר "שלום", ווען ר' יצחק טורקער איז צוגעקומען צום רבי'ן און געגעבן שלום, זענען זיי נתפעל געווארן צו הערן ווי אזוי דער רבי ווענדעט זיך צו אים און דער רבי זאגט אים, "אה, ר' יצחק, איר זענט מיר גורם א געוואלדיגע הנאה, אוודאי ווער עס גיט מיר געלט איז מיך "מהנה", איך בין נישט קיין כפוי טובה, און איך מאך דאס נישט אוועק, אבער ווער עס נעמט פון מיר געלט דער טוט מיט מיר א פיל גרעסערע טובה", דאס איז געווען דאס גרויסע מידת הצדקה פון דעם צדיק, און זיין רוח הקדוש ביים מרגיש זיין די מחשבה פונעם חסיד.

דער צדיק וקדוש דער הייליגער אמרי יוסף מספינקא זי"ע האט אמאל דערציילט א מעשה, וואס האט פאסירט מיט איינע פון די צדיקי הדור, (וואס בדרך עגב האבן די קינדער און נאנטע צום צדיק געזאגט, אז דאס האט באמת פאסירט מיטן רבין דער הייליגער אמרי יוסף זי"ע אליין, נאר מיט זיין גרויס ענוות האט ער די מעשה ארויף געלייגט אויף א אנדערן צדיק הדור),

איין יאר פסח אויפדערנאכט נאכן אפ רעכטן דעם הייליגען סדר, האט דער צדיק געטראכט ביי זיך, אז היינט איז דאך די נאכט ווען עס איז געווען די סעודת אסתר, האט ער דערפאר נאכן סדר אנגעהויבן לייענען די מגילה, און נאכן לייענען די מגילה איז געקומען צו דעם צדיק א נשמה מעולם העליון און דערציילט פארן צדיק,

אז אויבן אין הימל איז דא א געהויבענע היכל, וואס דער היכל מאכט מען אויף נאר איינמאל א יאר, ווען מען לייענט די מגילה, און יעדעס יאר פורים איז דא א גרויסע געדרענג צו קענען אריין גיין אין דעם היכל, וויבאלד טויזענטער נשמות פראבירן אריין צו גיין, און דער נשמה דערציילט, אז די יאר פורים האט ער נישט זוכה געווען אריין צו גיין אינעם היכל, דערפאר האט ער ביי זיך אפ געמאכט, אז ער גייט בלייבן שטיין ביים היכל די גאנצע יאר, אזוי וועט ער זיין נאנט צום היכל ווען מען מאכט דאס אויף,

אבער יעצט פסח ביינאכט, וויבאלד דער צדיק האט אנגעהויבן לייענען די מגילה, האט מען דעם היכל אויף געמאכט, און דער נשמה האט געבעטן אז מען זאל אים אריין לאזן אינעם היכל, האט מען געהייסן פאר די נשמה, אז ער וועט קודם ברויכן אראפ גיין צו דעם צדיק און פרעגן רשות אויב ער קען אריין גיין, פארשטייט זיך אז דער צדיק האט געגעבן רשות, און די נשמה האט זוכה געווען אריין צו גיין אין דעם גרויסן היכל, דאס ווייזט אבער די גרויסע קדושה און כח פונעם הייליגען אמרי יוסף זי"ע, אז אפילו לייענען די מגילה פסח אויפדערנאכט האט ער מיט דעם אויף געמאכט א היכל וואס ווערט נאר געפענט פורים ביינאכט.

עס האט דערציילט הרה"ח ר' יצחק פערל ע"ה א מעשה וואס איז געווען מיט זיין זיידן ר' ישראל ע"ה, אין שטעטל ראזוואליע איז געווען א חסידישער איד מיט'ן נאמען ר' ישראל פערל ע"ה, וועלכער האט געהאט זיינע פעלדער נאנט צו די פעלדער פון א גוי, אינדערמיט איז געווען א שטיקל שטח, וואס דער גוי האט גע'טענה'ט אז עס באלאנגט צו אים, עס האט אבער באמת געהערט פאר ר' ישראל, און דער גוי האט גערופן ר' ישראל פאר'ן גוי'אישן געריכט.

ר׳ ישראל איז באלד געפארן קיין ספינקא צום הייליגען אמרי יוסף זי״ע, און ער האט געגעבן פאר׳ן רבי׳ן א קוויטל, נישט פארגעסנדיג אויף צו שרייבן דעם נאמען פונעם ערל מיט זיין מאמע׳ס נאמען, דער רבי האט גענומען דאס קוויטל און דאס צוזאמען געדרייט, און איין זייט פונעם קוויטל האט ער אריין געלייגט אינעם לילקע ציבעך, און ער האט דאס אזוי אן געצינדן, דאס קוויטל האט זיך אנגעכאפט אינעם פייער און צוביסלעך איז דאס איינגאנצן פארברענט געווארן, דער רבי האט דאן ווארעם אן געוואונטשן פאר ר׳ ישראל, און ער האט אים געהייסן אהיים פארן,

דער משפט האט געדארפט פארקומען דעם קומענדיגן אינדערפרי, און ר׳ ישראל האט זיך געאיילט צו קענען אנקומען באצייטנס צו זיין שטאט, דער גוי איז אויף געשטאנען גאנץ פרי זיך מאכן גרייט צו גיין צום געריכט, איידער ער איז ארויס געגאנגען אויפ׳ן וועג איז ער געגאנגען אויפ׳ן צווייטן שטאק, כדי צו ברענגען שטרוי פאר זיינע בהמות וואס זענען געווען אינעם שטאל,

אינדרויסן איז נאך געווען טונקל, און דער ערל האט מיט גענומען א לאמטערנע וואס זאל אים באלייכטן דעם וועג כדי ער זאל זעהן וואו ער גייט, גייענדיג מיט די לאמטערנע נעבן די שטרוי האט זיך דאס פייער אן געכאפט אין די שטרוי, און דער גאנצער קאמער וואו עס איז געלעגן הונדערטער בינטלעך שטרוי האט זיך אנגעכאפט פונעם פייער, און עס האט אנגעהויבן צו ברענען, דער האלצערנער שטאל האט זיך בליין שנעל אנגעכאפט פונעם פייער, און דער גוי איז געבליבן פארכאפט אינעם פייער, און איז פארברענט געווארן, אזוי ווי דאס קוויטל, ווי פארשטענדליך איז דער שטח פון דעם איד געבליבן ביי אים, כן יאבדו כל אויבך ד׳.

אמאל ווען דער צדיק דער הייליגער אמרי יוסף מספינקא זי״ע איז געווען ביי א סעודת מצוה, האט ער נאך די סעודה געבענטשט כדרכו בקודש הויך אויפ׳ן קול פון א סידור האריז״ל, און ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער "ונא אל תצריכנו ד׳ אלקינו לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלואתם", האט זיך דער רבי שטארק צופלאמט און ער האט מערערע מאל איבער געזאגט די ווערטער מיט א גרויסן ברען און קאך,

אונטערן רבי׳ן איז געשטאנען איינער פון די יונגע חסידים, און יענער האט זיך זעהר געוואונדערט: "פארוואס ברענט דער רבי אזוי שטארק, וואס בעט ער אזוי שטארק אז ער זאל נישט דארפן צוקומען לידי מתנת בשר ודם, ווייסט דען נישט דער רבי אז תיכף נאך די סעודה וועט דער גאנצער עולם אנהייבן דורך גיין מיט קוויטלעך און געבן פדיונות",

ווי נאר דער רבי האט געענדיגט דאס בענטשן האט ער זיך אויסגעדרייט צו יענעם חסיד וואס איז געשטאנען אונטער׳ן בענקל, ער האט אים געגעבן פונעם כוס של ברכה און ער האט אים געזאגט מיט א שמייכל, "לכאורה איז דאס א וואונדער, א רבי פון חסידים וואס נעמט פדיונות פון די חסידים און ער איז מתפלל פאר זיי, ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים עב, טו), "ויתן לו מזהב שבא ויתפלל בעדו", ווי אזוי קען ער בעטן אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן אז ער זאל נישט דארפן צו קומען צו קיין מתנת בשר ודם, ווען דאס איז דאך זיין גאנצע פרנסה",

"נאר וואס דען, ווען ער איז מתפלל צום אייבערשטן, און השי״ת העלפט אז זיינע תפלות ווערן נתקבל, דעמאלט זענען שוין די פדיונות נישט קיין מתנות, ווייל ער האט דאך באצאלט פאר׳ן חסיד מיט די פועל ישועה".

האט דער רבי ממשיך געווען, "וואס פאסירט אבער אויב ח״ו דער רבי איז מתפלל און דער אויבערשטער הערט נישט צו זיין תפלה, און דער איד האט נישט קיין ישועה, דעמאלט בלייבט דאס ביי אים ווי א "מתנה", אדער אויב איז ער נישט תיכף געהאלפן געווארן, און די ישועה איז אנגעקומען מיט א צייט שפעטער, איז דאס דערווייל בגדר "הלואה", ווייל עס ווערט דאך נישט תיכף באצאלט, דעריבער האב איך מתפלל געווען צום אייבערשטן אז דער אויבערשטער זאל העלפן אז איך זאל נישט דארפן אנקומען, נישט צו קיין "מתנות", און נישט צו קיין "הלוואות", נאר אלע אידן זאלן "תיכף ומיד געהאלפן ווערן בכל משאלות לבם".

**יארצייט**
**מאנטאג ז' אייר**

**הגה"ק רבי שלמה אפרים ב"ר אהרן זי"ע, (איש לינטשיץ), בעל כלי יקר, ובעל עוללות אפרים, אב"ד פראג,**

ער איז געבוירן אין שטאט לינטשיץ פולין, בשנת ש"י,

צו זיין טאטע הגה"ק רבי אהרן זי"ע,

און יענע צייטן איז פולין געווען צוטיילט צווישן פריצים, יעדער פריץ האט געהאט א שטעטל וואס ער האט געקענט דארט טון וואס זיין הארץ האט באגערט, אין יעדער האט געברויכט גיין צום פריץ אויב האט מען געוואלט אפדינגן א פלאץ פאר פרנסה,

איז געווען א איד מיטן נאמען אהרן אין שטאט לינטשיץ, וואס האט אפ געדינגען א בית אכסניה פונעם פריץ, אבער די פרנסה איז געגאנגען זייער שוואך און ער האט נישט געמאכט קיין פרנסה דערפון, און פארשטייט זיך אז ער האט נישט געקענט באצאלען פארן פריץ די דמי שכירות,

אזוי איז דורך זעקס יאר און דער איד אהרן האט נישט באצאלט די געלט פארן פריץ, איין טאג איז דער פריץ געווארן זייער אין כעס און באפוילען פאר די באדינער'ס, אז מען זאל דעם איד מיט זיין ווייב ארייןווארפן אין א גרוב, און מען זאל זיי נישט געבן קיין עסן נאר לאזן רח"ל אוים גיין פון הונגער,

די באדינער'ס האבן מקיים פסק געווען און מען האט דעם איד אהרן מיט זיין ווייב אריין געווארפן אין גרוב, די ווייב פון אהרן האט דאן געווארט א קינד, און ווען אהרן האט געזעהן זיין מצב האט ער זייער געוויינט,

איינע פון די באדינער'ס האט באקומען רחמנות געפילן אויף דעם איד, און ווען קיינער האט נישט געזען האט ער געברענגט ברויט און וואסער פאר דעם איד און זיין ווייב, אזוי איז דאס אנגעגאנגען פאר 6 חדשים,

נאך 6 חדשים איז צו זיי געבוירן געווארן א לעבטיג קינד, ווען דער באדינער איז די קומענדיגע טאג געקומען צום גרוב, האט ער געזעהן א לעבטיקייט ארויס קומען, האט ער געפרעגט דעם רבי אהרן וואס איז די לעבטיקייט, האט רבי אהרן געזאגט אז מיטן הילף פונעם אייבערשטן איז זיי געבוירן געווארן א לעבטיגע קינד, איז דער באדינער צוגעקומען נענטער כדי צו זעהן דעם קינד,

איינע פון די טעג איז דער באדינער געווען ביים פריץ אין שטוב, און דער פריץ האט זיך דערמאנט פון דעם איד וואס ער האט אריינגעווארפן אינעם גרוב, און ער האט געפרעגט פון די באדינער'ס וואס עס טוט זיך מיט דעם איד, האט דער באדינער געזאגט, אז ער איז היינט פונקט דורך דעם גרוב, און ער האט געזען ווי א לעבטיקייט קומט ארויס און דאן האט ער געזעהן, אז פאר דעם איד איז געבוירן געווארן א לעבטיגע קינד,

דער פריץ איז געווארן אין כעס און געזאגט, ווי אזוי קען זיין אז דער איד האט געקענט לעבן פאר 6 חדשים אן קיין ברויט און וואסער, אבער דער באדינער האט גלייך געזאגט פארן פריץ, די אידן האבן דאך שוין געהאט ניסים אין מצרים, ווען זייער באשעפער האט זיי ארויס גענומען פון מצרים און געשפאלטן דעם ים און אויך געגעבן מן פון הימל, מן הסתם האט דער איד אויך געהאט די זעלבע ניסים,

זאגט ווייטער דער באדינער, אדרבא זאל דער פריץ אריבער גיין און זיך איבערצייגן די וואונדער, דער פריץ האט מסכים געווען און אריבער צום גרוב צוזאמען מיט זיין ווייב,

ווען דער פריץ איז אנגעקומען האט ער געבעטן דעם רבי אהרן אז ער זאל אים ווייזן דעם קינד, ווען דער פריץ האט געזעהן דעם קינד איז ער נשתומם געווארן פון דעם שיינקייט, און דער פריץ האט נישט געהאט קיין קינדער, האט זיך דער פריץ אנגערופען צו רבי אהרן,

איך זעה אז דער באשעפער איז מיט דיר, ווייל די האסט איבער געלעבט די לעצטע 6 חדשים, אבער עס איז נאך אין מיינע הענט דיך צו הרג'נען, דערפאר בעט איך דיר, געב מיר אוועק דעם קינד במתנה, און איך בין דיר מוחל די געלט וואס די קומסט מיר, און אויך דעם אכסניה גיב איך דיר אוועק,

רבי אהרן האט געזעהן אז ער האט סיי ווי סיי נישט קיין ברירה, האט ער מסכים געווען צום געשעפט, און ער איז

באפרייט געווארן, און דער פריץ האט צו זיך גענומען דעם קינד,

דער קינד איז טאקע אויפגעוואקסן ביים פריץ אין שטוב, און מיט זיין שארפע קעפל האט ער זייער שנעל אויף געכאפט זאכן און געוואקסן אין מעלות החכמה, ביי די 6 יאר איז פאר דעם קינד שוין געווען אפען אלע טירן פון גרויסע חכמות, דער פריץ האט זיך זייער געפרייט מיט דעם קינד און זיך משתשע געווען מיטן קינד פאר די אנדערע פריצים,

איין חודש פאר דאס קינד איז געווארן 13 יאר אלט, איז דער טאטע רבי אהרן געקומען אין חלום צום קינד און געזאגט, וויסן זאלסטו אז די ביסט א אידיש קינד און די ווערסט יעצט מחייב במצוות, און כל זמן די ביסט נאכנישט געווען מחייב במצוות האב איך געשוויגן, אבער יעצט איז געקומען די צייט די זאלסט אנטלויפן פון די שטוב פונעם פריץ,

דער קינד האט זיך דערוועקט און געטראכט אז דאס איז געווען סתם א חלום, אבער די קומענדיגע נאכט האט זיך די חלום איבער גע'חזר'ט און אזוי איז עס געגאנגען יעדע נאכט, ווען עס איז געקומען די וואך פון די בר מצוה איז דער טאטע שוין געקומען צום קינד מיט א שטארקייט און אפילו געשלאגן דעם קינד און געזאגט, די דארפסט אנטלויפן פון די שטוב פונעם פריץ ווייל די דארפסט זיך צוריק קערן צו אידישקייט,

ווען דער קינד האט פארציילט פארן פריץ זיין חלום, האט דער פריץ געזאגט פארן קינד, אז ער זאל זיך נישט וויסענדיג מאכן ווייל דאס איז נאר א חלום, אבער דער קינד האט שוין גאנץ גוט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, און די נאכט פון די בר מצוה האט זיך דער פריץ געלייגט שלאפן,

דאן איז דער טאטע בחלומו געקומען צום קינד און אים גענומען, און האט דעם קינד געלייגט ביים ביהמ"ד פונעם שטאט פראג, און אים געזאגט, אז ווען דער שמש קומט עפענען דעם ביהמ"ד זאל ער אים בעטן, אז ער זאל אים טראגן צום ראש ישיבה, און די זאלסט זאגן פארן ראש ישיבה אז דיין טאטע האט דיך געשיקט אז ער זאל מיט דיר לערנען תורה און מצוות און אז היינט איז דיין בר מצווה,

צופרי האט דאס קינד געטון ווי דער טאטע האט אים באפוילען, און דער שמש האט דעם קינד געטראגן צום הייליגען מהר"ל מפראג זי"ע, און ווען דער הייליגער מהר"ל האט געהערט די בקשה האט ער גענומען איינע פון זיינע חשובע תלמידים, און געהייסן אז ער זאל לערנען מיטן קינד די תורה ומצות,

דער קינד האט מיט זיין גאר שארפע קאפ און חריפות גאר שנעל זיך אויס געלערנט אלעס וואס מען האט מיט אים געלערנט, און געוואקסן אין תורה וביראה ביז ער איז געווארן פון די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגען מהר"ל זי"ע,

דער קינד האט קודם געהאט דעם נאמען אפרים און מען האט אים שפעטער צוגעגעבן נאך א נאמען שלמה,

ביום י"ח אלול בשנת שס"ט ווען דער הייליגער מהר"ל מפראג זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער הייליגער מהר"ל געזאגט פאר זיינע תלמידים און אויך פאר די קהלה, אז דער תלמיד שלמה אפרים זאל מען אויפנעמען אויף זיין פלאץ אלס רב אין פראג.

דער קינד שלמה אפרים איז אויסגעוואקסן א גאון עולם און א קדוש וטהור און פארשיינט די וועלט מיט זיין תורה און מיט זיין לעבטיגע פירוש על התורה ספר כלי יקר, און אויך מיטן ספר עוללות אפרים, ער האט דארט אין פראג געדינט אלס רב ביז צו זיין פטירה.

ער איז געווען א גאון עולם, א בעל דרשן נפלא און דער ראש המדברים אין יעדע פלאץ, ער איז געווען א תלמיד פון דעם הייליגען מהר"ל זי"ע, אבער זיין רבו מובהק פון וועם ער האט געלערנט רוב פון זיין תורה איז געווען הגה"ק רבי שלמה לוריא אשכנזי המהרש"ל ראב"ד ור"ם בלובלין זי"ע.

גאנץ אנפאנג האט ער געוואוינט אין שטאט יערוסלאב און דארט האט ער נישט געהאט קיין ספרים, אבער דאן האט זיך אנגעזעהן זיין גרויסע כח התורה און זכרון ווען ער האט דארט מחבר געווען זיין ספר היקר "עוללות אפרים" וואס ער האט דעם גאנצן חיבור געשריבן נאר פון זיין זכרון.

בשנת שמ"א איז ער אריבער קיין לבוב אלס א בעל דרשן, זיינע דרשות האבן באצויבערט מענטשן סיי אין שטאט לבוב און אויך פון די ארימיגע שטעט האט מען אים גערופען צו קומען רעדן.

בשנת שס"א איז ער נישט געזונט געווארן און דאן האט ער מחבר געווען זיין ספר כלי יקר אין די הקדמה שרייבט ער די ווערטער, "ובחמלת ד' עלי הוציאני מתוך ההפיכה לחיות אותי, כיום הזה נדרתי לה' ואשלמה לחבר חיבור זה לכבוד ה' ותורתו ולגלות מצפוני", אויך האט מען דאן אים צו געגעבן דעם נאמען "שלמה".

בשנת שס"ד איז ער געווארן די בעל דרשן אין שטאט פראג און אויך געווארן די ריש מתיבתא צוזאמען מיטן של"ה הקדוש זי"ע.

דארט אין פראג האבן זיך מדבק געווען אין אים גאר אסאך תלמידים, צווישן זיינע תלמידים זענען געווען,

הגה"ק רבי יום טוב ליפמאן העלער בעל תוספות יו"ט מקראקא זי"ע,
הגה"ק רבי שעפטיל הלוי איש הורוויץ בעל ווי העמודים זי"ע,
הגה"ק רבי אברהם ראובן סופר בעל ילקוט ראובני זי"ע,
און זיין זוהן הגה"ק רבי צבי הירש איש לינטשיץ זי"ע,

בשנת שס"ז איז געווען א מגיפה אינעם שטאט, און דער גאון וקדוש דער הייליגער כלי יקר זי"ע איז דאן אנטלאפען פונעם שטאט און דאן האט ער מחבר געווען דעם ספר עמודי שש.

בשנת שע"א נאך די הריגה אין שטאט פראג דורך די צבא פאסוי, האט דער גאון מחבר געווען די סליחות "אלה אזכרה" און סליחות "תולעת יעקב אל תיראי" און דעם פזמון "לך ה' הצדקה" וואס זענען געדריקט געווארן אין די מחזורים אין שטאט פראג, און מען האט דאס געזאגט יעדעס יאר ביום ב' אדר וואס איז געווען דעם יום ההריגה.

ער איז געווען דער פאר הגולה און א איש אלקים און מחבר געווען אסאך הייליגע חיבורים.

ספר כלי יקר , פירוש על התורה,
ספר שפתי דעת,
ספר עיר גיבורים, דרשת על התורה ובנושאי מוסר,
ספר עוללות אפרים, דרשות על מועדי השנה,
ספר ארח לחיים, דרשות לראש השנה, ויום הכיפורים, ולפסח,
ספר עמודי שש, דרשות,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הגה"ק רבי צבי הירש מפראג זי"ע, ממלא מקום אביו בפראג,
הגה"ק רבי יצחק זי"ע,
חתנו, הגה"ק רבי יצחק שיטנהופן זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ז' אייר בשנת שע"ט, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין פראג.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**דינסטאג ח' אייר**

**הרה"ק רבי ירחמיאל ב"ר יעקב יצחק זי"ע,**
**(רבינוביץ), מפשיסחא,**

ער איז געבוירן אין שטאט פשיסחא, בשנת תקמ"ד,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי יעקב יצחק מפשיסחא זי"ע
הנקרא דער יוד הקדוש פון פשיסחא,
בן הרה"ק רבי אשר מפשעדבורז זי"ע,
בן הגה"ק רבי אלחנן אב"ד גרינצא זי"ע,
מגזע הגה"ק רבי דוד הלוי בעל טורי זהב אב"ד לבוב זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת שיינדל ע"ה,
בת הגה"ק רבי יעקב קאפיל מאפטא זי"ע,

ער איז געווען א ברודער מיט די צדיקים הרה"ק רבי יהושע אשר מזליחוב זי"ע און הרה"ק רבי נחמי' מבעחיווע זי"ע, אויך איז געווען זייער שוואגער הרה"ק רבי משה מלעלוב זי"ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד, א צדיק מפורסם, ער איז געווען א גאון בתורה און א חריף עצום ובקי בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עניוות און אלס א שפל ברך, ער האט זיין גאנץ לעבן זיך אוועק געמאכט און קיינמאל נישט אויס געהאלטן וועז מען האט אים משבח געווען, ער האט זיך פאר יארן באהאלטן און געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע הסתר, אבער שפעטער איז ער נתפרסם געווארן מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

הרה"ק רבי פנחס מקינצק זי"ע האט פארציילט, אז דער טאטע דער יוד הקדוש זי"ע האט אמאל מסביר געווען א ענין מיט 400 וועגן, האט רבי פנחס געזאגט, אז די ערשטע 7 וועגן האבן די גרויסע תלמידים פארשטאנען, ביז 13 וועגן האט נאר דער זון הרה"ק רבי ירחמיאל פארשטאנען, פון דארט אין ווייטער האט קיינער נישט פארשטאנען.

אנפאנג איז ער געווען א הצנע לכת אז אפילו די נאר נאנטע האבן נישט געוויסט פון זיין גדלות, ער האט זיך פאר דרייצען יאר באהאלטן פון יעדן איינעם, ער האט זיך די יארן מפרנס געווען פון ארבעטן אלס א זייגער מאכער, אבער די איבעריגע צייט האט ער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה,

הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל השרף ממאגלניצא זי"ע האט מעיד געווען, אז דער צדיק רבי ירחמיאל זי"ע איז געווען ווי התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי זי"ע, ווייל אזוי ווי דער תנא רבי שמעון בר יוחאי זי"ע האט זיך באהאלטן אינעם מערה פאר דרייצן יאר, און ער האט דאן זוכה געווען צו דעם אור העליון, אזוי האט דער צדיק וקדוש רבי ירחמיאל זי"ע זיך באהאלטן פאר דרייצן יאר, און ער האט דאן זוכה געווען צו א געוואלדיגע קדושה וטהרה און געוואלדיגע מדרגות,

ער האט געלערנט ביי זיין הייליגען טאטן דער יוד הקדוש זי"ע, אויך איז ער געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ זי"ע, אויך האט ער זיך אסאך מסתופף געווען מיט זיין טאטן בצלו פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע.

ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הרה"ק רבי דוד דוב אב"ד שדה לבן זי"ע,
חתן הגה"ק רבי ברוך תאומים מלייפניק בעל ברוך טעם זי"ע,

נאכן הסתלקות פונעם טאטן י"ט תשרי בשנת תקע"ד איז דער זוהן רבי ירחמיאל געבליבן ארבעטן אלס א זייגער מאכער און נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, נאר געהייסן די חסידים פארן צו זיינע צוויי ברודער'ס הרה"ק רבי נחמי' יחיאל מבעחיווע זי"ע, און הרה"ק רבי יהושע אשר מזליחוב זי"ע,

נאך אסאך הפצרות האט ער אנגעהויבן פירן רבנות, און ער איז דאן געווארן מפורסם אלס איינע פון די צדיקים בדורו, טויזנטער אידן זענען זיך געקומען מסתופף זיין בצלו,

הרה"ק רבי יעקב יצחק מבלענדוב זי"ע האט דערציילט, איבער דעם גרויסע עבודת התפלה פונעם צדיק וקדוש רבי ירחמיאל מפשיסחא זי"ע, אז בשעת'ן דאווענען האבן די הייליגע אויגן ממש ארויס געשטארצט אויף ארויס, אינעם האנט האט דער צדיק געהאלטן א זייגער וואס דאס איז געווען א מחזה נורא, און זיין פנים איז געווען ממש ווי א מלאך אלוקים, און דער צדיק רבי יעקב יצחק האט מעיד געווען, אז דער מחזה פון די

עבודת התפלה פן דעם צדיק איז אים געבליבן איינגעקריצט עד יום האחרון,

צדיקים האבן מעיד געווען, אז בשעת דאס דאווענען האט דער צדיק געהאלטן א זייגער אין די האנט, וויבאלד דער צדיק איז ממש געווען אין א מדרגה פון התפשטות הגשמיות בשעת'ן דאווענען, און דורך דעם וואס ער האט געהאלטן דעם זייגער, האט זיך דער צדיק געהאלטן צו געבינדען צו די וועלט, אז ער זאל נישט פארברענט ווערן פון גרוים קדושה,

ער האט געהאט גרויסע תלמידים ובתוכם,

הרה"ק רבי שמואל מאוסטרובצה זי"ע,
הרה"ק השרף ממוגלניצא זי"ע,
וואס האבן געזאגט ביי די לוי' פון זייער רבין, אז ווען זיי האבן געוואלט וויסן וואס עס טוט זיך בעולמות העליונים זענען זיי געגאנגען צו זייער רבין רבי ירחמיאל זי"ע,

די צדיקי דורו האבן געזאגט, אז די 14 יאר וואס ער האט געארבעט מיט די זייגער'ס האט ער באהאלטן זיינע מדרגות און דארט אויף געטון אסאך הויכע ענינים.

ער האט איבער געלאזט דעם ספר תפארת בנים,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב יצחק אלחנן מפשיסחא זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי אלימלך בעל דברי אלימלך מגרודז'יסק זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי צבי רפפורט מדובענקא זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ביי די 54 יאר ביום ח' אייר בשנת תקצ"ו, ומנוחתו כבוד איז אינעם אוהל אין פשיסחא נעבן דעם טאטן דער יוד הקדוש זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

א חסיד פון דעם יהודי הקדוש זי"ע, וואס האט אסאך געהאלפן זיין רבין דעם יהודי הקדוש זי"ע, און אויך דעם זוהן רבי ירחמיאל זי"ע, אבער ליידער האט זיך דאס רעדל איבערגעדרייט און ער איז ל"ע געווארן א יוריד, איז ער געקומען צום צדיק רבי ירחמיאל זי"ע, כדי זיך אוים צו רעדן זיין צובראכן הארץ פון זיין מצב הפרנסה,

אבער ווען די רבי האט מרגיש געווען אז דער איד קומט, האט ער באפוילען פאר די שטוב מענטשן און די גבאים, אז מען זאל בשום אופן נישט אריין לאזען דעם איד צו אים אין שטוב,

ווען דער איד איז אנגעקומען האט מען אים טאקע נישט אריין געלאזט, דער איד איז פון דעם געווען זייער צובראכן און ער האט נישט געוויסט וואס צו טון, נאך אפאר טאג האט די רבי געגעבן רשות פאר דעם איד אריינצוקומען, און ווען דער איד איז אריין, האט די רבי נישט געוואלט קוקען פאר דעם איד אין פנים,

ווען דער איד האט פארציילט זיין מצב פארן רבין, האט די רבי געזאגט פאר דעם איד, וואס קען איך דיר שוין העלפן, און די רבי האט אים געגעבן פערציג קאפיקעס, דער איד איז ארוים פונעם רבין און נישט פארשטאנען וואס דא קומט פאר, אז נאך אלעם וואס ער האט געטון פארן רבין און זיין טאטע און די גאנצע משפחה, נעמט אים די רבי אויף מיט אזא קאלטקייט,

אבער ווען דער איד איז אהיים געפארן איז ער דורך א פלאץ, און געזעהן דארט א גרופע שיכורים וואס האבן געזיכט צו פארקויפן א לעדערנע גארטל, דער איד האט זיי געגעבן די 40 קאפיקעס, און זיי האבן אים געגעבן דעם גארטל, ווען דער איד איז אנגעקומען אהיים האט ער אין דעם גארטל געטראפן א גרויסע אוצר, און ער איז פון דעם אוצר צוריק נתעשר געווארן,

דער איד איז צוריק צום רבין כדי צו דאנקען דעם רבין פאר די ישועה, ווען דער איד איז אריין געקומען האט אים די רבי אויף גענומען מיט א שמייכל, און האט אים גלייך געזאגט, אז באמת איז פון הימל נגזר געווארן אז די זאלסט ל"ע בלייבן א ארימאן ביז צו דיין פטירה,

אבער צוליב וואס די האסט אזויפיל מחי' געווען מיין טאטן, האב איך נישט מסכים געווען צו דעם גזירה, און דערפאר האב איך מיט חכמה דיך מרחק געווען ווען די ביסט געקומען, און נישט געקוקט אויף דיר, כדי איך אליין זאל האבן צער פון דעם אז איך מיז מיך אויפירען אזוי צו א איד וואס איז אזוי נאנט צו מיר, און פון הימל האט מען זיך מרחם געווען אויף מיר אז איך בין אזוי בצער, און מען האט געוואלט פון מיר אוועק נעמען די צער, האט מען מבטל געווען די גזירה און די בוסט צוריק געווארן אן עושר.

דער צדיק וקדוש רבי ירחמיאל מפשיסחא זי"ע האט אמאל געזאגט, אז די סימן ווען איינער ווערט א עושר

אדער ווערט א רב אדער נשיא, און מען וויל וויסן אויב דאס איז מסטרא קדושה אדער ח״ו להיפך, זאל מען זעהן אויב דער מענטש טוישט נישט זיין אויפירונג, נאר בלייבט די זעלבע פון בעפאר, דאן ווייסט מען אז דאס איז פונעם כח דקדושה, אבער אויב דער מענטש טוישט זיך און ווערט א בעל גאווה, דאן ווייסט מען אז דאס איז נישט מכח דקדושה.

אונעם שטאט פונעם רבין איז געווען א איד א שניידער וואס האט אסאך געארבעט פאר דעם פריץ פונעם שטאט, איינמאל האט די פריץ געקויפט גאר טייערע סחורה, און דאס געגעבן פאר דעם איד און געזאגט פארן איד, אז ער זאל זייער אכטונג געבן אויף די סחורה, ווייל עס איז גאר טייער און ער זאל מאכן א גאר שיינעם ארבעט, דער איד האט געזאגט פארן פריץ, וואס איז די שאלה, איך בין דאך די בעסטע שניידער, אוודאי וועל איך מאכן א שיינע ארבעט,

ווען דער איד האט געענדיגט דעם קלייד האט ער דאס אריבער געטראגן צום פריץ, אבער אזוי ווי דער פריץ האט אנגעטאן דעם קלייד איז ער געווארן גאר שטארק אין כעס אויפן איד, און אים ארויס געווארפן צוזאמען מיטן קלייד, און דער איד האט פון דעם פארלוירען גאר אסאך געלט, און אויך האבן לכבוד דעם אלע אנדערע רייכע מענטשן אים נישט געוואלט מער געבן קיין ארבעט,

אינגאנצן צובראכן איז דער איד געקומען צום רבין ר׳ ירחמיאל מפשיסחא זי״ע און אויס גערעדט זיין מצב, האט אים רבי ירחמיאל געזאגט, אז ער זאל דעם קלייד אינגאנצן צו נעמען און נאכאמאל איבער מאכן, דער איד האט נישט פארשטאנען ווי אזוי דאס וועט אים העלפן, אבער ער האט גענומען דעם רבינ׳ס עצה און איבער געמאכט דעם גאנצן קלייד,

ווען ער האט געענדיגט דעם קלייד צום צווייטען מאל, האט ער דאס אריבער געטראגען צום פריץ, און וואונדער איבער וואונדער, דער פריץ איז נתפעל געווארן פון די ארבעט, און ער האט דעם איד באצאלט די פרייז און נאך צו געגעבן א שיינעם סכום,

ווען דער איד איז צוריק צום רבין האט דער רבי געזאגט, ווען די ביסט געקומען דעם ערשטע מאל האב איך געזען אז די האסט געמאכט דעם קלייד מיט א גרויסע גאווה, און גאווה האט נישט קיין חן, און דערפאר איז די קלייד נישט גוט אויס געקומען, אבער דעם צווייטע מאל האסטו שוין געמאכט דעם קלייד מיט א צובראכענקייט, און דערפאר איז די קלייד אויס געקומען שיין ווייל ענווה האט חן.

מען פארציילט אז דער צדיק רבי ירחמיאל מפשיסחא זי״ע האט מקפיד געווען, און נישט געלאזט קיין פרויען קומען צו אים זיך מזכיר זיין, נאר די פרויען פלעגן ברענגען די קוויטלעך און די פדיון פאר די רעבעצין, און זי פלעגט דאס אריינטראגן פארן רבין,

איין טאג האט די רעבעצין אריין געטראגען פארן רבין א פעקל מיט קוויטלעך און פדיונות, די רבי האט דאן געהאלטן ביים גיין דאווענען, אבער ער איז צו געגאנגען צום פעקל ארויס גענומען איין קוויטל און אפאר מטבעות, און דאס געהייסן צוריק געבן פאר דעם פרוי,

ווען מען האט דערנאך איבער געקוקט האט מען געזעהן, אז די פרוי איז געווען א נישט ערליכע פרוי, אין דאס געלט איז נישט געווען קיין ערליכע געלט, און דאס איז געווען א מורא׳דיגע פלא, ווייל עס איז געווען באוויסט אז ביים זיך גרייטן צום דאווענען, איז די רבי געווען בעולמות העליונים, און דאך האט דער צדיק רבי ירחמיאל גלייך מרגיש געווען ברוח קדשו אויף דעם קוויטל און די געלט, אז עס קומט נישט פון קיין ערליכע מקור.

דער צדיק וקדוש רבי ירחמיאל מפשיסחא זי״ע בעפאר ער איז נתפרסם געווארן, האט ער געלעבט אין א שרעקליכע דחקות, ער האט שוין דאן געהאט א טאכטער אין שידוכים, און מען האט פארן טאכטער אן געטראגען שיינע שידוכים, אבער וויבאלד דער צדיק האט נישט געהאט דאס געלט צו געבן קיין נדן און אויף הוצאות החתונה, האט קיינער נישט געוואלט צו גיין צום שידוך,

ווי עס איז מקובל פון צדיקים אז דער צדיק וקדוש מיט זיין גרויס ענוות האט בכלל נישט געהאלטן אז ער איז ראוי צו זיין א רבי און א מנהיג ישראל, און גאנץ אנפאנג נאכן פטירה פון זיין טאטן, האט ער בשום אופן נישט געוואלט אויף נעמען חסידים, אויב א איד איז געקומען צום צדיק מיט א קוויטל, פלעגט דער צדיק אויף הייבן א האק און זאגן, חז״ל זאגן דאך ״הבא להורגך, השכם להורגו״ און זיין א רבי איז הריגת הנפש, און דערפאר האט דער צדיק נישט אויף גענומען קיין חסידים,

איין טאג איז דער צדיק וקדוש רבי ירחמיאל זי״ע געפארן אויף א נסיעה צוזאמען מיטן צדיק וקדוש רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ זי״ע, און דער צדיק רבי ירחמיאל האט זיך אויס גערעדט פארן הייליגען ראדושיצער זי״ע זיין מצב, אז ער וויל שוין טון א שידוך מיטן טאכטער, אבער ליידער האט ער נישט קיין פרוטה פאר נדן און הוצאות החתונה.

האט דער הייליגער ראדושיצער זי״ע געזאגט פארן צדיק מפשיסחא בזה״ל, ״רבי עס פעילט אייך געלט״, דער צדיק רבי ירחמיאל זי״ע האט גלייך פארשטאנען אז דער צדיק מראדושיץ האט אים דא סומך געווען אלס רבי, לפלא פון דאן האבן אידן אנגעהויבן קומען זיך מסתופף זיין בצלו און געקומען פאר ברכות פון דעם צדיק וקדוש, און מען האט געזען גרויסע ישועות, און דאן איז דער צדיק געווארן מפורסם אין די וועלט מיט זיין גדלות בתורה און זיין גרויסע קדושה, נישט לאנג נאכדעם האט שוין דער צדיק געהאט צרכי החתונה און נדן צו געבן פאר א שידוך פארן טאכטער.

מען האט דערציילט, אז איינמאל ווען דער צדיק רבי ירחמיאל מפשיסחא זי״ע האט געפירט זיין שולחן הטהור, האט ער דערציילט א מעשה, אז זייענדיג עוסק צו פאריכטען זייגער׳ס, האט אמאל א מענטש אריין געברענגט א זייגער וואס איז געווען צובראכן, קיין איינער האט נישט מצליח געווען צו פארעכטן דעם זייגער, אבער ווען ער האט דאס אויף געמאכט, האט ער געזען אז עס איז ממש א האר וואס ער האט געברויכט אויס גראדן, און פון דאן האט דאס זייגער אנגעהויבן ארבעטן גוט.

די חסידים וואס זענען געווען גאר דערהויבענע אידן, האבן גאר גוט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט מיט די ווערטער, און דער גאנצער עולם האט אויס געבראכן אין א געוויין, און עס איז דארט געווען א געוואלדיגע התעוררות, ווייל דער צדיק האט געמיינט מיט די ווערטער, אז ווען א איד איז ליידער פארקראכען און פארווארפן פון דעם גרויסן באשעפער, דארף מען טרעפן דעם איין פינטעלע דעם האר ״איד״, און איינמאל מען פלאמט דאס אויף, ווערט מען נאנט צום באשעפער.

עס איז געווען א איד אין שטאט פשיסחא, וואס האט געדינגען אן ארענדע פונעם פריץ פון שטאט, דער איד האט געהאט גאר שוואך פרנסה פון דעם ארענדע, פארשטייט זיך אז ער האט נישט געהאט דאס געלט צו באצאלן זיין חוב, אויך איז דער פריץ געווען א גרויסע רשע און אפילו ווען דער איד האט שוין יא עפעס באצאלט, האט ער פארדרייט די חשבונות, און ער האט כסדר געסטראשעט דעם איד, אז אויב ער וועט נישט באצאלן דעם גאנצן חוב, וועט ער אים ח״ו מזיק זיין.

דער איד איז גלייך אריבער צום צדיק וקדוש רבי ירחמיאל מפשיסחא זי״ע, און ער האט מזכיר געווען פארן צדיק זיין צרה וואס ער האט מיטן פריץ, און ער האט געבעטן דעם צדיק זאל אים פועלען א ישועה, האט דער צדיק געגעבן א ברכה און געזאגט בזה״ל, ״דער חשבון זאל גיין פאר דיין טובה״.

לפלא ווען דער איד האט זיך אפאר טאג שפעטער אראפ געזעצט מיט דעם פריץ, האט דער פריץ געמאכט א שרעקליכע טעות אונעם חשבון, און דער סכום וואס דער איד האט געברויכט געבן איז אויס געקומען צו גאר א קליינע סכום, דער איד האט גלייך באצאלט דעם סכום, און דער פריץ האט פארברענט די חשבונות ווי צו ווייזן אז די חוב איז באצאלט, ווען דער איד איז צוריק געקומען און דערציילט דעם נס פארן צדיק רבי ירחמיאל, האט דער איד זיך באדאנקט פארן צדיק פאר די ישועה.

אבער ער האט געזאגט פארן צדיק, אז ער האט מורא אז דער פריץ וועט זיך איין טאג דערמאנען אז ער האט געמאכט א טעות, און דאן וועט ער קומען אפ נעמען דעם גאנצן חוב, האט דער צדיק וקדוש געזאגט מיט וואונדער, דער פריץ דאווענט דען שמונה עשרה אז ער זאל זיך עפעס דערמאנען, לפלא איז דער ברכה פונעם צדיק מקיים געווארן, און דער איד איז באפרייט געווארן פון די צרה, און דער פריץ האט זיך טאקע קיינמאל נישט דערמאנט פונעם טעות.

הרה״ק רבי אליעזר דוד פינקלער מראדושיץ זי״ע האט דערציילט, אז די צוויי צדיקים דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי״ע און דער צדיק וקדוש ריב ירחמיאל מפשיסחא זי״ע, האבן געהאט א מנהג, אז יעדן ראש חודש פלעגן זיך די צוויי צדיקים טרעפן אויף א געוויסע פלאץ צווישן ראדושיץ און פשעדבורז, און די צוויי צדיקים האבן צוזאמען גע׳פסק׳נט ווי אזוי די וועלט זאל זיך פירן דעם קומענדיגן חודש, און אזוי ווי די צוויי צדיקים האבן גע׳פסק׳נט, אזוי האט זיך טאקע געפירט די וועלט, צדיק גוזר והקב״ה מקיים.

**יארצייט**
**מיטוואך ט׳ אייר.**

**הרה״ק רבי חיים ב״ר משה זי״ע, (פריעדלאנדער),**
**בעל טל חיים, אב״ד ליסקא,**

ער איז געבוירן אין שטאט קליינווארדיין, בשנת תקצ״ו,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי משה פריעדלאנדער דומ״ץ קליינווארדיין זי״ע,
בן הרה״ק רבי דוד פריעדלאנדער אב״ד קליינווארדיין זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת ברכה ע״ה,
בת הגה״ק רבי יהודה לייבוש אב״ד קליינווארדיין זי״ע,
א אייניקל פונעם הייליגען מהרש״א זי״ע,

ער איז געווען א איש קדוש וטהור וצדיק יסוד עולם, ער איז געווען מפורסם אלס א גאון עצום בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען א מתמיד עצום ממש לא פסיק פומיה מגירסא יומם ולילה, ער איז געווען א חסיד מפורסם ענוותן כהלל און א שפל ברך מאוד, חוץ פון זיין געוואלדיגע גאונות און חריפות בתורה, איז דער צדיק געווען א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, און מען האט ביי דעם צדיק געזען ווי עס ווערט מקיים צדיק גוזר והקב״ה מקיים, ער האט אסאך עוסק געווען בתורה מיט זיין שוואגער הגה״ק המפורסם רבי יוזעפף גאלדבערגער זי״ע, וואס איז אויך געווען א איידעם ביים צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע,

אלס בחור האט ער געלערנט ביי הגה״ק רבי מאיר פערלס אבד״ק קראלי זי״ע,

ח׳ כסלו בשנת תר״ך האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חיה שרה ע״ה,
בת הרה״ק רבי צבי הירך בעל אך פרי תבואה מליסקא זי״ע,

דער הייליגער רבי הערשעלע ליסקער זי״ע האט דעם איידעם מורא׳דיג מחבב געווען, ער האט דעם איידעם געהאלטן ביי זיך ווי א אייגן קינד, און ער האט זוכה געווען צו מקבל זיין גאר אסאך תורה פונעם שווער סיי בתורת הנגלה און אויך בתורת הנסתר,

מען דערציילט אז זייענדיג פון די גרעסטע תלמידים פון זיין גרויסן שווער, האט ער זוכה געווען צו געוואלדיגע קרבות ביים גרויסן שווער, דער שווער פלעגט זאגן, ״איך האב א איידעם, א פארטיגען שולחן ערוך״, אויך דערציילט מען, אז ווען די חסידים פלעגן קומען צום צדיק רבי הערשעלע זיך מזכיר זיין, האט ער געזאגט פאר די אידן, אז מען זאל קודם אריין גיין צום איידעם דעם טל חיים, ווייל מיט זיין אנוואונטשען ווען זיי זיכער פועל׳ן ישועות,

אויך האט דער שווער אין די שפעטער יארן געהייסן פארן גבאי, אז ווען אידן קומען מיט הזכרות, זאל מען אים נישט שטערן און מבטל זיין פון זיינע לימודים, נאר מען זאל די אידן שיקן צו זיין גרויסן איידעם דער טל חיים, און דארט וועלן זיי פועל׳ן ישועות,

דאן האבן זיך די חסידים פון ליסקא איבערצייגט, אז דער איידעם איז א גדול בתורה און א גרויסע פועל ישועות, אויך האט דער שווער בעפאר ער איז נסתלק געווארן, געבעטן דעם איידעם אז ער זאל דאווענען און זאגן קדיש נאך אים ווי א אייגן קינד, און ווען אידן וועלן קומען פאר ישועות, וועט ער אים שטיין צו די האנט מעולם העליון,

זייענדיג א גאר גרויסע עניו האט דער צדיק נישט געוואלט שרייבן פון זיך קיין חידושי תורה, אבער זיין הייליגע שווער האט אים באפוילען ער זאל אראפשרייבן זיינע חידושי תורה, און ווען ער האט געבערענגט זיינע חידושי תורה פארן שווער האט דער גרויסער שווער דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע געקושט דעם חיבור.

כ״ז תשרי בשנת תרל״א איז זיין אשת חבר נפטר געווארן, דאן האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת מרים ע״ה, די טאכטער פון זיין שוואגער הגה״ק רבי אברהם שווארץ זי״ע חתן הרה״ק בעל אך פרי תבואה זי״ע,

ווען זיין שווער הרה״ק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע איז נסתלק געווארן ביום י״ד אב בשנת תרל״ד, האט מען לויט ווי דער שווער האט געלאזט צוואה אויף גענומען דעם איידעם רבי חיים אלס ממלא מקום אין ליסקא, דאן איז ער געווארן מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און אויך אלס א גרויסע פועל ישועות.

עס האבן זיך געווארפן ביי אים מופתים און אומצאליגע אידן זענען געהאלפן געווארן ביי אים, זיין כח אלס צדיק ורבי איז אבער שטארק פארזעהן געווארן צוליב זיין

אויסטערלישע התמדה בתורה, ער האט דארט אין ליסקא געהאט א גרויסע ישיבה ווי עס האבן געלערנט גרויסע גאונים בתורה,

דער צדיק האט זיך מיט די בחורים אליין אפ געגעבן, ער פלעגט אליין מיט זיין איינגעהאלטענקייט אויף וועקן די בחורים צום לערנען 4 אזייגער פארטאג׳ס, דער צדיק אליין פלעגט זיך כמעט נישט לייגן אין א בעט משבת לשבת, נאר עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה,

ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע תמימות ופרישות און מיט זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס דער צדיק האט זיך געפירט, ער איז געווען א בעל מידות טובות עד להפליא, ער האט אין זיך פארקערפערט א ניצוץ אלוקי ממעל, ער האט קיינמאל נישט געקענט זעהן אדער זאגן א שלעכט ווארט אויף א איד, ער האט זיין גאנץ לעבן מלמד זכות געווען און דן געווען לכף זכות יעדן אידיש קינד,

ווי עס פארציילט א אייניקל פון רבי חיים ליסקער זי״ע, אז צוליב זיין גרויס התמדה אין תורה הקדושה, איז דער טל חיים, אנדערש ווי אנדערע צדיקים, כמעט נישט ארויסגעפארן פון ליסקא און נישט ארומגעפארן אין אנדערע שטעט.

איינמאל איז זיין מצב הפרנסה געווען זייער געענגט, און ער האט געהאלטן בעפאר א חתונה פון א קינד, האבן זיינע שטוב, מענטשן אים זייער געבעטן ער זאל פארן ערגעץ אויף א שבת, און אפשר וועט ער דארט צוזאם שטעלן עפעס געלט צו קענען חתונה מאכן זיין קינד,

ער איז טאקע געפארן אויף א שבת קיין קאשוי, אסאך מענטשן זענען דעמאלט געקומען מיט קוויטלעך און פדיונות,
אבער אנשטאט זיך פרייען מיט די הצלחה, האט דער טל חיים זיך זייער באקלאגט אז דער באזוך האט אים גורם געווען אסאך ביטול תורה, און ער האט זיך דעמאלט אויס געדרוקט בזה״ל, ״איין דף גמרא איז מער ווערט ווי די גאנצע רעביסטווע״.

ער האט סוף ימיו געליטן יסורים, אבער דאס האט אים נישט אוועק גענומען פון זיין התמדת התורה, און ער האט ווייטער עוסק געווען בתורה יומם ולילה, דערציילט מען אז ממש סוף ימיו האט דער צדיק געלאזט ריפן זיין זון הרה״ק רבי יהודה אב״ד בוקין זי״ע, וואס איז נאך דאן געווען א בחור,

און ער האט אים געזאגט בזה״ל, ״מיין קינד, אויב די ווילסט איך זאל נאך האבן די זכי׳ צו זיין ביי דיין חתונה, טו דעם שידוך פון געבע, וואס דאס איז געווען די רעבעצין פונעם זון ממשפחת רוכליין, דער קינד האט צו געהערט צום טאטן, און טאקע נישט לאנג נאך זיין חתונה איז דער טאטע פלוצלונג נסתלק געווארן,

ער האט איבער געלאזט הייליגע חידושי תורה אין זיינע חיבורים,

ספר טל חיים, על סוגיות הש״ס,
ספר טל חיים וברכה, על התורה,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הרה״ק רבי צבי הירש בעל שערי הישר על תהלים זי״ע,
הי״ד, ממלא מקום אביו בליסקא, ער איז אומגעקומען
על קידוש השם ביי די צווייטע וועלט מלחמה,
הרה״ק רבי יהודה אב״ד בוקין זי״ע,
חתנו הגה״צ רבי אהרן אויש אב״ד לופעני זי״ע,

דערציילט דער איידעם רבי אהרן אויש זי״ע, אז אינעם טאג פונעם הסתלקות וואס דער צדיק איז דאן נישט געווען אין א מצב אז מען זאל טראכטן אז דער צדיק גייט נסתלק ווערן, האט דער שווער דער טל חיים געלאזט ריפן זיין איידעם און זאגט אים, ״עס רעש׳ט זיך עפעס אויפן הימל, מען רופט מיך״, דער איידעם איז ערשטוינט געווארן פון די ווערטער, אבער נאך אינעם זעלבן טאג איז דער צדיק פלוצלונג נסתלק געווארן,

נסתלק לגנזי מרומים יום א׳ פרשת אמור ט׳ אייר בשנת תרס״ד, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט ליסקא אונעם אוהל פונעם שווער הרה״ק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער הייליגער טל חיים זי״ע איז געקומען למנוחתו אינעם אוהל אין ליסקא נעבן זיין גרויסן שווער, נאך זיין

פלוצימע פטירה איז מען געגאנגען קוקן צי מען קען אים באהאלטן אינעם אוהל, אבער מען האט געזען אז עס נישט דא קיין פלאץ, איז זיין זון הגה"ק רבי צבי הירש השני בעל שערי הישר והטוב מליסקא זי"ע ארויף מיט א מנין צום ציון פונעם זיידן דערא הייליגער אך פרי תבואה און געבעטן, אז היות זיין איידעם איז אים געווען אזוי נאנט ביים הארצן, בעט מען ער זאל אים מאכן פלאץ אינעם אוהל,

לפלא צופרי ביי די לוי' האט מען געזען, ווי איין וואנט פונעם אוהל האט זיך וואונדערליך גערוקט!, עס איז געווען א פלא בתוך פלא, ווייל דער דאך האט זיך נישט אויסגעברייטערט, בלויז די וואנט האט זיך גערוקט, וואס האט געוויזן אז דער גרויסער שווער האט ווירקליך געמאכט פלאץ פאר זיין גרויסן איידעם,

(ביז די מלחמה איז דאס געבליבן אזוי, מיט'ן אפענעם דאך און א אפגערוקטער וואנט, נאך די מלחמה ווען מען האט רענאווירט דעם אוהל, האט מען פאראכטן דעם דאך אויך, אבער מען קען נאך ביז היינט זען ווי דער טל חיים ליגט גאנץ ביים עק ממש נעבן די וואנט).

ביז צו די צווייטע וועלט מלחמה האבן טויזנטער אידן געשטראמט אויף זיין יארצייט צו זיין ציון הקדוש, וואס איז געווארן מפורסם אלס א מקום ישועות, בזכות פון די שני מאורות הגדולים, דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע און דער הייליגער טל חיים זי"ע.

אויך היינט צו טאג זענען דא אומצאליגע אידן וואס פארן יערליך אויף די יארצייט ט' אייר ספעציעל צום ציון פונעם הייליגען טל חיים זי"ע, אויך א גאנץ יאר ווען מען גייט צום ציון הקדוש פונעם אך פרי תבואה זי"ע גייט מען עקסטער צו צום ציון פונעם טל חיים זי"ע, און אידן זענען מעיד אויף די גרויסע ישועות וואס זיי זעהן ביי זיין ציון.

הרה"ח רבי משה גראס ז"ל פון לאנדאן האט פארציילט, אז זיין טאטע רבי סיני יודא ז"ל איז אמאל געווען ביים סאטמאר רבי זי"ע, און אינמיטן שמועס האט ער דערמאנט אז ער איז אן אייניקל פונעם הייליגען טל חיים פון ליסקא זי"ע, האט איהם די רבי געזאגט, כ'האב איהם קאנען געלערנט, ווען ער האט זיך פאר אינטערסירט ווי אזוי עס קען זיין, ווייל דער טל חיים איז אוועק עטליכע חדשים נאכן קדושת יו"ט, און דער רבי איז אלט געווען דאן זיבעצן יאר, איז ווען איז אוים געקומען צו קענען דעם טל חיים,

האט דער הייליגער סאטמאר רבי זי"ע געענטפערט, אז זיין טאטע דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע האט אמאל אנגעפירט א אסיפת רבנים און פעסט, נאכ'ן אסיפה האט מיר דער טאטע געזאגט, יואלישל, קום לאמיר דיר פאר שטעלן זאלסט קאנען לערנען ליסקא רבי, ער איז א רבי וואס איז אויך א גאון בתורה, און מיין טאטע האט מיר פאר געשטעלט פאר איהם צו נעמען שלום און א ברכה פון איהם,

בשנת תרל"ג א יאר בעפאר דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע איז נסתלק געווארן, איז דער צדיק אריין צום איידעם אין שטוב, און האט אן געזאגט, אז מען וועט צו זיי אין שטוב אריין ברענגען א פיש, זאל די רעבעצין דאס קויפען און זאל דאס אפ קאכן, און די רעבעצין זאל אויף עסן דעם קאפ פונעם פיש, ווייל צום יאר וועט ביי זיי געבוירן ווערן א בן זכר א גרויסע עילוי "א קארפן קאפ",

כך הוה אין דעם זעלבן טאג איז אריין געקומען א ערל א פישער, און האט זיי אנגעטראגן צו קויפן א גרויסן פיש, און די רעבעצין האט דאס טאקע אפ געקויפט און אויף געגעסן דעם קאפ פונעם פיש, אזוי ווי דער הייליגער טאטע האט געהייסן, און טאקע צום יאר שוין נאכן פטירה פונעם טאטן איז צו זיי געבוירן געווארן א בן זכר, וואס מען האט א נאמען געגעבן נאכן הייליגען זיידן "צבי הירש",

כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא מליסקא זי"ע האט דערציילט, אז ווען מען האט אנגעטראגן פאר'ן טאכטער פונעם הייליגען אך פרי תבואה זי"ע דעם שידוך מיטן טל חיים זי"ע, האט מען אים פאר געשטעלט אלס א בחור מיט אלע מעלות, סיי מיט יחוס אבות, זייענדיג א זון פונעם קליינווארדיינער רב רבי משה זי"ע שטאמענדיג אויך פון הייליגן מהרש"א זי"ע, און סיי מיט יחוס עצמו, אלס א תלמיד חכם און עילוי,

דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע האט געוואלט קלאר שטעלן אויב ס'איז אמת וואס מען זאגט אויף דעם בחור, האט ער אריבער געשיקט צוויי שלוחים צום שטאט פונעם בחור אין קליינווארדיין צו רעדן מיט אים אין לערנען, זיך מפלפל זיין אין סוגיות הש"ס און זיי זאלן אים צוריק ברענגען א גריס,

איינער פון די צוויי שלוחים איז געווען א גאון, פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען אך פרי תבואה זי"ע,

און דער צווייטער איז אויך געווען פון די חשובע חסידים פונעם אך פרי תבואה, אבער נישט אזא בר הכי אין תורה, ער איז נאר מיט געגאנגען צו באגלייטן דעם ערשטן.

ווען די צוויי שלוחים זענען אנגעקומען איז דער ערשטער שליח, דער תלמיד חכם, פלוצלינג שוואך געווארן און ער האט נישט געקענט ערפולן זיין רבינ׳ס שליחות, אבער די צוויי שלוחים האבן דאך געוואלט אויספירן זייער שליחות און נישט געוואלט פארברענגען טייערע צייט פון זייער רבי׳ן, האט דער שליח דער תלמיד חכם געזאגט פאר׳ן צווייטן, גיי דו קודם רעדן מיט אים אין תורה און נאך צוויי דריי טעג ווען איך וועל קומען צו די כוחות וועל איך עקסטער רעדן מיט אים.

דער צווייטער שליח איז טאקע געגאנגען אליין רעדן מיט׳ן בחור, דער טל חיים, וויסענדיג אז דער ליסקער רב האט געשיקט ספעציעלע שלוחים אים צו פארהערן, האט זיך פאר געשטעלט אז ער האט זיכער געשיקט א גרויסן תלמיד חכם, און ער האט אנגעהויבן זאגן א גאר טיפן פלפול, גג על גג.

אבער אינמיטן פלפול האט ער אינאכט גענומען אז דער שליח שווייגט, ער רעאגירט גארנישט, האט ער געקלערט ביי זיך, אז עס מוז זיין אז דער שליח איז נישט צופרידן פונעם פשעטל, ער האט דערויף שווערע קשיות אפצואווענדן, נאר ער וויל אים נישט צעמישן אינמיטן, דעריבער רעדט ער נישט אריין, אבער עפעס גלייכט ער נישט דעם פשעטל.

האט ער זיך אנגערופן צום שליח, ״אויב עס געפעלט אייך נישט דער פלפול, וועל איך אייך זאגן אן אנדערן פשעטל, אפשר דאס צווייטע וועט איר יא גלייכן״, אזוי האט ער טאקע געטון, ער האט אויפ׳ן ארט אנגעהויבן אן אנדערן פלפול, נאך טיפער ווי פריער, אבער נאך א שטיק צייט זעט ער ווי דער שליח שווייגט ווייטער, ער פרעגט נישט, ער ענטפערט נישט, ער זאגט נישט צי ס׳איז יא גוט צי נישט, האט דער טל חיים אנגעהויבן זאגן א פרישן פלפול.

אבער זעענדיג אז אויך איצט איז דער שליח נישט צופרידן, ער שווייגט און זאגט נישט קיין ווארט, האט ער זיך אנגערופן, ״חשובער גאסט, דאס אלעס וואס איך קען, אויב מיינע פלפולים געפעלן אייך נישט, פארט צוריק צו אייער רבי׳ן און זאגט אים, דאס קען איך און מער נישט״.

דער שליח איז דאן צוריק געגאנגען צום אנדערן שליח דער תלמיד חכם, און יענער פרעגט אים ווי אזוי דער פארהער איז צו געגאנגען, זאגט ער, ״אוי, איך האב שוין קוים געווארט אז דער בחור זאל ענדיגן אלע זיינע פלפולים, ער איז דאך ממש ווי א קוואל, ער האט געזאגט און געזאגט אזעלכע טיפע פלפולים אז איך האב דאס נישט געקענט פארשטיין״.

זעענדיג אז דער אנדערער שליח קען נישט ערפולן דעם רבינ׳ס שליחות, האט דער שליח דער תלמיד חכם בלית ברירה געמוזט ווארטן עטליכע טעג ביז ער ערהוילט זיך, און דאן איז ער אים אליין געגאנגען פארהערן, און פארשטייט זיך צו זיין שטוינונג האט ער געזען אז דא שטייט פאר אים א בחור וואס איז מלא וגדוש בש״ס ופוסקים, ביים אהיימקומען קיין ליסקא האבן ״ביידע״ געהאט וואס איבער צו געבן זייערע איינדרוקן פון זייערע פארהערן, און איבעריג צו זאגן דער הייליגער אך פרי תבואה האט אים אויס געקליבן פאר אן איידעם און ממלא מקום.

דער הייליגער אך פרי תבואה האט געהאט א מנהג, אז דעם ערשטן טאג שבועות, זמן מתן תורתינו, האט ער אליין עולה געווען מפטיר, ער האט מקפיד געווען אויף די עלי׳ ווייל מען ליינט דעמאלט די הפטורה פון ״מעשה מרכבה״.

אינעם לעצטן יאר פון זיין לעבן, בשנת תרל״ד, האט דער הייליגער אך פרי תבואה זי״ע באפוילן, מען זאל געבן מפטיר פאר זיין איידעם דער הייליגער טל חיים, דער עולם אין בית המדרש האט נישט געוואוסט דערפון, און ווען דער טל חיים איז ארויף געקומען אויף די בימה צו מפטיר, האט דאס ארויסגערופן גרויס וואונדער, קיינער האט נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי, וועלכער האט אלע יארן געהאט אזא קפידה אויף די עלי׳ און דאס נישט געלאזט אוועק געבן פאר א צווייטן, האט דאסמאל יא מכבד געווען זיין איידעם מיט די עלי׳.

ערשט צוויי חדשים שפעטער ווען דער הייליגער אך פרי תבואה זי״ע איז ליידער נסתלק געווארן, ביום י״ד אב, האבן תושבי ליסקא פארשטאנען למפרע די כוונה פונעם אך פרי תבואה, אז מיט׳ן כיבוד פון מפטיר ביום א׳ דשבועות האט ער אים פאקטיש איבער געגעבן דעם שרביט הרבנות און אים מסמיך געווען אלס ממלא מקומו.

הרה"ח המפורסם ר' וואלף ענגעל ז"ל פון האלאש איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען טל חיים זי"ע, ר' וואלף האט פארמאגט א געשעפט און ער פלעגט דאס אפן האלטן אויך זונטאג, דאס האט ארויסגערופן בייז-בלוט ביים גלח, וועלכער האט אנגעהויבן העצן אין זיין קירכע מען זאל באיקאטירן דעם געשעפט, די קריסטליכע האלאשער איינוואוינער האבן געפאלגט דעם גלח און ר' וואלף האט אנגעהויבן ליידן ערנסטע פארלוסטן אין זיין פרנסה.

איז ער געפארן צו זיין רבי'ן דער טל חיים זי"ע און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ, כנהוג האט ער געגעבן א קוויטל פאר'ן רבי'ן און אויך געוואלט דערלאנגען א פדיון, ווען ער האט אריינגעשטעקט די הענט אין טאש ארויס צו נעמען דעם פדיון האט ער ארויס גענומען צוויי באנקנאטן, איינס א רויט-פארביגע וואס איז געווען פון צען גולדן, און איינס א בלוי-פארביגע וואס איז געווען פון פינף גולדן, ער האט געוואלט צוריקלייגן אין טאש דעם פינפער און געבן אלס פדיון דעם צענער.

דער טל חיים זי"ע איז געווען באקאנט אלס איינער וואס "אינו מכיר בצורתא דזוזא", ער איז געווען אזוי אריינגעטון אין תורה, אז ער האט נישט דערקענט קיין מטבע, ער האט נישט געוואוסט וועלכע באנקנאט איז ווערד וויפיל, אבער דא פלוצלינג זאגט אים דער טל חיים, געב ענדערש אהער דעם בלוי-פארביגע (פינפער) ווייל די פארב בלוי צייגט אויף מדת הרחמים.

דאן האט דער טל חיים גענומען פייער און אנגעצונדן דאס קוויטל און מיט דעם אנגעצונדן זיין לולקע, דאס פארויכערט און זיך שטארק פאר'דביקות'ט אויף א וויילע, ר' וואלף, זעענדיג אז דער רבי האט אנגעצונדן זיין קוויטל האט ער זיך זייער דערשראקן, אבער ער האט זיך נישט געוואגט צו זאגן א ווארט.

נאך א לענגערע וויילע האט דער טל חיים ווי זיך ערוואכט און זאגט פאר ר' וואלף, "דארפסט נישט מורא האבן, דארפסט גארנישט זיך פארכטן, איך האב מקבל געווען פון מיין שווער דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע, אז א גוי דארף זיך בייגן אדער אנידער לייגן, פאר אהיים און וועסט זען א ישועה בקרוב".

ביים אנקומען קיין האלאש האט ער געהערט ווי די גלאקן פון די קירכע קלינגען, דאס איז אים געווען מאדנע ווייל געווענליך קלינגען די גלאקן ביים ענדע פון יעדע שטונדע, און איצט איז אינמיטן די שטונדע, האט ער פארשטאנען אז עפעס גייט פאר, אריינקומענדיג אין שטאט האט ער געהערט די נייעס, אז די גלאקן מעלדן איין די פגירה פונעם גלח, וועלכער איז זיך געגאנגען באדן אינעם טיסא טייך, און דארט איז ער פארכאפט געווארן אין א וואסער געווירבל און דערטראנקען געווארן, כן יאבדו כל אויביך ד'.

הרה"ח ר' שלום שווארץ ז"ל איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי צבי הירש השני בעל שערי הישר מליסקא זי"ע הי"ד, דער זון פונעם הייליגען טל חיים מליסקא זי"ע, ער האט דערציילט א מורא'דיגע מעשה וואס ער האט אליין געהערט פון זיין רבי'ן, ווען ער איז געווען א בחור אין ישיבה, וואס האט פאסירט ביי זיין פאטער דער הייליגער טל חיים אין לעצטן יאר פון זיין לעבן,

דער טל חיים האט געהאט א חסיד הרה"ח ר' יוסף מעהר ז"ל, וועלכער איז נאך געפארן צום הייליגען אך פרי תבואה זי"ע, דער ר' יוסף האט געהאט א טאכטער וועלכע האט נאך די חתונה נישט געקענט האבן קיין קינדער, איז זי אריין געגאנגען צוזאמען מיט איר מאן צום טל חיים זי"ע, וועלכער איז געווען מפורסם צו בענטשן אידן מיט זש"ק, דער טל חיים זי"ע האט זיי פארשפראכן אז זי דארף זיך גארנישט זארגן, זי וועט בעז"ה געהאלפן ווערן מיט א בן זכר,

אינצווישן איז דער הייליגער טל חיים נסתלק געווארן, און ווען זי האט שוין געדארפט האבן דעם קינד איז זי זייער שוואך געווארן און אריינגעפאלן אין קראנקן בעט, דער מצב איז געווען שמאל און מען האט שנעל אראפגערופן צוויי דאקטוירים וועלכע האבן געווארנט אז מען דארף איר באלד אפערירן, ווייל אויב נישט וועלן ביידע נישט איבערלעבן ל"ע.

בשעת די דאקטוירים שטייען דארט איז זי אנטשלאפן געווארן און זי זעט דעם הייליגען טל חיים זי"ע אין חלום, וועלכער זאגט איר, "האב נישט מורא פון די דאקטוירים, ווייל איך האב צו געזאגט און אזוי וועט דאס זיין, דו וועסט געבוירן דאס קינד בשלום, נאר איין זאך בעט איך דיך, זעה אז די צוויי דאקטוירים זאלן נישט בלייבן נעבן דיר, שיק זיי ארויס פון צימער".

ווען זי האט זיך ערוואכט האט זי גלייך אנגעהויבן שרייען אויף די דאקטוירים זיי זאלן שוין פארלאזן איר צימער, נישט לאנג דערויף האט זי געבוירן דאס קינד אן קיין

שום שטרויכלונג, און די גאנצע שטאט איז דעמאלט אויפגעוועקט געווארן מיט דעם מופת.

הרה"ח ר' גרשון רייך ז"ל האט דערציילט א מעשה נורא וואס האט פאסירט מיט אים אליין, ווען ער איז געווען א קינד פון איין יאר אלט איז ער ל"ע קראנק געווארן מיט א מחלה, וואס די דאקטוירים אין יענע צייטן האבן נישט געהאט קיין שום רפואה דערפאר,

האט זיין פאטער, הרה"ח ר' אהרן יוסף רייך ז"ל שו"ב דק"ק האדהאז, וועלכער איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם טל חיים פון ליסקא, גענומען דאס קראנקע קינד און געפארן מיט אים אויף א שבת קיין ליסקא, ער איז אריין פאר שבת און זיך אויסגעוויינט דאס הארץ אז דער רבי זאל פועל'ן א ישועה פאר זיין קינד,

שבת צופרי נאכ'ן דאווענען האט דער הייליגער טל חיים ווי זיין מנהג געמאכט קידוש אויף בראנפען, נאך איינגעהילט אינעם טלית, נאכ'ן טרינקען פונעם כוס האט דער רבי אריין געגאסן פונעם בראנפען אין מויל פונעם קינד און געזאגט בזה"ל, "איך בין גוזר אז די מחלה זאל פון אים ארויסגיין",

כך הוה, ר' אהרן יוסף איז אהיים געפארן מיט'ן קינד וועלכער איז געזונט געווארן כאחד האדם, און ר' גרשון, דער בעל הנס, האט מאריך ימים ושנים געווען, ער איז געווארן אן עלטערער איד און די מחלה האט זיך קיינמאל נישט צוריקגעקערט זיין גאנצ'ן לעבן.

דער צדיק דער הייליגער טל חיים זי"ע איז געווען מפורסם מיט זיין גוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט, אבער ספעציעל האט מען געוויסט פון זיין געוואלדיגע תמימות זייענדיג א אמת'ע תמים תהיה אם ד', דער צדיק האט באמת גארנישט געוויסט, נאר פון זיינע ד' אמות של הלכה, ער איז געווען אינגאנצן אויסגעטון פון די וועלט, און אוודאי פון עולם הגשמי, נאר געווען יומם ולילה פארטון אין תורה ועבודת השם.

ביים צדיק וקדוש זענען יעדן טאג געווען לאנגע רייעס פון אידן וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין פאר א ישועה אדער פאר ברכות פון דעם צדיק הדור, פרויען וואס זענען געקומען האט דער צדיק געהייסן שטיין פון אנדערן עק טיש, און דער גבאי איז געווען דער פארמיטלער צווישן רבי'ן און דעם פרוי, וייל דער צדיק האט קיינמאל נישט ארויס געקוקט פון זיינע ד' אמות און זיכער ח"ו נישט אויף א פרוי,

ווען דער צדיק איז געווען סידור קידושין ביי א חתונה, און מען איז געגאנגען צום באדעקן, איז דער צדיק אריין געגאנגען צו די פרויען זייט אזוי ווי דער מנהג איז, אבער ער איז געגאנגען מיט פארמאכטע אויגן און דער גבאי האט אים געפירט,

האט פאסירט אמאל ביי א חתונה ווען מען איז געגאנגען צום באדעקן, אויפן וועג ארויס האט דער צדיק געמיינט אז מען איז שוין ארויס פון די פרויען זייט, האט ער אויף א סעקונדע אויף געמאכט זיינע הייליגע אויגן, און דער צדיק האט צופעליג באמערקט עטליכע ווייבער וואס זענען געגאנגען מיט די אייגענע האר, אבער דער צדיק מיט זיין גרויס תמימות און ערליכקייט, און זייענדיג אייביג דן לכף זכות אז אידן טוען ח"ו נישט קעגן די שולחן ערוך, האט ער געטראכט ביי זיך, אז דאס זענען נעבעך אלטע מיידלעך וואס האבן נאכנישט חתונה געהאט,

שפעטער ביי די סעודה פון די חתונה האט דער צדיק געזאגט תורה, האט ער בתוך הדברים מיט זיין געוואלדיגע תמימות זיך זייער צעוויינט און מיט גרויס מיטלייד און צובראכן הארץ געזאגט, איך האב גארנישט געוויסט אז אין ליסקא זענען דא אזויפיל אלטע מיידלעך, און דער צדיק האט געזאגט, "דער אין הימל זאל זיך אויף זיי מרחם זיין און צו שיקן זייערע רעכטע זיווגים, זיי זאלן נאך אין דעם יאר מיט מזל חתונה האבן און געפינען זייערע כשרה זיווגים",

פארשטייט זיך אז עס איז געווארן א גרויסע טימל אין שטאט ליסקא, דער עולם ובפרט די מענער פון די ווייבלעך וואס האבן געהאט אייגענע האר, האבן זיך שטארק דערשראקן, הערענדיג דעם ברכה פונעם הייליגען צדיק דער טל חיים, אז די פרויען זאלן ח"ו טרעפן דעם ריכטיגען שידוך, די אלע האבן גאר שטארק מורא געהאט אז זיי וועלן ח"ו נישט אויסלעבן דעם יאר, מורא האבענדיג פון דעם תמימות'דיגע ברכה פונעם צדיק, פארשטייט זיך אז די אלע פרויען האבן זיך תיכף ומיד אפ געשוירן די האר, נאר אז די ברכה פונעם צדיק זאל נישט חל זיין ח"ו,

שפעטער ווען מען האט דערציילט די גאנצע מעשה פארן צדיק דער הייליגער טל חיים זי"ע, און ער האט

געהערט פון זיין טעות, אנשטאט דער צדיק זאל זיך פרייען אז ער האט דא מזכה געווען די אלע פרויען צו זיין מער ערליך, האט דער צדיק זייער געוויינט, און ער האט גלייך מתפלל געווען, אז זיין תמימות'דיגע תפילה זאל ח"ו נישט שאטן פאר קיין איין איד פון שטאט, דאס איז געווען זיין געוואלדיגע תמימות און אויך זיין געוואלדיגע ערליכקייט און זיין אהבת ישראל צו יעדן איד.

א איד א גרויסע חסיד פונעם הייליגען טל חיים מליסקא זי"ע איז געקומען צום רבין מזכיר זיין, אז מען טראגט אן א שידוך פאר זיין טאכטער מיט א בחור וואס הייסט "יצחק בן רבקה", און ער בעט דעם רבין אז די רבי זאל אנוואונטשען אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, אבער דער צדיק זאגט גלייך פאר דעם איד, אז דער בחור יצחק בן רבקה איז נישט דעם זיווג הגון פאר דיין טאכטער, און די רבי האט געהייסן דעם איד נישט צו טון דעם שידוך.

דער איד איז אהיים און דערציילט פאר די ווייב אין די טאכטער וואס די רבי האט געזאגט, די ווייב האט גלייך מסכים געווען אז אויב די רבי הייסט נישט טון דעם שידוך וועט מען עס נישט טון, אבער די מיידל, וואס איר האט דער בחור זייער געפאלן, האט נישט געוואלט הערן וואס די רבי זאגט, נאר האט פארפירט אז זי וויל דווקא יא דעם שידוך, בלית ברירה האט דער איד געשלאסן שידוך.

ווען דער איד איז בעפאר די חתונה געגאנגען זיך מזכיר זיין ביים רבין, האט ער דערציילט פארן רבין, אז בלית ברירה האבן זיי יא געשלאסן די שידוך מיט דעם בחור, און דער איד האט געבעטן אז די רבי זאל קומען צו די חתונה, האט דער צדיק געזאגט, אז ער וועט נישט קומען צו די חתונה, ווייל ער האט נישט די כוחות צו פארן, און אויך ווייל די חתונה וועט סיי ווי נישט צושטאנט קומען,

דער איד איז אהיים געפארן מיט א צובראכן הארץ און נישט געקענט פארמאכן קיין אויג טראכטענדיג, מי יודע וואס אויף זיי ווארט רח"ל אפ, דעם אנדערן טאג האט מען טאקע געשטעלט חופה פאר דעם פארפאלק, די רב פון זייער שטאט איז געווען מסדר קידושין, אבער ווען דער חתן האט ארויס גענומען דעם רינגל דאס צו געבן פאר די כלה, האט פאסירט א שרעקליכע אומגליק, דער חתן איז צוזאם געפאלן און אויפן פלאץ נפטר געווארן, פארשטייט זיך עס איז ליידער איבער געדרייט געווארן די חתונה משמחה ליגון, און מען האט דעם אנדערן טאג ארויס באגלייט דעם חתן למנוחת עולמים.

דער חסיד איז תיכף געפארן צום רבין דער הייליגער טל חיים זי"ע, און האט דעם רבין גלייך איבער געבעטן אז מען האט אים נישט געפאלגט, אבער וואס האט ער געקענט טון אז דווקא דער בחור האט די טאכטער געוואלט נעמען, און ליידער יעצט האט פאסירט דעם גרויסן אומגליק,

האט דער הייליגער טל חיים מליסקא זי"ע ערקלערט פאר דעם איד, אז דער חתן האט שוין געשלאסן שידוך בעפאר מיט א אנדערן מיידל וואס די מיידל איז געווען זיין באשערטע זיווג, אבער ער האט דעם שידוך אפ געלאזט, און פון גרויס צער איז דאס מיידל ליידער נפטר געווארן, און דערפאר האב איך פראבירט צו אפ האלטן דעם שידוך, און יעצט גיי זאג דיין טאכטער, אז ווען א גוטער איד זאגט עפעס זאל מען זיך צו הערן, אבער אי"ה בקרוב וועט זי טרעפן איר באשערטע זיווג,

טאקע נישט לאנג האט געדויערט און דאס מיידל האט געטראפן א שידוך, מען איז אריבער צום טל חיים פרעגן אויפן שידוך, יעצט האט ער שוין מסכים געווען צו דעם שידוך, און מען האט געבראכן טעלער און געשלאסן שידוך, דער הייליגער טל חיים זי"ע האט פאר דעם זיווג געגעבן א ברכה אז זיי זאלן גיין צו די חופה בשעת טובה ומוצלחת און אויף שטעלן א דור ישרים ומבורך, פארשטייט זיך אז ברכת צדיק עושה רושם און דאס פארפאלק האט אויף געשטעלט א שיינע אידישע דור פון ערליכע קינדער און אויס געלעבט די יארן געזונטערהייט.

אין שטאט פונעם הייליגען טל חיים מליסקא זי"ע האט געוואוינט א פרוי אן אלמנה, וואס האט געהאט א זון א בן יחיד וואס איז ערצויגען געווארן אויפן ערליכען אידישן דרך, ער האט געלערנט גאר פלייסיג און אויס געשטיגען א ערליכער און פרימער בחור, אבער ליידער ווען ער איז אנגעקומען צו די 18 יאר, האט ער זיך פארליבט און א שיקסע א גויטע רח"ל, און דער בחור האט אפ געמאכט אז ער וויל חתונה האבן מיט די נישט אידישע פרוי,

פארשטייט זיך אז די מאמע האט פון דעם געהאט גרויס צער און עגמת נפש, זי האט זיך פראבירט צו איינבעטן ביים בחור, אז ער זאל ח"ו נישט באגיין דעם עבירה פון חתונה האבן מיט א נישט אידישע פרוי, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, דער בחור האט זיך נישט געלאזט איבער רעדן פון זיין מאמע און נישט פון די שכנים און קרובים,

די מאמע די אלמנה האט געבעטן דעם בחור איין זאך, אז בעפאר ער האט חתונה מיט די נישט אידישע פרוי, זאל ער מיט איר קומען קודם צום צדיק דער הייליגער טל חיים און זיך געזעגענען פונעם צדיק, מיט גרויס שוועריקייטן האט דער בחור מסכים געווען, און די מאמע איז אריבער מיט דעם בחור צום הייליגען טל חיים מליסקא זי"ע,

פארשטייט זיך אז דער הייליגער טל חיים האט פראבירט צו אפרעדן דעם בחור אז ער זאל נישט חתונה האבן מיט די נישט אידישע פרוי, אבער ווען ער האט געזען אז עס גייט נישט, האט דער הייליגער טל חיים זי"ע געזאגט פארן בחור בזה"ל, "זכור ואל תשכח, פארגעס נישט איך בעט דיך, ווען די וועסט טרינקען דעם ערשטן לחיים מיט די כלה און מחותנים, זאלסטו דעם כוס אזוי אומווירקירלעך אומשטארצן",

דער בחור איז צו געגאנגען צו די חתונה מיטן נישט אידישע פרוי, און בעת די שמחה האט מען געטרינקען א לחיים, און בחרפתנו האט דער חתן אוים געגאסען דעם גאנצן גלעזל לחיים גלייך ארויף אויף די קלייד פון די כלה, די כלה האט זיך גלייך געבייזערט און אנגעהויבן שטארק שרייען אויפן חתן, און דאן האט די כלה אנגעהויבן שרייען די שמיציגער איד און אזוי באזידעלט דעם חתן, פארשטייט זיך אז דער חתן איז גלייך אנטלאפן פונעם זאל, און גלייך אהיים צו זיין מאמע וואס איז נעבעך געזעצן און שטוב און געוויינט אויף איר בן יחיד,

מען קען זיך נישט פארשטעלן די פריידט פון די צובראכענע אלמנה, זי האט געדאנקט דעם גרויסן באשעפער פארן ראטעווען איר בחור פון ח"ו באגיין א עוון וואס מען קען ח"ו נישט צוריק ציען, פארשטייט זיך אז די מאמע איז גלייך אריבער צום הייליגען צדיק דער טל חיים זי"ע צו דערציילן דעם גרויסן ישועה וואס זי האט געהאט, ווען זיי זענען דארט אנגעקומען און דערציילט די גאנצע מעשה, האט די רבי געבעטן די מאמע מיטן זון, אז זיי זאלן ווארטן אינדרויסן ביז יעדער ענדיגט זיך געזעגענען, ווייל ער האט עפעס וואס ער וויל זיך דורך שמועסן מיט זיי,

אזוי ווארטענדיג אינדרויסען פון רבי'ן'ס שטוב, איז אנגעקומען צום רבין א איד א נגיד פון שטאט ליסקא, און ער דערציילט פארן רבין, אז זיין טאכטער איז א כלה געווארן מיט א בחור, וואס מען איז געוואר געווארן אז ער איז ליידער פארכאפט געווארן פון די משכילים, און יעצט נאנט צום חתונה האט דער בחור אפ געלאזט דעם שידוך,

די כלה איז גאר שטארק צובראכן און זי שעמט זיך ממש ארויס צו גיין אויף די גאס, זי האט טאקע זייעדניג א טאכטער פון א נגיד געוואלט טרעפן דעם בעסטן חתן, אבער יעצט מיט די אלע בישות איז זי מסכים חתונה צו האבן מיט סיי וואסערע בחור די רבי וועט איר הייסן נעמען,

דער צדיק האט זיי גלייך דערציילט וועגן דעם בחור וואס זיצט דא אינדרויסן, און דערציילט די גאנצע מעשה וואס איז פאר געקומען מיט דעם בחור, אז באמת איז ער א גאר ערליכער בחור וואס האט געלערנט פלייסיג און געדינט דעם באשעפער, נאר ליידער איז אין אים אריין א רוח שטות, אבער יעצט האט ער שוין געזען דעם אמת און ער האט באמת תשובה געטון,

דערפאר וואלט איך ענק אנגעטראגען דעם בחור פאר א חתן, פארשטייט זיך אז דער נגיד האט מסכים געווען הערענדיג די ווערטער פונעם צדיק, און אויך די מאמע די אלמנה האט זיך געפרייט צום שידוך, און אזוי זענען ביידע חסידים געהאלפן געווארן מיט די ברכה און הייליגע אויגן פון דעם צדיק וקדוש דער הייליגער טל חיים זי"ע.

ווי באקאנט איז אינדערהיים אין אייראפע געווען דאס געזעץ, אז אלע קינדער מוזן לערנען לימודי חול אין די רעגירונג שולע, דעריבער זענען אידישע קינדער געווען געצוואונגען צו גיין אין די שולע יעדן טאג אויף עטליכע שעה, און ערשט נאכמיטאג איז מען געגאנגען אין חדר, אין יענע צייטן איז די וועלט נאך געווען מער איידל ווי היינט, און אפילו ביי די גוים איז געווען איינגעפירט אז א מאן–לערער לערנט מיט יונגלעך און א פרוי–לערערין מיט מיידלעך,

איינמאל האט דער מאן–לערער אין ליסקא געברויכט אוועק פארן פון שטאט אויף א שטיק צייט, האט ער געבעטן די פרוי–לערערין אז אין די צייט ווען ער איז אפוועזנד זאל זי לערנען אויך מיט זיין קלאס, איין אידישער טאטע וועלכער האט באגלייט זיין קינד אין שולע האט דאס באמערקט, איז ער געקומען צו לויפן צום הייליגען טל חיים זי"ע אין בית המדרש, און אים דערציילט אז די יונגלעך און מיידלעך לערנען

בתערובות אין איין קלאס, דער הייליגער טל חיים איז רוב טאג געזעצן אין בית המדרש איינגעהילט אין טלית ותפילין און געלערנט, אבער הערנדיג דאס האט ער גלייך אויסגעטון טלית ותפילין, און ארויס געלאפן פון בית המדרש אין דירעקציע פון די שולע,

זיין איידעם, הגה"צ רבי אהרן אויש זצ"ל אבד"ק לופעני איז דעמאלט געווען א יונגערמאן נאך די חתונה, ער האט נאך געגעסן קעסט ביים שווער, און זעענדיג ווי דער שווער לויפט צו די שולע האט ער זיך דערשראקן, אז דער שווער וועט אריינלויפן אין שולע אינמיטן קלאס און ער קען אויס שטיין אן ערנסטע שטראף פאר דעם, ווייל אין יענע צייט האט די רעגירונג שווער באשטראפט אויב איינער האט געשטערט א קלאס אינמיטן די שטודיעס,

איז דער איידעם רבי אהרן נאכגעלאפן דעם שווער און אים געבעטן, "דער שווער זאל אהיים גיין, איך וועל שוין אהינגיין און דאס ערלעדיגן", אבער דער טל חיים האט אים צוריק געשריגן, "במקום שיש חילול ד' אין חולקין כבוד לרב", און ער איז ווייטער געלאפן ביז אין שולע אריין, ער איז אריין אין קלאס און אנגעהויבן שרייען אויף די אידישע קינדער "ארויס פון דא",

די פרוי לערערין איז נישט לאנג דערויף אריבער געפארן קיין אוהעל וואו זי האט אריינגעגעבן א קלאגע אין געריכט קעגן דעם ליסקא רב, אין די קלאגע האט זי שטארק אויף געבלאזן די גאנצע געשיכטע און אויך צו געלייגט זאכן וואס זענען ליגנט געווען, ווען מען האט געהערט דערפון אין ליסקא, איז די משפחה פונעם טל חיים זייער דערשראקן געווארן, און עטליכע בני משפחה זענען אריבער געפארן קיין אוהעל וואו זיי האבן זיך געטראפן מיט אנשים מכובדים פון די שטאט, און זיי געבעטן זיך משתדל צו זיין ביים ריכטער ער זאל זיך נישט אומגיין מיט'ן גאנצן הארבקייט נאר רחמנות האבן אויפ'ן ליסקא רב,

למעשה איז דעמאלט געשטעלט געווארן אין געריכט א נייער ריכטער, און קיינער פון די שתדלנים אין שטאט האט נאכנישט געהאט מיט אים קיין נאנטע קאנטאקטן, אזוי אז מ'האט נישט געטראפן קיינעם וואס קען זיך משתדל זיין פאר'ן ליסקא רב, זעענדיג אז בדרך הטבע איז נישט דא קיין שום אויס וועג, האט די רביצין פונעם טל חיים זיך געוואנדן צו איר מאן און אים געבעטן ער זאל מתפלל זיין אויף א ישועה פאר זיך זעלבסט, האט דער הייליגער טל חיים זי"ע איר געענטפערט ווי פאלגנד, "פאר א אידישע זאך וועל איך זיצן אין תפיסה, איך האב גארנישט מורא",

לפלא ולנס האט עטליכע וואכן שפעטער אויס געבראכן א שריפה אינעם געריכט-הויז, און אלע שריפטליכע קלאגעס זענען פארברענט געווארן, די פרוי-לערערין פון ליסקא האט נישט געוואוסט דערפון, זי האט געווארט און געווארט מען זאל איר שוין אראפרופן קיין אוהעל צום פראצעס וואו זי וועט עדות זאגן קעגן דעם רב,

אבער זעענדיג אז עס גייט דורך וואכן און מאנאטן און מען רופט איר נישט, האט זי אנגעהויבן בונטעווען אז די אוהעלער אידן האבן זיכער אונטער געקויפט דעם ריכטער, אבער אירע ווערטער זענען אויפגענומען געווארן סקעפטיש צווישן די שטאטישע איינוואוינער, זי איז געווארן צו שאנדע און צו שפאט אין ליסקא, און פון גרויס בושה האט זי זיך אויף געהויבן און אנטלאפן קיין אמעריקע, און פארשטייט זיך אז די גאנצע קלאגע איז אוועק געגאנגען.

די יארצייט פונעם צדיק
הרה"ק רבי חיים ב"ר משה זי"ע, (פריעדלאנדער),
בעל טל חיים, מליסקא
איז נתנדב געווארן לזכות
אשר חיים בן הענא גאלדא לזיווג הגון בקרוב
די זכות פונעם צדיק זאל אים בייאשטיין פאר ישועות
וכל טוב סלה,

**יארצייט**
**דאנערשטאג י׳ אייר**

**הרה״ק רבי יצחק אייזיק יהודה יחיאל ב״ר אלכסנדר סענדר זי״ע, (סאפרין), בעל היכל הברכה, מקאמארנא, ״הנקרא ר׳ אייזיק׳ל מקאמארנא״**

ער איז געבוירן אין שטאט סאמבור, כ״ה שבט בשנת תקס״ו,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי אלכסנדר סענדר בעל זכרון דברים מקאמארנא זי״ע,
בן הרה״ק רבי יצחק אייזיק ספרין מזידיטשוב קאמארנא זי״ע,
בן הגה״ק רבי אלכסנדר מסטבניק זי״ע,
בן הגה״ק רבי צבי זי״ע,
חתן הגה״ק רבי יום טוב ליפמאן הלוי בעל תוספות יו״ט מקראקא זי״ע,
ונכד הגה״ק רבי ישעי׳ הלוי איש הורוויץ בעל השל״ה הקדוש זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת חנה ע״ה,
בת הרה״ק רבי יעקב קאפיל ליקאווער זי״ע,

ער איז געווען א גאון וקדוש מופלג, א צדיק יסוד עולם ושר בית הזוהר עיר וקדיש, ער איז געווען א גאון בתורת הנגלה והנסתר, ער האט געהאט א אינטערסאנטע וועג און עבודת השם, אמאל איז זיין עבודה געווען בהסתר גדול, און אמאל איז עס געווען בהתגליא, ער פלעגט זאגן אז מחמת וואס אין די וועלט איז דא א גרויסע התגברות השקר, דערפאר קען ער נישט אייביג מגלה זיין זיין עבודה, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות, טויזנטער אידן זענען געהאלפן געווארן דורך זיין ברכות חוץ לדרך הטבע,

פארציילט מען, אז ביי די דריי יאר האט ער שוין דערגרייכט די מדריגה פון רוח הקודש און גערעדט דברי נבואה, אבער ביי די פינעף יאר האט זיין פעטער הרה״ק רבי הערשעלע מזידיטשוב זי״ע אים אוועק גענומען די מדריגה, ווייל עס איז אים מזיק בעבודת השם, און דער פעטער האט אים געזאגט, אז אויב ער וועט וועלן וועט ער עס אים צוריק געבן ביי די דרייסיג יאר, ביי די זעקס יאר האט ער זוכה געווען צו זיין ביים צדיק הרה״ק בעל החוזה מלובלין זי״ע,

ביי די ניין יאר ווען ער איז געווען ביים חוזה זי״ע האט דער הייליגער חוזה געזאגט פאר זיין תלמיד הרה״ק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי״ע, אז ער זאל נעמען דעם רבי אייזיק׳ל אלס חתן פארן טאכטער הרבנית הצדקת מרת גיטל ע״ה,

און דער הייליגער חוזה מלובלין זי״ע האט געזאגט פאר תלמיד רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי״ע, אפילו די ביסט טאקע א גרעסערע יחסן ווי דעם בחור׳ס טאטע רבי סענדר׳ל מקאמארנא, זעה איך אבער אז דער חתן וועט פארשיינען די וועלט, מען האט דאן געשריבען כתב תנאים ביים חוזה מלובלין, און די ערב קבלן מצד הכלה איז געווען דער הייליגער מאור ושמש זי״ע און דער הייליגער אור לשמים מאפטא זי״ע,

בשנת תקפ״ב איז ער געגאנגען לערנען קיין פינטשוב ביים שווער, און ווען זיין שווער איז נסתלק געווארן האט אים די פעטער רבי הערשעלע מזידיטשוב זי״ע גערופען אז ער זאל קומען לערנען ביי אים, און בשנת תקפ״ט האט מען אים אויף גענומען אלס דומ״ץ אין שטאט זידיטשוב,

בשנת תקצ״א איז ער אנגעקומען קיין קאמארנא, און גאנץ אנפאנג האבן די אידן דארט אין קאמארנא נישט געזעהן זיין גדלות, ער האט דאן אסאך געליטן רדיפות פון די מתנגדים אין שטאט, אבער נישט קיין סאך צייט דערנאך האבן טויזנטער אידן פון אלע שטעט ארום אנגעהויבען קומען מיטהאלטן זיין עבודת הקודש, און די שטאט קאמארנא איז דאן געווארן באוויסט אלס א שטאט פון תלמידי חכמים און גדולי הדור,

ער האט דארט אין קאמארנא עוסק געווען אסאך אין העלפן צובראכבענע אידן, און מיט זיין געוואלדיגע צוגעלאזענקייט זענען טויזנטער אידן געווארן צוגעבינדען צו דעם צדיק.

ער האט געזאגט אז ער האט זיך מסתופף געווען ביי 18 צדיקים בעלי רוח הקודש ובתוכם,

הרה״ק החוזה מלובלין זי״ע,
הרה״ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי״ע,
הרה״ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי״ע,
הרה״ק רבי משה צבי מסאווראן זי״ע,
הרה״ק בעל ישמח משה מאוהעל זי״ע,
חתנו הרה״ק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זי״ע,
הרה״ק רבי דוד מווייסליין זי״ע,
הגה״ק רבי אברהם בעל דעת קדשים מבוטשאטש זי״ע,
הרה״ק רבי שמעון מיערסלוב זי״ע,
הגה״ק רבי יעקב בעל מלא הרועים מדינוב זי״ע,

הרה״ק בעל בני יששכר מדינוב זי״ע,
הרה״ק רבי אשר ישעי׳ בעל אור ישע מראפשיץ זי״ע,
הרה״ק רבי ישעי מפשעדבוז זי״ע,
הרה״ק רבי משה מקאברין זי״ע,
הרה״ק בעל מאור ושמש מקראקא זי״ע,
הרה״ק בעל אור לשמים מאפטא זי״ע,
הרה״ק רבי מנחם מטורנא זי״ע,
הרה״ק רבי משה מסאמבור זי״ע,

אויך איז דער צדיק וקדוש געווען גאר שטארק בידידות מיט הרה״ק רבי יקותיאל יהודה בעל ייטב לב מסיגוט זי״ע,

הרה״ק רבינו יואל מסאטמאר זי״ע האט געזאגט בשם זיין זיידן דער הייליגער ייטב לב מסיגוט זי״ע, דער טעם פארוואס דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אייזיק׳ל מקאמארנא זי״ע, האט גאנ׳ץ אנפאנג אין די יונגע יארן געהאט גאר אסאך חסידים וואס זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, אבער שפעטער יארן האט דער צדיק נישט געהאט אזויפיל חסידים וואס זענען געקומען זיך מסתופף זיין ביי אים אין קאמארנא, נאר ווען דער צדיק איז געפארן פראווענען האט ער געהאט א גרויסע סכום חסידים וואס זענען געקומען,

האט דער הייליגער ייטב לב זי״ע געזאגט, אז די סיבה צו דעם איז געווען, ווייל אין הימל האט מען אזוי געפירט, כדי דער צדיק וקדוש וואס איז געווען א מקובל נורא, זאל קענען עוסק זיין צו מחבר זיין זיינע הייליגע חיבורים, און דער ייטב לב זי״ע האט געזאגט בזה״ל, ״אין הימל גלייכט מען זייער זיין שרייבן״, און דערפאר האט מען געפירט אז די חסידים זאלן נישט קומען שטערן דעם צדיק פון שרייבן זיינע הייליגע חיבורים,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים,

ספר היכל הברכה, על חמשה חומשי תורה,
ספר אוצר החיים, על תרי״ג מצוות,
ספר כתם אופיר, על מגילות אסתר,
ספר זוהר חי, פירוש על ספר הזוהר על פי קבלת האר״י והבעש״ט,
ספר נתיב מצוותיך, הקדמה לספר אוצר החיים,
ספר נוצר חסד, פירוש למסכת אבות,
ספר אדם ישר, תפילות להינצל ממגפה,
ספר דרך אמונה, דברים הנצרכים לתורה ולעבודה,
ספר עצי עדן, מעשה ארג, פירוש על המשנה,
ספר עשירית האיפה, פירוש לתורת כהנים,
ספר פני זקן, פירוש לתלמוד ירושלמי, מסכת שקלים,
ספר נדבת פי, פירוש על מסכת קינים,
ספר שלחן הטהור, על סדר ההלכות בשו״ע או״ח,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה״ק רבי אלכסנדר סענדר זי״ע,
הרה״ק רבי אליעזר צבי בעל דמשק אליעזר זי״ע, ממלא מקום אין קאמארנא,
בתו הרבנית הצדקת הזקנה מרת הינדא שרה ע״ה, אשת הרה״ק רבי מנשה יעקב קלינגבערג זי״ע,

אונעם טאג פון זיין הסתלקות האט ער נאך געלייגט תפילין און געדאווענט מיט מנין און אויף גענומען מענטשן,

א אייניקל וואס איז געשטאנען נעבן דעם רבין ממש פאר די פטירה, האט געזעהן ווי דעם גוף קדוש פונעם זיידן ווארפט זיך, ווען ער האט געפרעגט דעם זיידן וואס דאס איז, האט דער זיידע געזאגט פארן אייניקל, אז ער דארף בקרוב אפגעבן דין וחשבון פארן גרויסן באשעפער און פון דעם פחד ווארפט זיך זיין גוף,

אויך פארציילט מען, אז דער צדיק רבי אייזיק׳ל קאמארנער האט קדיש געזאגט די גאנצע 11 חדשים נאך הרה״ק רבי אייזיק׳ל מזידיטשוב זי״ע, דער זוהן פונעם פעטער רבי הערשעלע זי״ע, וואס איז נפטר געווארן ט׳ ניסן בשנת תרל״ג, און דעם טאג פון זיין פטירה האט זיך געענדיגט די 11 חדשים, און ביינאכט גלייך נאך חצות איז דער צדיק רבי אייזיק׳ל מקאמארנא נסתלק געווארן,

אויך האבן צדיקים געזאגט, אז אונעם טאג פון די פטירה איז געווען בא השמש, וזרח השמש, און יענעם טאג איז געבוירן געווארן דער הייליגער צדיק דער קדושת ציון מבאבוב זי״ע,

נסתלק לגנזי מרומים י׳ אייר בשנת תרל״ד, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט קאמארנא,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

ווען דער צדיק רבי אייזיק׳ל מקאמארנא זי״ע האט געענדיגט דעם ספר עשירית האיפה, איז ער געווען אינגאנצן 30 יאר אלט, איז ער געפארן קיין אונגווער צו

בעטן א הסכמה פונעם גאון דער הייליגער מהר"ם א"ש זי"ע, ווען ער איז אנגעקומען קיין אונגוואר און געגעבן דעם ספר פארן גאון, האט דער גאון געזעהן פאר זיך א פשוטע יונגערמאן און ער האט אים נישט אויף גענומען כראוי, און אים געזאגט, אז ער וועט מוזען איבער טראכטן אויב ער קען געבן זיין הסכמה אויפן ספר, אבער רבי אייזיק'ל האט דעם ספר אראפגעלייגט אויף דעם עמוד ווי דער גאון דאווענט.

ביינאכט האט דער גאון דער הייליגער מהר"ם א"ש געזעהן אין חלום דעם טאטן הרה"ק רבי סענדר'ל זי"ע, און ער זאגט פארן גאון, וויסן זאלסטו אז דער אינגערמאן וואס איז געקומען נעמען דעם הסכמה, איז א איש קדוש און די זאלסט אים מכבד זיין און נישט אהיים שיקן אן קיין הסכמה.

ווען דער גאון האט זיך אויפגעוועקט, האט ער נישט געוויסט אויב דאס איז סתם א חלום אדער עס איז אמת, האט ער אפ געמאכט ביי זיך, אז וויבאלד ער האט א ענין פונעם ספר תורת כהנים, וואס איז א פלוגתא צווישן דעם ראב"ד און אנדערע ראשונים, וואס ער מיטשעט זיך שוין א לאנגע צייט און קען דאס נישט פארשטיין, האט ער געטראכט, אז ער וועט מעיין זיין אינעם ספר פון דעם אינגערמאן, און אויב וועט אים פאר ענטפערט ווערן די פלוגתא, וועט ער וויסן אז די חלום איז נישט סתם א חלום.

ער איז צו געגאנגען צום ספר וואס איז געלעגען אויפן עמוד און דאס אויף געמאכט, האט ער געזעהן, אז די בלאט וואס איז געווען איינגעקנייטשט פון דעם פריערדיגען טאג, איז דער ענטפער אויף דעם פלוגתא, און דער מחבר פונעם ספר איז דאס מסביר בטיב טעם ודעת, ווען דער גאון האט דאס געזעהן האט ער זייער מכבד געווען דעם רבין און געגעבן א הסכמה אויפן ספר.

אונעם ספר מגילת סתרים שרייבט דער צדיק רבי אייזיק'ל זי"ע, אז ער האט איינמאל געזעהן אין חלום זיין פעטער הרה"ק רבי בעריש מזידיטשוב זי"ע און אים געפרעגט, וואס זאגט מען אין הימל צו מיינע דברי תורה, האט דער פעטער אויפגעהויבן די הענט און געזאגט, "דיינע דברי תורה לערנט מען אין די מתיבתא דרקיעא".

הרה"ק רבי אהרן ווייס בעל מדרש אהרן מראסוויגעף זי"ע האט פארציילט א מעשה נורא, וואס ער האט מיט געהאלטן ביים צדיק רבי אייזיק'ל זי"ע, ווען די רבי האט זיך איינמאל אויפגעהאלטן אין שטאט סאבראנץ אונעם מרחץ, און אסאך חסידים זענען געקומען צו פארן צום רבין אויף שבת קודש, ובתוכם איז דער צדיק רבי אהרן זי"ע געפארן מיט זיין טאטע הרה"ק רבי שמואל צבי ממונקאטש זי"ע קיין סאבראנץ.

אויפן וועג האבן די גרופע חסידים געטראפן א גוי וואס האט געכאפט פיש, האבן די אידן געקויפט אסאך פיש כדי צו ברענגען א מתנה פארן רבין צו מקיים זיין דעם מאמר חז"ל, "כל המביא דורון לתלמיד חכם כאילו מקריב ביכורים", אבער וויבאלד עס איז שוין געווארן נאכט, זענען זיי געבליבן איבער נעכטיגען אין א שטאט נישט ווייט פון סאבראנץ, האט איינע פון די חבריא געזאגט, מען האט דאך אזויפיל פיש, לאמיר קאכן איין פיש צו האבן עפעס צו עסן, און מען האט טאקע געקאכט איין פיש.

אבער ביים עסן האט זיך א ביין געשטעלט אונעם האלז פון דער וואס האט געקאכט דעם פיש, און ער איז געווארן אין א מצב סכנה און מען האט נישט געוויסט וואס צו טון, האט מען זיך אויף געהויבן און געפארן גלייך צום רבין מיט דעם איד.

ווען מען איז אנגעקומען צום שטאט סאבראנץ איז שוין געווען נאך חצות לילה, גלייך ווען מען איז אריין צום רבין האט די רבי געזאגט, "די פיש איז דאך מיינס און ווי אזוי האט מען גענומען פון מיינע פיש", אבער די רבי האט גלייך געזאגט, יהי רצון אז די ביין זאל ארויסגיין פון דיין האלז, כך הוה דער איד האט זיך גענומען היסן און די ביין איז גלייך ארויס.

אמאל איז א איד געקומען צום צדיק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע, און זיך מזכיר געווען אז ער דארף זיך שטעלן צו מיליטער, און געבעטן פאר א ברכה, האט די רבי געענטפערט בזה"ל, "צווישן מיינע קינדער וועסטו אויך באפרייט ווערן", דער איד האט נישט גלייך פארשטאנען דעם באדייט פון די ברכה, אבער ער האט געוויסט אז די ברכה פונעם רבין וועט זיכער מקיים ווערן.

ווען עס איז געקומען די צייט, האט זיך געשטעלט צו די מיליטער דעם רבין'ס זוהן רבי סענדר'ל, האט דער אפיציר געזאגט פאר רבי סענדר'ל אז אפילו ער איז שוואך בגוף, מיט דעם אלעם, "דעם ראבין דארף מען נעמען צו דינען אין מיליטער", נאך רבי סענדר'ל איז

אריין דער איד וואס האט זיך געהאט מזכיר געווען ביים צדיק רבי אייזיק'ל, און דער אפיציר האט דעם איד אויך פארשריבן אלס פעאיג צו דינען אין מיליטער.

דערנאך איז אריין דעם רבין'ס צווייטע זוהן וואס איז אויך געווען שוואך צוליב זיין מיחוש אויפן הענט, אבער דער אפיציר האט געזאגט, "מן הסתם מאכט ער זיך קראנק, און מ'מוז דעם ראבין אויך אריין נעמען אין מיליטער", און אלע דריי זענען פארשריבן געווארן צו די מיליטער.

ווען זיי האבן זיך געשטעלט פארן שופט וואס האט באקומען דעם ליסטע פון אלע וואס דארפן זיך שטעלן צו די מיליטער, און דער שופט האט געזעהן די נעמען פון די קינדער פונעם רבין, האט ער זיך זייער דערשראקן, און געזאגט ווי קען איך מיך פארטשעפן מיט דער קאמארנער רבי, און דער שופט האט פארציילט, אז אמאל איז געווען א גרויסע שריפה אין שטאט קאמארנא און מען האט נישט געקענט פארלעשן דעם פייער, איז רבי אייזיק'ל געקומען און האט אויף געהויבן זיין פאטשיילע קעגן דעם פייער, און די פייער האט זיך גלייך פארלאשן.

דער שופט האט אבער מורא געהאט צו אויסמעקן די נעמען וויבאלד זיי זענען שוין געווען פארשריבן, אבער ער האט זיך מיישב געווען, און ארויס געריסן דעם גאנצן בלעטל פונעם בוך, און ממילא וועט מען זיי שוין קיינמאל נישט רופן צו די מיליטער, פארשטייט זיך אז דעם איד'ס נאמען איז אויך געווען אויף דעם בלאט, און אזוי איז ער אויך באפרייט געווארן פון מיליטער, דאן האט דער איד שוין פארשטאנען די ברכה פונעם רבין.

אמאל ווען דער צדיק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע איז געווען אויף איינע פון די רייזעס אונעם שטאט אפראט נעבן קליינווארדיין אין אונגארין, האט אים קיינער נישט איינגעלאדנט צו זיך אין שטוב, אויף זיין פארגע, האבן אים די איינוואוינער פארציילט, אז די גאנצע שטאט זענען אין שטוב פון א איד וואס האלט ביי די גסיסה ר"ל, און אויך דארף מען היינט מאכן דעם ברית פאר זיין נייע געבוירענע קינד, אבער מען ווארט אויפן שטארבן פונעם טאטן, כדי מען זאל קענען געבן פארן קינד א נאמען נאכן טאטן.

האט די רבי געהייסן אז מען זאל אים צופירן צו די וואוינונג פון דעם איד דער גוסס, און ער האט גלייך געהייסן "גרייט אן דאס קינד צום ברית", און איך פארזיכער אייך אז אויפן ארט ווי אליהו הנביא ז"ל געפינט זיך, וועט דער בעל דבר נישט האבן קיין שליטה.

באלד האט דער צדיק רבי אייזיק'ל זיך אנגעטון דעם טלית און אליין געווען מוהל און סנדק, באלד נאכן ברית האט דער צדיק ארויס גענומען א סומע געלט און געהייסן מען זאל גיין אין געשעפט, און קויפן ברויט הערינג און וויין און מען וועט פראווען די סעודת ברית.

מען האט טאקע אנגעגרייט א סעודה און זיך געזעצט צום טיש, דערווייל איז דער פאטער נאך געלעגן אין בעט קראנק ביי די גסיסה ל"ע, נאר מען האט אינגאנצן פארגעסן צוליב דעם שמחת ברית, פארן בענטשן האט די רבי געהייסן זינגען דעם זמר "יום ליבשה", און ארויס אין א ריקוד של מצוה.

ווי מען האלט אינמיטן טאנצן האט דער קראנקער פאטער אויף געהערט גוסס'ן, ער האט אויפגעמאכט די אויגן און געבעטן מען זאל אים אנטון די בגדי שבת, ווייל ער וויל זיך אויך באטייליגען ביים סעודת ברית, און דערנאך איז דער איד פולקאם צוריק געזונט געווארן.

ווען דער צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע איז אמאל געקומען קיין סאמבור אויף שבת, איז די שטאטישע בית דין אים געקומען מקבל פנים זיין, און מען האט פאר געלייגט א שאלה פון א גט פון א שכיב מרע וואס האלט ביי גסיסה, און געפרעגט זיין מיינונג בהלכה.

רבי אייזיק'ל האט זיי ערשט געזאגט זיין בירור הלכה וועגן דעם גט, אבער ער האט באלד דערנאך געזאגט, אז א ענליכע מעשה איז פאר געקומען ביים הייליגען פני יהושע זי"ע, און דער פני יהושע האט געזאגט זיין הלכה'דיגע שטעלונג.

אבער באלד זיך אנגערופן און געזאגט, האבנדיג היינט אויף געטוען א חידוש אין לערנען וואס איז אנגענומען אין הימל, געב איך דעם חידוש יעצט אוועק פארן חולה במתנה, און זאל ער אין דעם זכות ווערן אויס געהיילט, און דער חולה איז באלד דערנאך אויסגעהיילט געווארן.

האט רבי אייזיק'ל אויס געפירט דאס זעלבע זאג איך יעצט, היות איך האב היינט מחדש געווען א יוחד בקבלה וואס איז אנגענומען אין הימל, געב איך דאס

אוועק פארן חולה במתנה, און זאל ער האבן א ישועה, פארשטייט זיך אז דער חולה איז געזונט געווארן.

אמאל זענען א גרופע פון חסידים פון רבי אייזיק'ל געפארן אויף שבת צו זייער רבין, עס איז דאן געווען א גרויסע שניי און מען האט געמיזט פארן מיט שליטין, אינמיטן וועג האט איינע פון די חסידים געברויכט ארויסגיין, האט מען זיך אפגעשטעלט און דער איד איז אריין אין וואלד, און דערוואל זענען די אנדערע ווייטער געפארן מיטן שליט ביז אונטן פונעם בארג.

פלוצלונג איז דער איד אריינגעפאלן אין א גרוב פון שניי און זיך נישט געקענט ארויס זעהן, נאר אדרבא ער איז אריין טיפער און טיפער, און ער האט שוין געשפירט אז ח"ו ער וועט זיך פון דא נישט ארויסזעהן, פלוצלונג זעהט ער זיין רבין רבי אייזיק'ל, און ער כאפט אים אן און שלעפט אים ארויס פונעם גרוב און טראגט אים צוריק צום וואגן, צוזאמען מיט די גאנצע חבורה, און ער איז ווייטער געפארן צום רבין, און נישט פארציילט פאר קיינעם דעם נס וואס ער האט געהאט.

ווען זיי זענען אן געקומען צום רבין האט די רבי געגעבן שלום עליכם, און געזאגט פאר זיי, אז דעם אנדערן מאל דארף מעןווארטן אויף א אנדערן און נישט מטריח זיין דעם רבין אים צו קומען מציל זיין, די אנדערע אידן האבן נישט פארשטאנען וואס די רבי האט געמיינט מיט די ווערטער, אבער דער איד האט פארציילט פאר די אנדערע דעם נס וואס ער האט געהאט מיטן רבין.

איינמאל איז רבי אייזיק'ל געווען אונעם שטאט וואלאווע אויף שבת, עס איז דאן געווען דארט א מגיפה רח"ל, שבת צופרי האט מען געגעבן א עליה פאר רבי אייזיק'ל האט ער ביי די מי שברך געזאגט בזה"ל, "בעבור שנדר תתק"ס גוים בעבור יהודי אחד",

גלייך נאכדעם זענען אסאך גוים אין שטאט געשטארבן, אבער קיין איין איד איז נישט געשטארבן, און די גוים דארט אין שטאט האבן אנגעהויבן רעדן, אז דער ראבינער וואס איז יעצט דא האט זיכער אונז געשאלטען, און דאן האט רבי אייזיק'ל געברויכט אנטלויפן פונעם שטאט וואלאווע.

הרה"ג רבי ישראל דוד נייוואנער ז"ל האט דערציילט, אז זיין עלטער זיידע איז געווען א גרויסע עושר און א גרויסע חסיד פונעם צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע, איינמאל אינמיטן ווינטער איז די זיידע געפארן קיין קאמארנא זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק, אזוי ווי ער האט דאך געוויסט אז עס איז נישט דא קיין גרויסע עולם ביים רבין יעצט אינמיטן ווינטער, און צוליב דעם האט דער צדיק דאן געלעבט אין א שרעקליכע דחקות, האט דער חסיד מיט גענומען א וואגן פיל מיט כל טיב וטוב, און ער האט דאס געברענגט צום צדיק אלס מתנה,

ווען דער חסיד איז אנגעקומען צום שטוב, און דער צדיק האט דערזען וואס דער חסיד האט פאר אים געברענגט, האט דער צדיק געזאגט מיט א שמחה, "די האסט מיך מחי' געווען, מיט וועלכע ברכה זאל איך דיך בענטשן", האט דער חסיד געזאגט, רבי גיב מיר א ברכה פאר אריכת ימים, האט דער צדיק געזאגט "זאלסט לעבן 105 יאר", פארשטייט זיך אז ברכת צדיק עושה רושם, און דער חסיד האט טאקע געלעבט 105 יאר,

ווען דער חסיד איז געווען בערך 102 יאר אלט, איז ער זייער נישט געזונט געווארן, און דער דאקטאר האט אזוי מרמז געווען פאר די קינדער, ווי צו זאגן, דער איז דאך שוין אזוי אלט וואס ווילט איר פון מיר, האט דער זקן געזאגט פארן דאקטאר, עס איז נאכנישט געקומען מיין צייט צו פארלאזן די וועלט, ווייל איך האב נאך 3 יאר פונעם ברכה פון דעם צדיק.

ווי באקאנט איז דער צדיק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע געבוירן דורך א ברכה וואס די עלטערן האבן באקומען פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע,

און דער צדיק רבי אייזיק'ל האט פארציילט, אז זיין טאטע רבי סענדר'ל האט נישט געהאט קיין בן זכר, און זיין טאטע רבי סענדר'ל איז געווען א תלמיד פון דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, ער פלעגט אים כסדר בעטן אז ער זאל אים אויספועלען א בן זכר, איינמאל האט דער חוזה געזאגט פאר רבי סענדר'ל, אויב דו ביזט מסכים צו פארלאזן די וועלט יונגערהייט, קען איך דיר פועל'ן א גרויסע נשמה, אבער דו וועסט נישט קענען זיין צוזאמען מיט אים אויף די וועלט א לאנגע צייט, און רבי סענדר'ל האט מסכים געווען און נישט לאנג נאכדעם איז צו זיי געבוירן געווארן די הייליג קינד רבי אייזיק'ל,

ווען רבי אייזיק'ל איז געווארן בערך צען יאר, האט זיין טאטע זיך געזעגנט פון אים און ער האט געזאגט אז ער דארף פארן קיין אונגארן, (קאמארנא איז דעמאלס

געווען א טייל פון פוילן), זיין טאטע האט געזעהן ברוח קדשו אז ער דארף נסתלק ווערן אין דעם שטאט אוהעל, האט ער זיך געזעגנט פון זיין זון, און זיי האבן ביידע געוויינט, ווייל זיי האבן ביידע געוואוסט וואס דאס געזעגענען מיינט, רבי סענדר׳ל איז טאקע נסתלק געווארן אין שטאט אוהעל, און דארט ליגט ער אין דער זעלבע אוהל צוזאמען מיט דעם הייליגען ישמח משה זי״ע.

רבי אייזיק׳ל קאמארנער איז געבליבן א יתום און ער האט זיך געוואלגערט פון איין פלאץ צום צווייטן, ויהי היום, און זיין פעטער, דער הייליגער צדיק הרה״ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע האט געלאזט רופן ר׳ אייזיק׳ל קאמארנער, און ער האט אים געזאגט, אז פון היינט אן זאל ער בלייבן ביי אים, און ער וועט לערנען מיט אים, און ער וועט זיך אומקוקן אויף אים אזוי ווי אויף אן אייגן קינד,

האט דערציילט דער פעטער דער עטרת צבי זי״ע פארן צדיק רבי אייזיק׳ל זי״ע, אז יענע נאכט האט ער געחלומ׳ט, ווי ער קומט ארויף אויבן אין גן עדן און ער גייט אריין אין א גרויסע היכל, וואו עס זענען געזעצן אסאך צדיקים, דער ראש פון די היכל איז געווען דער הייליגער ״בית יוסף״, צווישן די צדיקים איז אויך געזעצן דיין טאטע ר׳ סענדר׳ל זי״ע, און אזוי ווי איך בין אריין געקומען אין דעם היכל, האט זיך דער בית יוסף אויף געשטעלט און ער האט געזאגט, ״ברוך הבא ר׳ הערשעלע זידיטשויבער״,

דער בית יוסף האט געבעטן אז איך זאל זאגן א דבר תורה, איך האב געענטפערט אז דא אין דעם היכל זיצן גרויסע תלמידי חכמים וואס זענען עוסק בעיקר אין נגלות התורה, און איך בין עוסק בעיקר אין סתרי תורה, פון דעסט וועגן וועל איך זאגן א דבר תורה בנגלות התורה אויף די וואכעדיגע סדרה,

אזוי ווי איך האב געענדיגט די תורה האט מיר דער בית יוסף געזאגט, ״גוט האסטו מחדש געווען אין די הייליגע תורה״, נאכדעם האט מיר דער בית יוסף געזאגט ״ר׳ הערשעלע זידיטשויבער, דיין ברודער ר׳ סענדר׳ל וואס זיצט דא, האט מיר געבעטן אז איך זאל דיר זאגן, אז ער האט איבער געלאזט א קליין קינד אויף יענע וועלט, און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים, און ער האט נישט ווער זאל לערנען מיט אים תורה, ער בעט פון דיר אז דו זאלסט לערנען מיט אים״, איך האב געענטפערט אז איך

בין מקבל אויף מיר, צו לערנען מיט אים, און אזוי האב איך מיר אויף געכאפט פון שלאף,

דעמאלס האט ער געלאזט רופן ר׳ אייזיק׳ל און ער האט אנגעהויבן צו לערנען מיט אים, ער איז געווען זיין רבי מובהק אזוי ווי מיר טרעפן אין די פילע ספרים פון ר׳ אייזיק׳ל קאמארנער, ווי ער ברענגט אן א שיעור תורות פון זיין רבי זיין פעטער ר׳ הערשעלע זידיטשויבער זי״ע,

הרה״ק רבי משולם פייש בעל עבודת עבודה מטאהש זי״ע האט געזאגט, אז דעם טאג פונעם יארצייט פונעם צדיק וקדוש רבי אייזיק׳ל מקאמארנא זי״ע וואס איז י׳ אייר, דאס איז דעם זעלבן טאג וואס ער געפאלט אויס יעדעס יאר יום הקדוש, אויך האט דער צדיק מטאהש געזאגט, אז ווען מען איז מזכיר דעם צדיק מקאמארנא, זאל מען ארויס זאגן דעם גאנצן נאמען ״רבינו יצחק אייזיק יהודה יחיאל בן מורה מורינו אלכסנדר סענדער זי״ע״,

צדיקים האבן מעיד געווען אז דער צדיק וקדוש רבי אייזיק׳ל מקאמארנא זי״ע האט בחייו ממתיק געווען הונדערטער גזירות קשות פון כלל ישראל, און ער האט משפיע געווען ברכות לרוב פאר די גאנצע וועלט, ובפרט פאר די אידן פון דעם מדינות אונגארן, ווייל ער פלעגט יעדעס יאר פארן אויף דריי שבתים קיין אונגארן, און דאן האט ער געברענגט פאר תושבי אונגארן ישועות רבות, ״ער האט גאנץ אונגארן באשיט מיט ברכות״,

דער הייליגער צדיק רבי אייזיק׳ל מקאמארנא זי״ע פלעגט זיך פירן, אז אין די זומער חדשים פלעגט ער פארן קיין אונגארן צו די שטאט ״סאבראניץ״, דארט אין סאבראניץ איז געווען א איד וואס האט געהאט א גרויסע הויז, מיט א גרויסן גארטן, עס פלעגן דארט איינשטיין פיל צדיקי הדור, איין יאר האט דער בעל הבית געהאט די זכי׳, אז דער הייליגער קאמארנער איז איין געשטאנען ביי אים, דער בעל אכסניא האט צו געשטעלט פון אלעם גוטן, כדי צו מאכן א נחת רוח פאר׳ן צדיק, און פאר די אידן וואס זענען געקומען מסתופף זיין בצל הקודש,

ווען דער קאמארנער האט זיך געזעגנט פון זיין בעל אכסניא, האט דער קאמארנער געוואלט אויסדריקן זיין הכרת הטוב אויף די גא׳טעמ׳טע געשמאקע אכסניא וואס ער האט געהאט, האט ער געפרעגט דעם בעל אכסניא, צי ער האט אפשר עפעס א בקשה וואס ער

וואלט געוואלט בעטן, און ער האפט אז מיט סייעתא דשמיא וועט ער אים קענען געבן א ברכה,

האט דער בעל הבית געזאגט, אז געלויבט השי"ת ער האט פון אלעם גוטן, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, פרנסה בכבוד, און ער איז געזונט און שטארק, אבער איין זאך וואס פעלט אים שטארק אויס, דאס איז א קוואל וואסער אין דעם גרויסן חצר, ווייל יעדעס מאל וואס מען דארף וואסער, מוז מען גיין א שטיק–וועג צו שעפן וואסער, און ווען ער וואלט געהאט דא אין חצר א קוואל מיט וואסער, וואלט עס געווען א געוואלדיגע הנאה און דערקוויקעניש,

דער הייליגער קאמארנער האט זיך אוועק געשטעלט אינמיטן חצר מיט זיין שטעקן אין די האנט, און געמאכט א סימן אינמיטן דעם חצר, און געזאגט, "דא זאלסט דו גראבן!", דער בעל הבית האט געברענגט די כלים מיט וועלכע מען גראבט, און מען האט געגראבן טיף אין דער ערד, און עס איז דארט געווארן א באר מים חיים, א קוואל פון זיסע וואסער, דער בעל הבית האט זיך שטארק באדאנקט פאר'ן רבי'ן, פאר די גרויסע ישועה,

דער קוואל האט אזוי אנגעהאלטן יארן לאנג, יעדן טאג האבן דער בעל הבית און די שטוב מענטשן געשעפט וואסער פון דעם געשמאקן קוואל, ביז א געוויסער טאג, און דאס איז געווען י' אייר בשנת תרל"ד, ווען דער בעל הבית איז צוגעגאנגען צום קוואל האט ער באמערקט, אז דער קוואל ווערט ווייניגער און ווייניגער, און ביים סוף טאג האט מען שוין נישט דערקענט אז דארט איז אמאל געווען א קוואל,

דער בעל הבית האט אין גרויס צווייפיל געשיקט א טעלעגראם קיין קאמארנא צום צדיק, צו מזכיר זיין דעם פאסירונג, און וואס מען קען דא טוען, דער ענטפער איז צוריק געקומען צום בעל אכסניא, אז ליידער אין דעם טאג י' אייר איז נסתלק געווארן דער גרויסער "קוואל" פון קדושה וטהרה, דער הייליגער קאמארנער, האט דער איד שוין פארשטאנען אז די אלע יארן האט דער קוואל געפליסט, צוליב די ברכה און כח הקדושה פון דעם צדיק.

א גרופע אידן פון שטאט מונקאטש וואס זענען געווען גרויסע חסידים פונעם צדיק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע און פון רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע, זענען אמאל געפארן אויף יום טוב צו די צוויי גרויסע הייליגע רבי"ס פון זידיטשוב און קאמארנא, אויפן וועג האט זיך אנגערופן א 'קאמארנער חסיד' צו א 'זידיטשובער חסיד', "אמת דיין רבי איז זעהר גרויס, אבער פונעם קאמארנער רבי'ן דארף מען "ציטערן",

איז דארט געווען א זידיטשובער חסיד, וועלכער האט מיט חוזק אפ געשפעט פונעם הייליגען קאמארנער, און מיט זיין קערפער האט ער זיך געגעבן א דריי און געזאגט מיט שפאס, "און אז מען ציטערט נישט איז וואס", ער האט געמיינט צו זאגן אז מען דארף זיך נישט אזוי דערשרעקן און ציטערן, ווען מען איז אנגעקומען צום שיידוועג האט מען זיך געזעגנט, טייל חסידים זענען געפארן קיין זידיטשוב און טייל קיין קאמארנא,

ווען די זידיטשובער חסידים זענען אן געקומען נאנט קיין זידיטשוב, האבן זיי באמערקט אז יענער חסיד וואס האט אזוי אפ געשפעט פונעם הייליגען קאמארנער, ווארפט זיך זעהר שטארק, האבן זיי אים מזכיר געווען ביים רבין דער צדיק רבי אייזיק'ל זידיטשובער, האט רבי אייזיק'ל אים אנגעוואונטשן, אבער ער האט נאך אל'ץ געציטערט,

שפעטער ווען מען האט אים נאכאמאל מזכיר געווען, אז ער האט נישט אויף געהערט זיך ווארפן, האט רבי אייזיק'ל געפרעגט, וואס גייט דא פאר, ווען האט זיך זיין ציטערן אנגעהויבן, ווייל ביים צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע איז אלעמאל געווען צדיק גוזר והקב"ה מקיים, און זיינע ברכות פלעגן תיכף ומיד מקויים ווערן,

האט זיך איינער דערמאנט אז דאס מוז זיין, ווייל ער האט אפגע'חוזק'ט פונעם צדיק רבי אייזיק'ל מקאמארנא, און געזאגט אז עס איז גארנישט אז מען ציטערט נישט פון קאמארנא, און ער האט דאס דערציילט פארן רבי'ן,

ווען דער רבי פון זידיטשוב האט געהערט, אז ער האט אפגע'חוזק'ט פון קאמארנא צדיק, האט ער געזאגט, אויב אזוי וועט ער שוין ציטערן גאנ'ץ יום טוב, און אזוי איז טאקע געווען,

נאך יום טוב האט רבי אייזיק'ל געשיקט א בריוו צום הייליגען קאמארנער זי"ע, און געבעטן אז ער זאל מוחל זיין פאר זיין חסיד וואס האט גרינגגעשעצט אין אים, נאכדעם וואס מען האט איבער געבעטן דעם קאמארנער רבי'ן, האט דער זידיטשובער חסיד געהאט א רפואה, און אויף געהערט צו ציטערן.

הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע איז אמאל געווען אויף א אפרוה פלאץ, און די רביצין און די גבאים האבן איין געקויפט אין א געשעפט די מאכלים וואס מ'האט געדארפט פאר צרכי הבית, פאר מען האט געדארפט אוועק פארן האט דער געשעפט אייגנטימער געמאכט א פונקטליכן חשבון אויף אלע פראדוקטן וואס מ'האט איין געקויפט, די רעבעצין האט אריינגעטראגן דעם חשבון צו איר הייליגן מאן, און געבעטן געלט צו באצאלן דעם בעל הבית איידער מען פארט אוועק.

ווען דער קאמארנער האט געזען דעם חשבון האט ער זיך אנגערופן: "דער חשבון שטימט נישט", די רעבעצין לאזט וויסן פאר דעם געשעפטס מאן אז דער רבי טענה'ט, אז דער חשבון שטימט נישט, אבער דער סוחר האלט זיך ביי זיינ'ס און ווייזט אן אז דער חשבון איז יא ריכטיג, און זאגט אז ער האט עס אפילו איבער גערעכנט, און דער חשבון איז פונקטליך, אבער ווען דער געשעפטס מאן האט געזען אז דער רבי האלט זיך ביי זיינ'ס, אז דער חשבון שטימט נישט, האט ער זיך בארעכנט אז ער וועט אליין פערזענליך אריבער גיין ווייזן פאר'ן רבי'ן דעם חשבון, און אזוי וועט ער באקומען באצאלט.

טאקע אויף דעם האט דער קאמארנער צדיק געווארט, וואס איז געווען די מעשה, דער געשעפטס-מאן האט געוואוינט אין א אידישע שטאט, און איז געווען א שומר תורה ומצוות כדת וכהלכה, אבער מיט די צייט האט זיך נעבעך דער איד גענומען אראפגליטשען פון ריכטיגן וועג, און איז געגאנגען וואוינען אין אן אנדערן געגנט.

דער הייליגער קאמארנער מיט זיינע הייליגע אויגן האט דאס גלייך געזען ביים נאר קוקען אויפן חשבון, און דער צדיק האט אים יעצט געוואלט "מחזיר בתשובה" זיין, אבער ער האט געדארפט אז דער איד זאל אריבער קומען צו אים, און ער זאל קענען רעדן מיט אים פריוואט, צווישן פיר אויגן, כדי נישט ח"ו צו פארשעמען א אידיש קינד, דערפאר האט דער קאמארנער צדיק בגודל חכמתו וקדושתו געזאגט, אז דער חשבון שטימט נישט, וואס דער סוחר וועט דערמיט מוזן אריבער קומען און ווייזן אז עס שטימט יא.

ווייל רבי אייזיק'ל האט געוואלט איבערווייזן פאר דעם איד אז "זיין חשבון פון זיין הנהגה שטימט נישט!", דאס מיינט אז א איד ברויך זיך מאכן א "חשבון הנפש", און טראכטן, "ווי אזוי פיר איך זיך אויף, און ווי אזוי קען מען טוען אזוי פיל שלעכטס, ווען השי"ת טוט אזוי פיל גוטס צו מיר, ווי אזוי קען מען נעמען געלט, כוחות און אברים וואס השי"ת האט געגעבן פאר'ן מענטש אים צו דינען דערמיט, און טוען זאכן דערמיט קעגן השי"ת רח"ל", דאס האט געמיינט אז דער חשבון שטימט נישט, ווי פארשטענדליך האט דער הייליגער קאמארנער אים אויס געצאלט זיין חוב, און גלייכצייטיג מחזיר בתשובה געווען דעם איד, און דאן האט שוין דער חשבון געשטימט.

א אידישער גוט באזיצער פון אונגארן וועלכער האט געוואלט פארזיכערן זיין פארמעגן, האט ער געגעבן פאר'ן הייליגן צדיק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע א סכום געלט פאר וועלכער ער זאל פארהיטן זיין פארמעגן פון פייער-שאדנ'ס, דער איד האט געוואוסט אז אויף דעם אופן איז דאס פארמעגן פארזיכערט פיל מער, ווי דורך א קאנטראקט מיט יעדע אנדערע זיכערהייטס-געזעלשאפט (אינשורענס בלע"ז).

יענעם ראש השנה ווען מען האט געהאלטן אינמיטן דאווענען, האט דער הייליגער קאמארנער מיט אמאל ארויסגענומען פון קעשענע זיין גרויסע פאטשיילע, און האט אנגעהויבן פאכען דערמיט אין דער לופטן, אזוי האט ער געפאכעט עטליכע מאל אהין און צוריק.

יענע יאר באלד נאך ראש השנה, איז דער גוט-באזיצער ווידער געקומען צום הייליגן קאמארנער, און ער האט דערציילט, אז בשעת מען האט געדאווענט מוסף ראש השנה, האט פלוצלונג אויס געבראכן א פייער אינעם גוט פון זיין גוי'אישן שכן, דאס פייער האט זיך שנעל אנגעכאפט אויך אין זיין שייער, אבער פלוצלונג האט זיך דאס פייער אפ געשטעלט, און פון זיך אליין פארלאשן אויפ'ן ארט, ווען דער איד האט דאס דערציילט, האט דער קאמארנער א געשריי געגעבן, מער דארף איך נישט אזעלכע געשעפטן!, פון היינט אן זאלסטו פארזיכערן דיינע פארמעגנס ביי א זיכערהייטס-געזעלשאפט!.

דער צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע האט אסאך דערציילט די מעשה נורא וואס האט אמאל פאסירט,

אין עפעס א מקום האבן געוואוינט דריי ברודער'ס, וואס האבן לײדער נישט געוויסט קיין סאך פון אידישקייט, אין יענעם שטאט האט מען דן געווען א איד דורך א

פאלשע בילבל, און מען האט דעם איד דן געווען למיתה דורך אויף הענגען רח"ל, דער מנהג ביי די רשעים איז געווען, אז מען האט קודם געהאנגען דעם מענטש פאר דריי טאג, און דאן האבן זיי געוואלט דעם איד רח"ל באגראבן אין א נישט אידישע בית הקברות,

די רשעים האבן געוויסט אז אויב וועלן די אידן פון שטאט הערן אז א איד הענגט אזוי מיט א בזיון, וועלן זיי קומען און פראבירן צו פארכאפן דעם גוף פון דעם איד, האבן די גוים געשטעלט 10 גוים שומרים, וואס זאלן אפהיטן אז מען זאל דעם גוף נישט פארכאפן, איינע פון די ברודער'ס האט געהערט פון דעם, און מחמת עפעס א סיבה האט אין אים אויף געפלאמט זיין אידיש הארץ, און דער איד האט אפ געמאכט אז ער גייט דעם גוף פונעם קדוש גיין אראפ נעמען און באגראבן,

דער איד האט נישט געוויסט אז דארט שטייען די שומרים, און ווען דער איד איז דארט אנגעקומען, זענען די שומרים ארויף געשפרינגען אויף דעם איד, און אנגעהויבן שלאגן דעם איד, דער איד האט זיך נישט געלאזט און ער האט מצליח געווען צו דער'הרג'ענען 3 פון די גוים, און פארשטייט זיך אז די אנדערע זענען אנטלאפן, דאן האט ער דעם גוף פונעם קדוש אראפ גענומען, און אויף די אקסלען האט ער דעם איד אריין געטראגן אין א אידישע שטאט, און מען האט דעם גוף קדוש באגראבן כדת ישראל,

נאך די מעשה האט פאר דעם איד אויף געפלאמט זיין אידישע נשמה, און ער איז געגאנגען צו זיינע אנדערע צוויי ברודער'ס, און ער האט זיי דערציילט די מעשה און געזאגט, ברודער לעבן עס איז נישט קיין תכלית אזוי צו אפ רעכטן דעם לעבן אן קיין תורה ומצוות, לאמיר זיך צוריק קערן צום אידישען וועג, די דריי ברודער האבן דאן טאקע תשובה געטון און זיך אנגעהויבן פירן ערליך,

דערציילט דער הייליגער צדיק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע, אז דריי יאר שפעטער האט ער געטראפן די דריי ברודער'ס אין א שטאט, און זיי זענען שוין דאן געווען אזוי דערהויבען, אז זיי זענען געווען גדולים בתורת הנסתר אויך, און דער צדיק האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, קוקט ווי גרויס תשובה איז און אויך מסירת נפש פאר א מצווה, אז דורך די מצווה וואס דער ברודער האט געטון מיטן גוף פונעם קדוש, האבן אלע דריי ברודער'ס זוכה געווען צו ווערן אזוי דערהויבען ביזן ווערן גדולים בתורת הנסתר,

## מכתב מרבינו זי"ע, אודות חומש היכל הברכה,

אגרת הזאת כתב הרה"ק מקאמארנא זי"ע למדינת אונגארן בעת שהוציא לאור החומשים עם פרוש היכל הברכה.

ב"ה יום א' שמות שנת חיי"ם ש"ל ברכ"ה לפ"ק
.

אל כבוד אחיי ורעיי גדולים וקטנים רעים אהובים מופלגי תורה עשירי עם המתנדבים בעם ברוכים הם לה' מלך עליון ירומם וינשאם וינטלם למעלה במדינת אונגארין הקשורים בנפשי מעודי עד היום הזה.

הנה. אחיי מבואר בזהר בספרא דצנעותא שית אלפי שנה הוי תלי בשעתא קמייתא כי ברגע של בריאת עולם נפקד כל נביא על כל דבר קטן וגדול שיעבור עליו ופרנסתו ומהותו ונספרו כל מצעדי גבר וזאת צריך לקבוע בלבו באמונה שלימה.

ודע שבכל תנועה אלופו של עולם ממלא כל עלמין בכל הסתר מחשבות שם אתו עמו אלופו של עולם וברצון המשגיח מששת ימי בראשית הי' שיהא אתם אחיי ורעיי שבמדינת אונגארין התמכין ועוזרין שלי להמשיך עליכם חיים בעוה"ב וחיי נחת בעוה"ז וכל תורותי לכם הוא.

ע"כ מן הראוי אחיי שתהיו מתומכי תורתי, ולקנות החומש שלי, שיהיה בכחי להוציא לאור כל חמשה חומשי תורה והמצות הזאת היא מנהג ישראל מקדם שיתפשט גודל מתיקת התורה ויפיה והדרה, ובפרט לכם אחיי שבמדינת אונגארין שיש לכם חלק בתורתי,

ע"כ בקשתי שכל אחד הרשום בפנקס אנשים שלנו שיקח חומש וישלם תיכף כדי שיהי' בכחי להוציא לאור תעלומות חכמה ומובטחנו כל מי שיהי' חומש שלנו בביתו ינצל מכל רע ומכל פגע רע ומחלים ומחסרון, ויהי ביתו מלא ברכת ה' וכל טוב והצלחה ועושר וחיים ארוכים לו ולבניו בלי ספק, ובפרט באמונה שלימה, יבורך במאה ברכות ויבקע כשחר אורו, להראות פני עליון בהשגחה מעינא פקוחא בבני חיי ומזונא וחסדים ורחמים והכרעת הכף לזכות וחיים ארוכים.

נאום ה"ק יצחק אייזיק יהודה יחיאל מקאמרנא.

**יארצייט**
**דאנערשטאג י׳ אייר**

**הרה״ק רבי הלל ב״ר ברוך בענדיט זי״ע,**
**(ליכטענשטיין), בעל משכיל אל דל, אב״ד**
**קאלאמייא,**
**״הנקרא ר׳ הלל קאלאמייער״**

ער איז געבוירן אין שטאט וועטש, י״א כסלו בשנת תקע״ה,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי ברוך בענדיט אב״ד וועטש זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת ליבא ע״ה,
בת הגה״ק רבי הלל פאללאק אב״ד אייבשיץ זי״ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א איש אמת מאוד, און א גאון מופלג כל כולו קודש לד׳, א לוחם מלחמת ד׳ במסירת נפש ממש, ער איז אסאך ארום געפארן אין שטעט און דערפער, מעורר צו זיין אידן לאביהם שבשמים און לערנען אידישע קינדער זיך צו שטארקן אין עבודת השם, ורבים השיב מעון, גרויסע גאונים און צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויף דעם צדיק וקדוש, אז אלעס וואס דער צדיק האט געטון אין זיין לעבן, איז געווען נאר פארן כבוד פונעם באשעפער אן קיין שום פניעות,

ער איז ארויס מיטן גאנצן שארפקייט קעגן די מהרסים צווישן כלל ישראל, ווען עס איז געקומען צו זיינע אויערן אז עס איז דא א פרצה בעקרי הדת, האט ער זיך תיכף אויף געהויבן און אריבער מוחה זיין, מען האט ביי דעם צדיק געקענט זעהן וואס מיינט ״לא תגורו מפני איש״, ער האט זיך נישט דערשראקען פון קיין שום מענטש נישט קיין חילוק ווי חשוב יענער איז געווען,

ער האט לכבוד דעם געהאט שונאים, אבער דאס האט אים נישט געשטערט ווי לאנג ער האט געוויסט אז ער טוט דעם רצון השם, ער האט אסאך פון די מלחמות השם געטון צוזאמען מיט ריעו הנאמן הגה״ק רבי חיים סופר בעל מחנה חיים אב״ד בודאפעסט זי״ע,

עס איז באקאנט די ווערטער וואס דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי״ע האט געזאגט אויף דעם צדיק רבי הלל מקאלאמייא זי״ע בזה״ל, ״כל המהרהר אחריו כאילו מהרהר אחר שכינה, כי בנפשו יצא בקול רעש גדול נגד פריצי הדור״, אויך האט דער הייליגער צאנזער רב זי״ע געשריבן אין זיין הסכמה אויפן ספר פונעם רבין, משכיל אל דל בזה״ל, ״שכל כוונתו לשמים״,

ער איז געווען א תלמיד פונעם הייליגען חתם סופר זי״ע, ער האט דעם חתם סופר געהאלטן אלס רבו מובהק, ער האט פארציילט אז צוליב זיין געוואלדיגע התמדת התורה, האט ער אמאל געקענט פארפאסן א שיעור ביים חתם סופר ווייל ער האט זיך פארלערנט,

איינמאל האט אים דער הייליגער חתם סופר געזאגט, די וועסט אמאל זאגן חטאתי עויתי פשעתי אויף די אלע שיעורים וואס די האסט פארפאסט ביי מיר, פון דאן אן האט דער תלמיד רבי הלל נישט פארפאסט קיין שיעור ביי זיין רבין, און אפילו די שיחות חולין פון זיין רבין האט ער אויך נישט פארפאסט,

ער פלעגט זאגן אז פון די עצם התבוננות אין די הנהגות פון זיין רבין דער הייליגער חתם סופר זי״ע, האט מען געקענט לערנען הלכות פארן לעבן, ווייל זיין רבי איז געווען א מושלם בכל.

ער האט געלערנט פינעף יאר ביים הייליגען חתם סופר זי״ע, ביי זיינע דרשות האט ער אייביג מזכיר געווען זיין הייליגן רבין, און ווען ער פלעגט מזכיר זיין זיין רבי, פלעגט ער זיך אויף שטעלן מיט א אימה ויראה, ער האט זיך אייביג געפירט על פי צוואת משה שיטת רבו החתם סופר זי״ע, זיין אמונה אין זיין רבין איז געווען גאר שטארק, דער גאון האט זיך אמאל אויס געדריקט, אז די אמונה פון די תלמידים פונעם חתם סופר איז געווען אזוי גרויס, אז אויב די רבי וואלט געהייסן טאנצן פון דאך, וואלטן די תלמידים געפאלגט,

וכמים פנים אל פנים האט זיין רבי דער הייליגער חתם סופר אים ארויס געוויזן א חיבה יתירה, און ווי ער האט מעיד געווען אויף זיין תלמיד בכתב יד קדשו בזה״ל, ״שהוא מלא על כל גדותיו בש״ס ופוסקים ראשונים ואחרונים, שכלו צח ומצוחצח, ועוד קודמת יראתו לחכמתו ואהבת נפש אהבתיו״, אויך האט ער זיך איינמאל אויסגעדריקט אויפן תלמיד רבי הלל זי״ע בזה״ל, ״בקי בכל שו״ע אורח חיים משפה לחוץ״,

דער הייליגער חתם סופר זי״ע פלעגט זיך אויפשטעלן פארן תלמיד ווען ער איז אריין געקומען צו אים, א זאך וואס ער האט נישט געטון פאר א אנדערן תלמיד, אויך האט ער געהאט דארט אין ישיבה ביים חתם סופר זי״ע א קרוב זיינער, הרה״ק רבי הלל פאללאק אב״ד סאסרעגען זי״ע, וואס די צוויי תלמידים האבן געלערנט

מיט א געוואלדיגע התמדה און זענען ביידע געווען מקושר צו זייער הייליגען רבין,

איינמאל ערב יום הקדוש ווען די צוויי תלמידים זענען געגאנגען זיך געזעגענען ביי זייער רבין, האט דער רבי דער הייליגער חתם סופר זי"ע געזאגט אויף די צוויי תלמידים, "קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַד'" אלס זייער נאמען הלל, איינמאל האבן די תלמידים פונעם חתם סופר זי"ע געבעטן פון זייער רבין, אז זיי ווילן זוכה זיין צו גילוי אליהו הנביא ז"ל, און דער רבי האט דאס זיי מבטיח געווען,

לימים איז אין ישיבה אנגעקומען א איד מיט צעריסענע קליידער און א אינטערסאנטע אויס זעהן, איז געווען תלמידים וואס האבן דעם איד אויפגענומען בסבר פנים יפות און געגעבן שלום, אויך איז געווען וואס האבן נישט געגעבן שלום, דערנאך איז געווען וואס האבן חוזק געמאכט פון דעם איד,

ווען דער הייליגער חתם סופר האט דאס געהערט, האט ער חוקר געווען און געפרעגט, ווי אזוי די צוויי תלמידים ההר"ק רבי הלל קאלאמייא זי"ע, און הגה"ק רבי הלל סאסרעגען זי"ע האבן אויף גענומען דעם איד, האט מען פארן רבין געזאגט אז די ביידע האבן אויף גענומען דעם איד בסבר פנים יפות,

האט דער הייליגער חתם סופר זי"ע אויס גע'מוסר'ט די תלמידים און זיי געזאגט, איז דאס די וועג פון אויף נעמען א גאסט אז מען זאל לאכן און חוזק מאכן פון א איד, וויסן זאלט איר אז דער איד איז געווען אליהו הנביא ז"ל וְאַשְׁרֵי מִי שֶׁרָאָה פָּנָיו בַּחֲלוֹם אַשְׁרֵי מִי שֶׁנָּתַן לוֹ שָׁלוֹם וְהֶחֱזִיר לוֹ שָׁלוֹם,

און דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט געזאגט, די וואס האבן אויף גענומען דעם איד און געגעבן שלום "וועלן אויסוואקסן תלמידי חכמים און מורה הוראות בישראל", די וואס האבן נישט געגעבן שלום וועלן טאקע נישט זיין קיין רבנים אבער יא "תלמידי חכמים", און די וואס האבן חוזק געמאכט וועלן ארויסגיין לתרבות רעה רח"ל.

בעצתו וברכתו פון זיין רבין דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט דער תלמיד הרה"ק רבי הלל חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רייזל ע"ה,
בת הנגיד רבי דוד בן רבי קלונימוס קאליש מגאלאנטא ז"ל,

דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט גאר שטארק מכבד געווען דעם שווער פונעם תלמיד רבי הלל, הנגיד רבי דוד, ווען דער חתם סופר האט געזעהן אז רבי דוד וואונדערט זיך פארוואס ער איז אים אזוי מכבד, האט ער אים געזאגט, "א איד וואס האט זוכה געווען צו באקומען דעם מיוחד פון די תלמידים ביי מיר אין ישיבה, איז ראוי אז איך זאל אים מכבד זיין".

פאר ער איז געגאנגען צום חתונה האט אים זיין רבי דער הייליגער חתם סופר זי"ע מסמיך געווען להוראה, און געשריבן דעם כתב הסכמה בזה"ל, "הלל בן שחר ניהו תלמידי הותיק, מופלא סמוך לאיש, הוא הבחור חתן תמים למעלות בקודש, המופלג בתורה ויראה, כבוד הרב רבי הלל בן המאור הגדול מורנו הרב בענדיט נ"י אבדק"ק וועטש, הוא אחד מיוחד ממופלאי בני ישיבתנו, מלא על כל גדותיו בש"ס ובפוסקים ראשונים ואחרונים, שכלו צח ומצוחצח, ועוד קודמת יראתו לחכמתו כי רבה, ואהבת נפש אהבתיו, על כן אעטרהו בעטרת חכמים מיום חופתו ואילך ברשותו של הרב המופלג אבדק"ק גאלנטי אשר שם נטה אהלי אפריון שמחתו, יוסמך בשם מורינו הרב רבי הלל הנ"ל, ועוד יתגדל ויתאדר בתורה ויעשה פרי קודש הלולים, ויתעלה עליות בקודש דאורייתא עדיפא מקמייתא".

דער שווער רבי דוד האט גאר שטארק מכבד געווען און מחבב געווען דעם איידעם און שטארק געשעצט זיין גדלות בתורה, האט ער ביי די חתונה צו געזאגט 5 יאר קעסט, און ער האט דעם גאון אויס געהאלטן פאר די 5 יאר, דאן האט זיך דער גאון אריין געלייגט אין תורה ועבודת השם יומם ולילה ממש מיט א געוואלדיגע התמדה און מיטן גאנצן כח, דער גאון איז יענע צייט ממש נישט געשלאפן דעם גאנצן וואך אין קיין בעט, נאר שבת קודש איז דער גאון אהיים געקומען צו זיך אין שטוב,

נאך פינעף יאר וואס דער שווער האט גענומען אויף זיך, האט ער שוין נישט געקענט אויס האלטן דעם איידעם, און דאן האט ער געברויכט אנהייבן ארבעטן פאר פרנסה, אבער דער גאון האט בכלל נישט געוויסט ווי אזוי צו טון מסחר, און נאך א שטיק צייט האט מען אים אויף גענומען אלס בעל דרשן דארט אין שטאט גאלאנטא וואס פון דעם האט ער געהאט עפעס פון וואס צו לעבן,

שפעטער איז ער געווען רב אין שטאט מארגרעטען, דערנאך אין שטאט קלויזענבורג, דערנאך אין שטאט סיקסא, דערנאך איז ער געווען רב אין שטאט קאלאמייא ביז צו זיין פטירה.

אין אלע שטעט ווי ער איז אנגעקומען האט ער מוחה געווען אויף דעם וואס מען האט געטוישט מנהגים אנדערש ווי מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, און גאר שטארק פארפירט אויף די מתחדשים וואס האבן פראבירט אריין צו ברענגען נייע מנהגים ביי אידישע קינדער, און דער צדיק פלעגט אסאך מאל נישט נאך לאזן ביז מען האט פאראכטען די פירצה,

ער האט זיך נישט געהאלטן אויף א פלאץ, ווייל סיי ער איז אנטלאפן פון א פלאץ וואס מען האט נישט צו געהערט זיינע ווערטער, ווייל ער האט אין אזא מקום נישט געוואלט וואוינען, און סיי ווייל מען האט אים געקענט אמאל פארטרייבן ווייל ער האט מוסר געזאגט, אבער דער צדיק האט זיך פון גארנישט וויסענדיג געמאכט נאר ווי ער האט געקענט ארויס שרייען דעם דבר השם האט ער דאס געטון מיט א מסירת נפש,

אין שבת איז דער גאון וצדיק רבי הלל זי"ע געווען ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און דער הייליגער דברי חיים האט אויפגעהויבן דעם כוס צו מאכן קידוש, אבער רבי הלל קאלאמייא איז געבליבן זיצן און האט זיך אנגעליינט אויף זיינע הענט ווי ער האט איינגעדרימלט, דער הייליגער דברי חיים זי"עווארט אזוי מיטן כוס אין די האנט, פארשטייט זיך אז פאר די חסידים האט דאס זייער געשטערט, אבער צוליב דעם כבוד פונעם הייליגען דברי חיים האט קיינער גארנישט געזאגט,

פלוצלונג קומט אריין איינע פון די משמשים און זאגט, אז מען האט געמאכט א טעות, און די ווייז וואס ליגט אין בעכער איז יין נסך, און מען האט גלייך געברענגט פרישע וויין, דאן האבן די חסידים פארשטאנען דעם פלא אז רבי הלל האט דאס מרגיש געווען, און דערפאר איז ער געבליבן זיצן און זיך נישט אויף געשטעלט.

הגה"ק רבי שמואל פרענקל בעל אמרי שפר מדאראג זי"ע, וואס מען פלעגט ריפן בלשון חיבה ר' שמואל קאמאדער האט געזאגט, ביים הספד אויפן צדיק רבי הלל מקאלאמייא זי"ע, אז מימי פון הגה"ק רבי יונתן אייבשיץ זי"ע, איז נאכנישט געווען אזא בעל מוסר ווי דער צדיק וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע, וואס זיינע ווערטער זענען געזאגט געווארן מיט א אמת'דיגקייט, ורבים השיב מעון,

בזיווג שני האט דער צדיק חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שרל ע"ה,
בת הגה"ק רבי יחיאל שלעזינגער ר"י ומגיד מישרים בפרשבורג זי"ע,

שפעטער ווען ער האט געוואוינט אין שטאט מארגארעטען, איז די נאמען פונעם גאון געווארן מפורסם, גאר אסאך אידן זענען געקומען צו דעם גאון צו מקבל זיין א דרך אין עבודת השם, אידן האבן דערציילט זיין גרויסע עבודה וואס איז געווען מיט א געוואלדיגע קדושה און דביקות, זייו עבודת התפלה איז געווען מיט א השתפחות הנפש און א געוואלדיגע מתיקות ומתינות, ער האט געלאזט טרערן בשעת זיין דאווענען,

ווי זיין איידעם הגה"ק רבי עקיבא יוסף בעל לב העברי זי"ע האט מעיד געווען, אז די בגדים פונעם שווער זענען געווען ממש דורך געווייקט מיט שוויים נאכן דאווענען, עד כדי כך אז איינמאל איז דער גאון וקדוש געווען ממש קראנק פאר טעג נאר פון איין תפלה, ממש יצתה נשמתו מתוך הדביקות בשם,

ער האט איבער געלאזט הייליגע ספרים
ספר שירי משכיל,
ספר משכיל אל דל,
ספר אבקת רוכל,
ספר עת לעשות,
ספר מקרי דרדקי,
שו"ת בית הילל,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.
הגה"ק רבי ברוך בענדיט דומ"ץ קאלאמייא זי"ע,
הגה"ק רבי שלמה זלמן מקאלאמייא זי"ע,
הגה"ק רבי יונתן בנימין מירושלים זי"ע,
הרה"ח רבי בן ציון מירושלים זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי עקיבא יוסף שלעזינגער בעל לב העברי מירושלים זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי שמואל לוי וויינבערגער אב"ד סערדאהעלי זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי יהודה ווייס דומ"ץ אונגוואר זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי יוסף מאיר משה הכהן שטיינער אב"ד אליק זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי אשר אנשיל ליכטענשטיין אב"ד קלויזענבורג זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי אפרים יהודה ראזענבערג מאונסדארף זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי יוסף חיים הכהן רובין מסאטמאטאוו זי"ע, הי"ד,

נסתלק לגנזי מרומים י' אייר בשנת תרנ"א, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט קאלאמייא,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

נאך די פונעף יאר וואס ער איז געווען סמוך על שולחן פון זיין שווער, האט אים די שווער געגעבן א שיינעם סכום געלט אז ער זאל גיין קיין פרעשבורג און עוסק זיין אין מסחר פאר פרנסה, באין ברירה איז דער גאון געפארן קיין פרעשבורג, ווען עס איז געקומען דעם קומענדיגען טאג האבן זיך אלע סוחרים געיאגט צום מארק, אבער דער צדיק איז קודם געגאנגען אין מקוי׳ און אויס געזאגט תהילים און געדאווענט און געלערנט משניות, דערנאך איז ער געגאנגען אין מארק,

אבער פארשטייט זיך אז נאך די גרויסע הכנות און עבודת הקודש איז ער אנגעקומען ווען אלע סוחרים האבן זיך שוין געגרייט אהיים צו גיין, האט ער געטראכט ביי זיך, ער וועט שוין פראבירן די קומענדיגע טאג, אבער די אנדערע טעג איז געווען די זעלבע, ווייל דער גאון האט נישט געוואלט מוותר זיין אויף זיין עבודת הבורא,

ווען עס איז געקומען די צייט אהיים צו גיין צו די משפחה, איז דער גאון אהיים געקומען מיט ליידיגע הענט, ווען איינע פון די קינדער האבן געפרעגט פונעם טאטן, וואס האסטו אונז אהיים געברענגט פון פרשבורג, איז דער גאון צוזאמען געפאלן,

די משפחה האבן געמיינט אז אפשר האט דער גאון פארלוירען א גרויסע סכום געלט דארט אין פרשבורג, אדער אפשר איז עפעס ערגעסט געשעהן מיט אים דארט, אבער ווען מען האט דעם גאון דערמינטערט, האט ער געזאגט.

ווען מען האט מיך געפרעגט דעם שאלה אויב איך האב עפעס מיט געברענגט, האט זיך מיר דערמאנט די זעלבע שאלה וואס מען גייט מיך פרעגן ווען איך וועל ארויף קומען אויפן עולם האמת, און מען וועט מיך פרעגן וואס איך האב מיט געברענגט, און איך וועל דאך נישט האבן וואס צו ענטפערן, און פון גרויס בושה פונעם יום הדין בין איך צוזאמען געפאלן.

מען פארציילט איבער די קדושה וואס דער צדיק רבי הלל מקאלאמייא זי״ע האט אריין געלייגט אין זיינע הייליגע חיבורים,

איינמאל איז א איד וואס איז ליידער געווען גאר ווייט פון אידישקייט געקומען צו א רעסטאראנט און זיך באשטעלט טריפענע עסן, אזוי ווארטענדיג אויף די עסן האט ער געטראפן א בלעטל פונעם קונטרס וואס דער צדיק האט געשריבען, און דארט שטייט ווי ער ענטפערט פאר איינעם וואס איז מחלל שבת, און רעכענט אויס פאר יענעם די סכום עבירות וואס ער טוט ארבעטענדיג שבת, אז אויף יעדע ווארט וואס ער שרייבט איז ער עובר אזוי אזוי פיל און אזוי פיל עבירות, און מאכט אים דעם סך הכל וויפיל עבירות יענער האט געטון יעדן שבת וואס ער ארבעט,

ווען דער איד האט דאס געזעהן האט ער געזאגט פארן בעל הבית פונעם רעסטאראנט, אז ער ברויך שוין נישט דאס עסן, נאר ער וויל זייער וויסן ווער עס האט געשריבען דעם בלעטל, האט מען אים געזאגט, ״דער וואונדער ראבינער״ ווי די גוים פלעגן אים רופן, דער איד איז אריבער צו רבי הלל קאלאמייא זי״ע און דער איד איז געווארן א בעל תשובה.

ווען מען האט דעם צדיק רבי הלל פארטריבען פונעם שטאט קלויזענבורג איז געווען ערב שבת און ער איז געווען זייער בצער, אויפן וועג ארויס האט ער געטראפן א אלטער איד מיט א שיינע הדרת פנים, און דער זקן האט אים געזאגט, ״אל תירא ד׳ עמך גבור חיל״, דער צדיק רבי הלל האט געמיינט אז דאס איז זיכער געווען אליהו הנביא ז״ל וואס איז אים געקומען מחזק זיין,

נאך א שטיק צייט איז ער געווארן רב אין א אנדערן שטאט, דארט אין שטאט איז געווען א שוחט א ירא שמים און ער האט כסדר געמיטשעט רבי הלל אז ער זאל קומען צום הייליגען צאנזער רב, אבער רבי הלל האט נישט געוואלט פארן ווייל ער האט געזאגט אז דאס איז ביטל תורה,

איינמאל האט אים דער שוחט געזאגט, אז דא אין שטאט זענען דא אסאך צאנז חסידים, און אויב ער וועט פארן צו זייער רבין וועט ער קענען אסאך מער אויפטון, דאן האט ער מסכים געווען און ער איז געפארן קיין צאנז,

ער האט נאך בעפאר דעם קיינמאל נישט געזעהן דעם הייליגען דברי חיים זי״ע, ווען ער קומט אריין און ער האט געזעהן דעם דברי חיים האט ער גלייך געזעהן, אז דאס איז געווען דער זקן וואס האט אים געטראפן ווען מען האט אים פארטריבן.

דער הייליגער דברי חיים זי״ע האט מורא׳דיג מכבד געווען דער צדיק רבי הלל מקאלאמייא זי״ע, און אים איינמאל געבעטען אז ער זאל האלטן א דרשה מיט א

פלפול, און דער הייליגער דברי חיים איז געזעצן בשעת די גאנצע דרשה און זיך מפלפל געווען מיטן גאון, און די גאנצע צייט וואס ער איז דאן געווען אין צאנז, איז ווער עס איז געקומען מיט א קוויטל צום הייליגען דברי חיים, האט ער געהייסן קודם גיין צו דעם "רופא נפשות" רבי הלל, און נאר נאכדעם האט דער דברי חיים מסכים געווען צו נעמען פון יענעם א קוויטל.

ווען ער איז געווען ביים דברי חיים אויף שבת קודש ביי שלש סעודת, האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט תורה, און דער גאנצער עולם האט זיך געשטיפט צו הערן די תורה, אבער רבי הלל איז געבליבן זיצן אויף זיין פלאץ און זיך אפילו נישט צוגעבויגן, נאך די תורה האט דער הייליגער דברי חיים שטארק משבח געווען דעם רבי הלל מקאלאמייא, און דאן האט זיך רבי הלל צו געבויגן צו הערן וואס דער דברי חיים זאגט.

נאך מעריב האט דער דברי חיים געזאגט פאר זיינע חסידים, עט׳ן וואונדערט ענק אויף דעם רבי הלל אז ביי די תורה האט ער זיך נישט צוגעבויגן, אבער ווען איך האב אנגעהויבן אים משבח זיין האט ער זיך צוגעבויגען, נאר איך בין מעיד, אז חוץ דברי תורה הערט דער צדיק גארנישט, און דערפאר ביי די תורה האט ער זיך בכלל נישט געברויכט צובייגן, ווייל ער האט יעדעס ווארט געהערט, אבער ווען איך האב אים משבח געווען, האט ער פלוצלונג נישט געהערט און דערפאר האט ער זיך צו געבויגן.

הרה"ק רבי שאול ראזענבערג מראצפערט זי"ע האט פארציילט, אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געשיקט רבי הלל מקאלאמייא זי"ע אז ער זאל ארום פארן אין שטעטליך צו האלטן דרשות און מקרב זיין אידישע קינדער צום גרויסן באשעפער, ווען ער האט געזאגט פארן דברי חיים אז דאס ארום פארן וועט אים גורם זיין ביטל תורה,

האט דער הייליגער דברי חיים אים געזאגט, אז אברהם אבינו ע"ה האט דער גרויסער באשעפער אים געזאגט לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ און געזאגט פאר אברהם אבינו, אז ער זאל ארום פארן און מפרסם זיין דעם באשעפער נאמען אין די וועלט, ווען אברהם אבינו האט געפרעגט, ווי אזוי וועל איך קענען רעדן צום הארץ פון אלע מענטשן אין די וועלט, האט דער באשעפער געזאגט אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ, די וועסט נישט דארפן גארנישט זאגן, עס וועט זיין גענוג אז מען זעהט דיין צורה און דאס וועט מעורר זיין אידישע קינדער צו תשובה און אמונה אינעם באשעפער.

איינמאל איז דער צדיק מקאלאמייא זי"ע געפארן קיין צאנז אויף שבת קודש צום הייליגען דברי חיים זי"ע, אויפן וועג האט זיך געמאכט שוועריגקייטן און ער האט געזעהן אז ער וועט נישט אנקומען קיין צאנז, אבער ער האט נישט געוואלט בלייבן אין א קליינעם שטאט ווי ער איז געווען, צוליב וואס דארט האט מען זיך נישט אויפגעפירט כפי רוחו,

און אפילו זיין מנהג איז געווען נישט צו פארן אויפן וועג נאך חצות ערב שבת, האט ער יעצט משנה געווען דעם מנהג און גענומען א בעל עגלה וואס זאל אים צופירן צום נענסטע גרויסע שטאט, ער הייבט אן פארן און פלוצלונג דערזעהט ער זיך אין צאנז, ער האט גלייך פארשטאנען אז ער האט דא זוכה געווען צו קפיצות הדרך, ווייל עס איז נישט געווען במציאות צו קענען מאכן דעם וועג בדרך הטבע אזוי שנעל,

ווען דער צדיק איז אנגעקומען איז ער שנעל געלאפן אין מקו' און זיך געגרייט אויף שבת קודש, ער האט געמיינט זיכער אז ער וועט אן קומען שפעט צום דאווענען ביים הייליגען דברי חיים זי"ע, אבער ווי פארוואונדערט איז ער געווען ווען ער קומט אריין אין שוהל, און דער הייליגער דברי חיים קומט אים א קעגן און זאגט אים, "שלום עליכם, נו רבי הלל מיר האבן ערלעדיגט אז איר זאלט אנקומען צו אונז אויף שבת קודש".

הרה"ח רבי משה ארי' פריינד ראש הקהל בסיגוט ז"ל איז איינמאל געפארן זיך מסתופף זיין בצל פון הרה"ק רבי יהושע'לע מבעלזא זי"ע, אויפן וועג איז ער אריין צו הרה"ק רבי הלל קאלאמייא זי"ע, און ווען ער האט געהערט אז רבי משה ארי' פארט קיין בעלזא, האט ער געבעטן אז ער זאל טראגן דעם ספר "עת לעשות" פארן בעלזא רב, אויפן וועג האט רבי משה אריה מעיין געווען אין דעם ספר און געטראכט ביי זיך, אויב עס איז לפי כבודו פונעם בעלזא רב אז ער זאל אים געבן א ספר וואס איז געשריבן אויף אידיש,

ווען ער איז אנגעקומען אויף בעלזא און געווארט אינדרויסן פונעם שטוב פונעם רבין, האט ער נאכאמאל מעיין געווען אונעם ספר, אינמיטן איז דער הייליגער בעלזא רב ארויס געקומען, און ער פרעגט דעם רבי משה אריה וואסערע ספר איז דאס, האט ער געזאגט, אז דאס

איז די ספר עת לעשות פון רבי הלל קאלאמייא, און ער האט געבעטן אז איך זאל דאס געבן פארן רבין במתנה,

שב"ק צופרי האט דער בעלזא רב גערופען דעם רבי משה אריה צו קידוש ביי זיך אין שטוב, ווען ער קומט אריין זעהט ער, ווי דער הייליגער בעלזא רב איז מעיין אונעם ספר עת לעשות, עס איז געווען פאר אים א גרויסע וואונדער אז דער הייליגער בעלזא רב איז יעצט מעיין אין דעם ספר,

ווען רבי יהושע'לע בעלזער האט געזען ווי רבי משה אריה וואונדערט זיך אזוי, האט ער געזאגט, אונז האמיר געהאט אמאל צדיקים, און אונז האבן ב"ה צדיקים היינט אויך, דא צדיקים וואס זענען זיך משלים אין איין מדה טובה, און לערנען מיט אנדערע זיך משלים צו זיין אין די מדה, אבער רבי הלל איז א מושלם אין אלע מידות, און ער לערנט אויך מיט אנדערע זיך משלים צו זיין און אלע מידות.

איינמאל האט דער צדיק רבי הלל מקאלאמייא זי"ע געטראפן א איד און געפרעגט פון דעם איד, "וואס מאכסטו", האט דער איד געזאגט איך האב ב"ה פרנסה, האט ער איבער געפרעגט דעם שאלה, "וואס מאכסטו", האט דער איד געזאגט, ב"ה איך האב קינדער און זיי זענען געזונט, און איך בין געזונט,

ווען רבי הלל האט געזען אז דער איד פארשטייט נישט וואס ער מיינט צו פרעגן, האט ער געזאגט, איך וועל דיר געבן צו פארשטיין, די אלע זאכן וואס די האסט מיר פארציילט, דאס זענען נישט דיינע ווערק, נאר די ווערק פונעם אייבערשטן, ער געט פאר אונז פרנסה געזונט און קינדער, ווי חז"ל זאגן "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים", ווען איך האב דיר געפרעגט "וואס מאכסטו", האב איך גערעדט פון יראת שמים, וואס אויף דעם ברויך א איד אליין ארבעטן.

הרה"ח ר' אברהם חיים לעווינזאן האט פארציילט, אז ער האט אמאל געטראפן א איד אין אמעריקע מיטן נאמען ר' בערל ראט וואס איז געווען 108 יאר אלט און געווען געזונט און שטארק, און דער איד האט אים פארציילט די סיבה פאר זיין אריכת ימים,

איינמאל איז ער געווען ביי דעם צדיק רבי הלל מקאלאמייא זי"ע, און דאן איז געקומען צו אים א אייניקל פון דעם הייליגען צאנזער רב נאך געלט פאר הכנסת כלה, און רבי הלל האט געזאגט, אז עס איז נישט קיין כבוד פאר א אייניקל פון צאנזער רב צו ארום גיין נאך געלט, האט ער געזאגט צו מיר, "בערל עס איז דא אנגעקומען דעם צאנזער רב'ס אייניקל, דו גיי ארום נאך געלט פאר זיינטוועגן און ער זאל דא בלייבן",

האט דערציילט ר' בערל, איך בין ארום געגאנגען א גאנצן טאג נאך געלט, פארנאכטס האב איך געברענגט פאר רבי הלל א שיינע סכום געלט, און ער האט דאס געגעבן פארן אייניקל פונעם צאנזער רב, רבי הלל האט זיך דאן געוואנדן צו מיר און געזאגט, "בערל וויבאלד דו האסט מיך געפאלגט און תיכף געגאנגען נאך געלט פאר הכנסת כלה, בענטש איך דיר מיט אריכת ימים", און דאס איז די סיבה צו מיין געוואלדיגע אריכת ימים.

ווי באוויסט איז דער גאון וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע געווען א לוחם מלחמת השם מיט א מסירת נפש, ער האט זיך נישט דערשראקן פון קיינעם און אויס געשריגען דעם דבר ד' מיטן גאנצן כוח, ווען דער גאון האט געזען סיי וואסערע זאך א איד האט געטון קעגן דעם שולחן ערוך, האט דער צדיק נישט געקוקט ווער דער איד איז, נאר האט מוחה געווען מיטן גאנצן כוח קעגן יענעם,

אפילו גאר אסאך מאל האט דאס געברענגט פאר דעם צדיק בישות און חרפות, אבער דאס האט אים נישט אפגעהאלטן פון זאגן דעם אמת'ן דבר ד', פון א שיינע פאר שטעט איז דער גאון געווארן פארטריבן צוליב זיין שארפקייט קעגן די שוואכערע אידן, וואס האבן נישט געוואלט הערן דעם אמת,

דערציילט מען אז ווען דער גאון האט געדינט אלס מגיד שיעור און בעל דרשן אין שטאט גאלאנטא, האט ער דאן פאר געלערנט גאר טיפע שיעורים און הלכה ואגדת מוסר פאר די אידן פון שטאט, איינמאל האט דער גאון פאר געלערנט א שיעור אין פרקי אבות, און האט מעריך געווען בדברי מוסר, און דער שיעור האט גענומען גאנ'ץ לאנג,

איינע פון די ראשי הקהלה וואס האט שוין נישט געקענט ווארטן אז דער גאון זאל ענדיגן רעדן, האט ער אנגעהויבן אריין שרייען מיט א חוצפה "יישר כח, יישר כח", ווי צו זאגן פארן גאון אז מען ברויך שוין ענדיגן, דער גאון וואס האט נישט נושא פנים געווען פאר קיינעם, האט דאן אנגעהויבן מוסר זאגן פאר דעם ראש

הקהל און אים גאר שטארק מוכיח געווען, ווי אזוי שעמסטו דיך נישט צו מבזה זיין א תלמיד חכם און זיך אויף פירן בדרך גנאי פאר תורה,

פארשטייט זיך אז דער ראש הקהל איז נישט שולדיג געבליבן פארן גאון, נאר תיכף יענע וואך האט דער ראש הקהל באפוילען אז מען זאל דעם גאון מער נישט געבן זיין געהאלט, און פון דאן האט מען טאקע מער נישט געגעבן קיין געהאלט, און יענע צייט האט דער גאון געלעבט חי' צער און מיט א שרעקליכע דחקות, אפילו אויף שבת קודש האט זיך דער גאון געברויכט באנעמען מיט ממש גארנישט,

אבער שפעטער יארן ווען דער גאון האט גערעדט פון די צייטן, האט ער געזאגט מיט א שמייכעל און מיט א לעבטיגקייט, "תורה שלמדתי באף, היא שעמדה לי, אוי ווי זיס זענען די יארן געווען", אויך האט ער דאן גאר שטארק מכיר טובה געווען פאר זיין חבר וידיד נאמן הגה"ק רבי חזקיהו פייבל פלויט בעל ליקוטי חבר בן חיים זי"ע, וואס דער צדיק האט באזארגט אז נדיבי עם פון שטאט פרשבורג זאלן אויס האלטן דעם גאון רבי הלל פאר א שטיק צייט.

דער צדיק וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע פלעגט גאר אסאך ארום פארן מעורר זיין אידן צו נענטער ווערן צום גרויסן באשעפער, איינמאל איז דער צדיק געווען אין א שטאט, און ער האט געהאט זיין אכסניא ביי איינע פון די חשובע אידן פון שטאט, דער איד האט דעם גאון וצדיק גאר שיין מכבד געווען,

אבער נאך שבת קודש ווען דער איד איז געקומען נעמען א ברכה פונעם צדיק, האט אים דער גאון ווי זיין מנהג קדוש איז געווען, אויס געפרעגט ווי אזוי ער פירט זיין שטוב, דער איד האט אלעם דערציילט פארן גאון, צווישן די זאכן האט דער איד געזאגט, אז אין זיינע פעלדער ארבעט מען שבת קודש, אבער ער האט דאס געמאכט על פי תורה והלכה, דורך פארקויפן זיין געשעפט פאר א גוי,

ווען דער גאון האט דאס געהערט, האט ער געבעטן דעם איד, אז ער זאל זיך אונטער נעמען אז ער וועט דאס מער נישט טון, אבער וויבאלד דער איד האט דאס שוין געטון אזויפיל יארן, איז אים דאס געווען גאר א שווערער זאך זיך אונטער צו נעמען, האט דער גאון וצדיק רבי הלל מקאלאמייא זי"ע געזאגט, אויב אזוי וועל איך דיר נישט געבן קיין ברכה, און האט געווארענט דעם איד, אז די הייליגע שבת קודש וועט נאך אפ נעמען דאס עלבונה של שבת קודש,

אפאר טאג שפעטער האט ביי דעם איד אין פעלד פאסירט א צרה, ער האט געהאט א קוואל פון ווי ער האט געהאט וואסער פארן פעלד, און פלוצלונג האט זיך דער קוואל פארטריקענט, דער איד האט זיך גאר שטארק דערשראקען פון דעם, וויבאלד אן די וואסער שטייט ער אויס צו פארלירען זיין גאנצע פארמעגן, איז ער געלאפן צו זיין רבין הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל מהרי"א מזידיטשוב זי"ע, און ער האט געבעטן אז די רבי זאל אים געבן א ברכה אז דער קוואל זאל ווייטער געבן וואסער,

לפלא האט דער קוואל צוריק אנגעהויבן געבן וואסער, אבער נישט לאנג נאכדעם האט דאס נאכאמאל פאסירט, איז דער איד צוריק געלאפן צו זיין רבין אין זידיטשוב, אבער נאכדעם וואס דאס האט פאסירט אפאר מאל, האט זיין רבי דער הייליגער צדיק מזידיטשוב זי"ע געפרעגט דעם חסיד וואס דער פשט איז, האט דער איד מודה געווען, אז דאס איז געקומען דורך א ווארט פון דעם צדיק רבי הלל מקאלאמייא, און דערציילט די גאנצע מעשה פאר זיין רבין,

ווען דער צדיק מזידיטשוב האט דאס געהערט האט ער געזאגט בזה"ל, "אם כן, אין עצה ואין תבונה ולא יועיל לך מאומה", עס וועט דיר גארנישט העלפן, נאר אז די זאלסט אריבער גיין צום צדיק רבי הלל מקאלאמייא און אים איבער בעטן, און זיך פאר נעמען צו מקיים זיין וואס דער צדיק הייסט דיר טון, כך הוה דער איד איז אריבער און האט זיך פאר גענומען מער וועט מען נישט ארבעטן ביי אים אין פעלד שבת, און פון דאן האט דער קוואל געגעבן וואסער מיט א שפע.

הגה"ק רבי יונה פארסט ראש ישיבה נייטרא זי"ע האט דערציילט, אז בעפאר די הסתלקות פון דעם צדיק וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע, איז דער צדיק זייענדיג גאר שוואך געלעגן אין בעט, האט מען געזען ווי דער צדיק זאגט מיט זיינע ליפן בזה"ל, "אוי ווי צו מיר אז איך בין נאך יעצט מסופק אויב איך האב גע'פסק'נט ריכטיג",

אזוי אינמיטן איז אריין געקומען איינע פון די תלמידים פונעם צדיק, ווען דער צדיק האט אים דערזען האט ער

זיך זייער געפרייט און געזאגט פאר דעם תלמיד, די געדענקסט דעם דין תורה וואס איז אמאל פאר געקומען שוין מיט יארן צוריק ביי מיר, דאן האב איך גע'פסק'נט לטובות פון איינע פון די בעלי דינים, אבער יעצט בין איך מסופק אויב איך האב גע'פסק'נט ריכטיג, דערפאר האט דער צדיק געבעטן דעם תלמיד, אז ער זאל פאר דעם אנדערן בעל דין טראגען דעם געלט וואס ער האט דאן שאדן געהאט, דאס איז געווען די ערליכקייט און זהירות פון דעם צדיק, אז בעפאר זיין הסתלקות האט ער דאס אינזין געהאט צו פאריכטן אפילו נאר אלס ספוק.

א אייניקעל האט דערציילט, אז די זיידע רבי הלל מקאלאמייא זי"ע האט געהאט א טאביק פושקע וואס ער האט כסדר אויף געמאכט, און יעדעס מאל ער האט דאס אויף געמאכט, האט דער צדיק געכאפט א ציטער, אבער קיינער פון די אייניקלעך האבן דעם זיידן קיינמאל נישט געזען שמעקן די טאביק, איין טאג ווען דער צדיק האט איבער געלאזט דעם טאביק פושקע אויפן טיש, האט דאס א אייניקעל אויף געמאכט,

זענען זיי ערשטוינט געווארן וואס דארט איז געלעגן, דארט איז געווען א צעטל און עס איז געשטאנען בזה"ל, "שִׁוִּיתִי ד' לְנֶגְדִּי תָמִיד, וּזְכֹר אֶת בּוֹרְאֶיךָ, ווי חז"ל זאגן אויף דעם בְּאֵרְךָ, בּוֹרְךָ, בּוֹרְאֶךָ," אז א איד ברויך אייביג געדענקען און האלטן פאר די אויגן "מֵאַיִן בָּאתָ, מִטִּפָּה סְרוּחָה; וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", און דאס האט דער צדיק וקדוש געהאלטן פאר די אויגן זיין גאנץ לעבן, אבער האט דאס באהאלטן אינעם טאביק פושקע כדי קיינער זאל דאס נישט וויסן.

אלס בחור האט דער גאון וצדיק רבי הלל מקאלאמייא זי"ע געלערנט אין פרשבורג ביי זיין הייליגען רבין דער חתם סופר זי"ע, האט ער יענע צייט געגעסן ביי איינע פון די בעלי בתים אין שטאט, איין טאג האט זיך דער גאון שטארק פארלערנט, און ער איז אנגעקומען זייער שפעט צום שטוב פון דעם בעל הבית ווי ער האט געגעסן, האט אים דער בעל הבית מוסר געזאגט, די מיינסט אז דא איז א רעסטאראנט אז די קענסט קומען עסן ווען די ווילסט, דא ברויך מען קומען אין צייט,

דער גאון האט יענעם טאג געגעסן דאס לעצטע מאל ביי דעם שטוב, און מער נישט צוריק געקומען עסן ביי דעם שטוב, דער בעל הבית האט דאס זייער געשטערט און ער איז געגאנגען צום גאון פרעגן פארוואס ער קומט שוין מער נישט עסן צו אים, האט דער גאון געזאגט, ווי לאנג די האסט מיר געגעבן עסן אזוי ווי יששכר וזבולון, און עס איז געווען ביי דיר א זכי' אז א איד וואס לערנט עסט ביי דיר, האסטו דאך מיר געגעבן מיין חלק געלט וואס ליגט ביי דיר, האב איך מסכים געווען צו עסן ביי דיר, אבער אויב מיין תורה האט ביי דיר נישט קיין חשובות, איז דאס שוין א מתנת בשר ודם, און פון א מתנת בשר ודם וויל איך נישט נהנה זיין, דערפאר וויל איך מער נישט עסן ביי דיר אין שטוב.

אמאל האט דער צדיק וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז עס איז זעהר א ריכטיגע זאך צו פארן צו אן אמת'ער צדיק, אבער ווער ווייסט, ווער ס'איז דער אמת'דיגער צדיק, האט ער געזאגט אז מ'זאל אים ברענגען א חומש, און ער וועט מאכן א גורל, און ער וועט בודק זיין דורך א ספר צו וועמען צו פארן,

האט מען אים געברענגט א דברים חומש, האט ער אויף געמאכט דעם חומש און עס האט זיך געעפנט צום פסוק "ובחרת בחיים", האט ער געזאגט, אז מיט דעם האט מען מיר געוויזן פון הימל, אז דער צאנזער רב וואס זיין נאמען איז חיים, ער איז אן אמת'דיגער צדיק, און ער האט זיך גלייך געגרייט צו פארן צו אים,

אינמיטן וועג פארנדיג זענען די פערד אריין אין א בלאטע, און עס איז געווען גאר א טיפע בלאטע וואס מ'האט נישט געקענט פון דעם ארויסגיין, דער בעל עגלה האט געטון וואס ער האט נאר געקענט ארויס צו גיין פונעם פלאנטער, אבער עס האט גארנישט געהאלפן, האט רבי הלל אנגעהויבן זיך אויסצורעדן, אז דאס האט זיכער פאסירט צוליב זיינע עבירות, עס איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט און זיי זענען ארויס בשלום פון די בלאטע, און זיי זענען שנעל געפארן קיין צאנז,

גלייך ביים אנקומען קיין צאנז, איז דער צאנזער רב צו געגאנגען צו די טיר, און ער האט מקבל פנים געווען דעם קאלאמייער רב, און ער האט אים געזאגט, "ברוך הבא רבי הלל, וואס זאגט איר צו אונזער ארבעט וואס מיר האבן געהאט מיט ענק, איז דאס געווען גוט דאס וואס כ'האב ענק ארויס גענומען פון די בלאטע",

דאן האט זיך דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געווענדעט צום צדיק רבי הלל און אים געבעטן אז ער זאל אים זאגן מוסר, האט ער אים גלייך געזאגט מוסר, אז היתכן

מ'האט נישט אראפגעקראצט פונעם קאלעך אויף די וואנט א שיעור פון אן אמה על אמה, אלס אנדענק אויף חורבן ביהמ"ק, ווען דער הייליגער צאנזער רב האט דאס געהערט, וואס כידוע איז דאס גאנצע דירה ביים דברי חיים געווען איין שטיק חורבן, האט ער אבער מודה געווען אז ער איז גערעכט, און ווען די גבאים האבן דאס געהערט האבן זיי גלייך געוואלט מאכן א זכר לחורבן,

אבער דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט נישט געלאזט די גבאים דאס טוען, נאר ער אליין איז ארויף אויפ'ן לייטער, און ער האט אליין געמאכט דעם זכר לחורבן, און ער האט געזאגט פאר'ן קאלאמייער רב מיט א דאנקבארקייט, "ס'איז שוין ווערד געווען אייער קומען, ווייל איר האט מיך שוין מזכה געווען מיט א מצוה".

עס איז דא א באקאנטע בריוו וואס דער צדיק וקדוש הרה"ק רבי יחיאל מאלכסנדר זי"ע דער טאטע פונעם הייליגען ישמח ישראל מאלכסנדר זי"ע, האט געשריבן פארן צדיק וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע לגבי זיין ספר משכיל אל דל, און ער שרייבט דארט פארן רבי הלל, אז ער וויל פון אים קויפן אפאר פון זיינע ספרים, ווייל ער וויל דאס זייער פארשפרייטן ביי זיך אין שטאט, און אפשר אין דעם זכות וועל איך אויך תשובה טון, ווייל איך פארשטיי נישט ווי אזוי מיינע חסידים האלטן מיך פאר א צדיק, אבער באמת בין איך א בעל עבירה און א בעל חטא, אבער אפשר אין דעם זכות פונעם ספר וועל איך אויך זוכה זיין תשובה צו טון",

ווי באקאנט האט דער צדיק וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע געהאט א ספעציעלן וועג פון מאכן זיין וויין אויף דעם יו"ט פסח פאר די ארבע כוסות, ער האט געהייסן פאר אלע וואס האבן זיך באשעפטיגט מיטן מאכן די ווייז, אז זיי זאלן אלע קודם תשובה טון, ווייל אפשר האבן זיי ח"ו בשוגג מחלל שבת געווען, און דאן איז די ווייז יין נסך, פון די ווייז וואס איז געמאכט געווארן בתחלית הכשרות, האט דער צדיק געשיקט פארן הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע פאר זיינע ארבע כוסות אויף פסח,

דער צדיק רבי הלל מקאלאמייא זי"ע האט געהאט א זון הרה"ק רבי בן ציון זי"ע וואס האט געוואוינט סוף ימיו אין ירושלים, און ער האט זייער מאריך ימים געווען כמעט ביז די הונדערט יאר, האט אים איינמאל איינער געפרעגט ווי אזוי ער האט אזוי מאריך ימים געווען ביז צו די הונדערט יאר, האט דער זון דערציילט די מעשה,

איין יאר יום הקדוש ביינאכט גייענדיג אין שוהל צום טאטן פאר כל נדרי, איז ער דורך א שטוב און געהערט א קינד וויינען, איז דער זון רבי בן ציון אריין אינעם שטוב, און ער האט געזען דארט א קליין קינד וויינען, האט ער פארשטאנען אז זיכער זענען די עלטערן געגאנגען אין שוהל, און דער קינד האט זיך דערוועקט און געזען אז ער איז אליין און דערפאר וויינט דאס קינד, דער זון רבי בן ציון איז געבליבן אין שטוב ביז דער קינד איז איינגעשלאפן, און דאן איז ער אריבער צום שוהל צום דאווענען,

ווען ער איז אריין געקומען אין שוהל, האט אים דער טאטע זייער גע'מוסר'ט פארוואס ער איז געקומען אין אזא הייליגע טאג אין שוהל אזוי שפעט, האט דער זון דערציילט די מעשה מיטן קינד וואס האט געוויינט און ער האט נישט געוואלט איבער לאזן דעם קינד אליין וויינען, און דעפאר איז ער געבליבן מיטן קינד אין שטוב, ווען דער טאטע האט דאס געהערט האט ער זיך אנגעגריפן צום זון, "אריכת ימים", און פון דעם האט דער זון זוכה געווען צו אזא אריכת ימים.

איינמאל ווען דער צדיק וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע איז געווען ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, האט מען אריין געברענגט זופ, אבער דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געזען אז דער צדיק רבי הלל עסט נישט פון די זופ, האט אים דער דברי חיים געפרעגט, רבי הלל פארוואס עסט איר נישט פון די זופ, האט דער צדיק רבי הלל זי"ע וואס איז געווען א איש האמת געזאגט, אין די זופ איז דא קרקוב (זאפרין), וואס דאס איז געווען א מין תבלין וואס מען האט דאן געניצט פאר מאכלים, און דער צדיק רבי הלל האט געזאגט, אז דער רשב"א אסר'ט קרקוב,

באמת איז דא א מחלוקה צווישן די גאונים אויב מען מעג יא אדער נישט עסן דעם קרקוב, און דער רשב"א זאגט טאקע אז מען טאר נישט, אבער די הלכה איז אז מען מעג דאס יא עסן, האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געזאגט, באמת איז קרקוב יא מותר צו עסן, אבער אז די אינגערישע גדולים זאלן נישט זאגן אז ביים צאנזער רב עסט מען נישט כשר'ע עסן, וועט מען מער אין מיין שטוב נישט עסן קיין קרקוב, און טאקע מען האט מער נישט געניצט ביים דברי חיים דעם תבלין, אזוי שטארק האט דער צאנזער רב זי"ע מכבד געווען דעם מיינונג פון דעם צדיק וקדוש רבי הלל מקאלאמייא זי"ע.

**יארצייט**
**פרייטאג י״א אייר**

**הרה״ק רבינו נפתלי צבי ב״ר מנחם מענדל זי״ע, (הורוויץ), בעל זרע קודש, מראפשיץ,**

ער איז געבוירן אין שטאט לטשנוב, ו׳ סיון בשנת תק״כ, אין דעם זעלבן טאג ווי די הסתלקות פונעם בעש״ט הקדוש זי״ע, און די צדיקי הדור האבן געזאגט אויף דעם ״וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ וּבָא הַשָּׁמֶשׁ״,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי מנחם מענדל רובין מלינסק זי״ע,
בן הגה״ק רבי יעקב רובין מלינסק זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת ביילא ע״ה,
בת הרה״ק רבי איציק׳ל האמבורגער זי״ע,

ער האט זיך געטוישט דעם משפחה נאמען פון רובין צו הורוויץ נאכן זיידן רבי איציק׳ל האמבורגער זי״ע,

ער איז געווען א גאון נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א קדוש וטהור מאוד, אור טמיר ונעלם, דער הייליגער ראפשיצער רב האט זיין עבודת השם זיין גאנץ לעבן באהאלטן הסתר בתוך הסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות, ער איז געווען גאר גרויס אין די מדות השמחה, ער האט אסאך עוסק געווען צו משמח זיין צובראכענע אידן, און פלעגט גיין צו חתונות פון ארימעלייט און יתומים ויתומות, ער האט געהאט א גרויסע עבודה מיטן זאגן מילתא דבדיחותא, און די ארימיגע האבן נאר געזעהן דעם גוט ווארט, אבער ער האט מיט די ווערטלעך אסאך אויף געטון בעולמות עליונים, טויזנטער אידן האבן זיך אין דעם צדיק וקדוש מדבק געווען ובתוכם אסאך גדולים וצדיקים בדורו, און אפילו עלטערע ווי אים האבן דעם צדיק גענומען אלס רבי,

א איד איז אמאל צו געגאנגען צו רבי נפתלי ראפשיצער זי״ע ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד, און אים געזאגט, ״דא האסטו א גאלדענע רענדעל, און זאג מיר ווי דער רבונו של עולם וואוינט״, האט אים דער קליין יונגעל געענטפערט, ״איך גיב דיר צוויי, און זאג מיר ווי ער וואוינט נישט״,

ער האט אמאל געזאגט, אז אויב בשעת זיין יציאת נשמה וועט ער אוועק גיין פון די וועלט מיט א מילתא בדיחותא, וועט דאס זיין א סימן אז זיין גאנץ לעבן, ווען ער האט געזאגט זיינע גוטע ווערטער איז דאס געווען מיט הויעכע כוונות, בשעת זיין פטירה האט ער געזאגט בזה״ל, ״אלע זאלן ארויסגיין פון חדר, די נשמה דארף ארויס גיין און שעמט זיך ווען דער עולם איז דא״, און ויצתה נשמתו בטהרה,

צדיקים האבן דעם הייליגען ראפשיצער רב גערופען מיטן נאמען ״אור טמיר ונעלם״, צוליב וואס ער האט זיין עבודה געטאן מיט א געוואלדיגע באהאלטענקייט, ער האט געזאגט אז דאס איז פון די 7 זאכן וואס ער האט זיך געלערנט פון א גנב וואס טוט אויך זיין ארבעט באהאלטענערהייט, ער האט באוויזן מיט זיין געוואלדיגע חכמה צו באהאלטן זיין גדלות בתורה און זיין גרויסע קדושה פון די אויגן פון פשוטע מענטשן, ער פלעגט זיך ברבים אסאך מאל אויף פירן גאר פשוט, אבער די צדיקים און געהויבענע אידן פונעם דור האבן גאנץ שנעל מרגיש געווען דעם גדלות פון דעם צדיק וקדוש,

טויזענטער אידן האבן זיך ביי אים מסתופף געווען, נאכדעם וואס ער איז נתגלה געווארן אויף די וועלט, ער איז געווען מפורסם בשם חכימא דיהודאי, צוליב זיין געוואלדיגע חכמה מיט וואס ער האט זיך אייביג געפירט,

ביי די בר מצוה האט אים זיין טאטע גענומען צום צדיק רבי מיכל המגיד מזלאטשוב זי״ע, וואס האט אים געלייגט תפילין, און דער רבי האט געזאגט, אז דאן ביים לייגן תפילין האט אים רבי מיכע׳לע מזלאטשוב זי״ע פארבינדן אין די עולמות עליונים, און ער האט זיך קיינמאל נישט געקענט אפרייסן דערפון,

ער האט געלערנט תורת הנגלה ביי זיין פעטער הגה״ק רבי משולם איגרא זי״ע, וואס איז אויך געווען א איידעם ביים זיידן רבי איציק׳ל האמבורגער זי״ע, און דארט ביים פעטער האט ער געלערנט צוזאמען מיט הגה״ק רבי יעקב לורברבוים בעל חוות דעת ובעל הנתיבות מליסא זי״ע און הגה״ק רבי מרדכי בנעט מניקלשבורג זי״ע,

תורת הנסתר און דעם דרך החסידות האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי״ע געלערנט פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי״ע און פונעם הייליגען רבי ר׳ אלימלך מליזענסק זי״ע, אויך האט ער זיך דאן אסאך מסתופף געווען בצלו פון די אנדערע צדיקי הדור ובתוכם, הרה״ק

רבי ישראל המגיד מקאזניץ זי"ע, הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע, און הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע.

נאך זייענדיג גאר יונג איז דער צדיק שוין געפארן זיך מסתופף זיין ביי הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, מתחילה האט אים דער הייליגער רבי ר' אלימלך נישט געוואלט מקבל זיין זאגענדיג, אז ער וויל נישט קיין תלמידים מיוחסים, און דער יונגער רבי נפתלי צבי האט זייער געוויינט און געזאגט פארן רבי ר' אלימלך, "וואס בין איך שילדיג אז מיין טאטע איז געווען א מיוחס", און נאך שטארקע הפצרות האט אים רבי ר' אלימלך מקבל געווען אלס תלמיד חביב.

ווי באקאנט האט דער צדיק זיך מסתופף געווען ביי 202 צדיקים בדורו כמנין עשה לך, ר"ב.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רבקה ע"ה,
בת הגה"צ רבי צבי הירש גולדהאמער מדוקלא זי"ע.

הרה"ק רבי יצחק אייזיק יהודה יחיאל מקאמארנא זי"ע שרייבט אין זיין ספה"ק זוהר חי בזה"ל, "וכך ראיתי למורי ורבי רבינו הקדוש, מורינו הרב נפתלי, שבכל דבריו היו יחודים שכליות נפלאות".

ווי צדיקים האבן מעיד געווען, האט דער הייליגער ראפשיצער רב געהאט א נשמה וואס איז געווען געבינדן צום מצות סוכה, און ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין די מצוה פון סוכה, ער האט יעדן טאג געטון עפעס א עבודה פאר זיין סוכה, איין טאג האט ער אריין געלייגט א טשוואק אונעם סוכה, דעם אנדערן טאג האט ער געלערנט מסכת סוכה, און אפילו זיינע דברות קודש איז אייביג אנגעקומען צו רעדן פון די סוכה.

ווי באקאנט האט ער סוף ימיו ממש נישט גערעדט, און די בני בית און מקורבים האבן געהאט גרויס צער דערפון, אמאל איז זיין זוהן הרה"ק רבי אברהם חיים מלינסק זי"ע אריין צום טאטן און געזאגט, טאטע לויט ווי עס זעהט אויס קען דאך דער טאטע יא רעדן, און פארוואס רעדט נישט דער טאטע,

האט דער הייליגער ראפשיצער רב געזאגט פארן זוהן, "מיין קינד מיום עמדי על דעתי, האב איך נישט גערעדט קיין שום דבר קטן וגדול אן אינזין האבן קיין יחוד, יעצט אז מיין מח איז אפ געשוואכט לעת זקנתי, האב איך געטראכט, עס איז בעסער זיך צו פארמאכן דאס מויל, ווי איידער צו רעדן אן קיין יחודים, ווייל סתם רעדן וויל איך נישט".

איינמאל האט דער הייליגער ראפשיצער רב געשמיעסט פון זיין גרויסע יחוס און געוואלט מעורר זיין רחמים בזכות אבותיו הקדושים, איז געווען דארט א פשוטע איד פון טראנסילוואניע און ער האט זאגט פארן הייליגען ראפשיצער רב, "איך בין א גרעסערע יחסן ווי דער רבי", דער הייליגער ראפשיצער רב האט זיך געוואונדערט, ווייל ער האט געוויסט אז דער איד איז נישט קיין יחסן בכלל,

האט דער איד געזאגט פארן הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, איך בין א גרויסע יחסן, "ווייל איך בין דער איינציגער אין מיין משפחה וואס לייגט תפילין, (ער האט ליידער געשטאמט פון א משפחה וואס זענען ל"ע נישט געווען ערליך), ווען דער הייליגער ראפשיצער רב האט דאס געהערט האט ער דעם איד געזאגט, "ביסט גערעכט", און פון דעמאלט אן האט ער דעם איד ארויס געוויזן א שטארקע אהבה.

ער איז געווען א תלמיד פון די צדיקים בדורו ובתוכם,

הרה"ק רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק זי"ע,
הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע,
הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע,
הרה"ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל המגיד מקאזניץ זי"ע,
הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע,
הגה"ק רבי משולם איגרא מטיסמניץ זי"ע, וואס איז געווען זיין פעטער,

אויך נאכדעם וואס ער איז שוין געווען א רבי איז ער נאך געפארן צו צדיקי דורו, אפילו וואס זענען געווען אסאך יונגער ווי אים, אויך האט ער אסאך זיך מסתופף געווען ביי הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע,

זיין רבי הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע האט מעיד געווען, אז דער תלמיד רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע האט געהאט גילוי אליהו הנביא ז"ל ווען ער האט געוואלט,

הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע האט געזאגט, אז דער הייליגער ראפשיצער רב האט געהאט די כח צו

ברענגען משיח אפילו פאר די צייט, אבער פון הימל האט מען אים אפ געהאלטן דערפון,

ער איז געווארן רב אין ראפשיץ בהמלצות פון זיין רבי הרה"ק רבי מענדעלע מרימנוב זי"ע.

ער האט געהאט הייליגע תלמידים צדיקים וקדושים ובתוכם,

הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע,
הרה"ק רבי משה מסאמבור זי"ע,
הרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע,
הרה"ק המגיד מקוזניץ זי"ע,
הרה"ק בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
הרה"ק דער גוטער איד מנײשטאט זי"ע,
הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב צבי יולס מדינוב זי"ע,
הרה"ק רבי חנוך העניך מייער בעל לב שמח מאלעסק זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל דוב בער גילרנטער משטפנשט זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף באב"ד בעל מנחת חינוך מטרנופול זי"ע,
הרה"ק רבי שלמה זלמן מויליפולי זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע,
הרה"ק רבי אלימלך מרודניק זי"ע,

הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע איז געווען א תלמיד פון צדיקי דורו ובתוכם, הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע, וואס די צאנזער רב פלעגט אים רופן "דער אלטער רבי", דער צאנזער רב זי"ע האט זיך מכניע געווען פארן הייליגען ראפשיצער רב און פלעגט דאן זיין ווי א פשוטע תלמיד ביי א רבין, אפילו שוין זייענדיג דאן מפורסם אלס א איש קדוש מאוד, און א עובד השם במסירת נפש ממש,

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט אמאל געזאגט, אז ער האט געקענט דריי צדיקים וואס זענען געווען כאדם הראשון קודש החטא, און ווי מער זיי עסן איז געווען דער מצווה אסאך מער, איינס איז דער רבי דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, דאס צווייטע איז הרה"ק בעל אור לשמים מאפטא זי"ע, און דאס דריטע איז געווען הרה"ק בעל מאור ושמש מקראקא זי"ע,

נאכן פטירה פון זיין רבו מובהק דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, האט ער זיך מדבק געווען מיט א געוואלדיגע דביקות אינעם איידעם און ממלא מקום הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ זי"ע,

דערציילט מען אז דאן בשנת תקפ"ז ווען רבי אשר'ל זי"ע האט איבער גענומען דאס רבנות אין ראפשיץ, איז דער דברי חיים שוין געווען פון די גרעסטע רבי"ס בדורו, אבער מיט דעם אלעם פלעגט דער דברי חיים פארן קיין ראפשיץ אויף שבתים זיך מסתופף זיין בצלו פון רבי אשר'ל זי"ע אלס זיין רבי,

ער האט איבער געלאזט הייליגע ספרים,
ספר זרע קודש, על התורה ומועדים,
ספר אילה שלוחה, על התורה,

ער האט איבער געלאזט הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי אברהם חיים מלינסק זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב ממעליין זי"ע,
הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע,
בתו הצדקת מרת רייצא ע"ה, אשת הרה"ק רבי אשר ישעי' רובין בעל אור ישע מראפשיץ זי"ע, הנקרא רבי אשר'ל ראפשיצער, וואס האט ממלא מקום געווען אויפן פלאץ פונעם שווער אין ראפשיץ,

בעפאר די פטירה איז דער צדיק קראנק געווארן און מען האט געוואלט דעם רבין טראגן צו דאקטוירים, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט גיין, ביז זיין זוהן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע האט געזאגט פארן טאטן, אז אין שטאט לאנצהוט איז דא א גרויסע דאקטאר, האט דער הייליגער ראפשיצער געזאגט, "ער ווייסט מ'דארף גיין קיין לאנצוט, ווייל דארט איז דא א גוטע ריח",

הרה"ק רבי חיים אלעזר בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע האט געזאגט, אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט אליין אויס געקליבן צו ליגען לאחר מאה ועשרים שנה אין לאנצהוט אויפן קליינעם בערג'לע, און ער האט געזאגט דעם טעם בזה"ל, "ווייל מ'ווערט אמאל מיעד ליגענדיג", מי לנו בסוד קדושים,

ווען מען איז אנגעקומען קיין לאנצהוט איז דער צדיק'ס מצב געווארן ערגער עד כדי גסיסה, אזוי איז עס אן געגאנגען פאר דריי טאג און ער איז געווען אין שרעקליכע יסורים,

זענען דארט געווען זיינע צוויי גרויסע תלמידים הרה"ק דברי חיים מצאנז זי"ע און הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע וואס זענען געווען פון די תלמידים נבחרים, און ווען זיי האבן געזעהן די גרויס צער פון זייער הייליגע רבין, זענען זיי צו געגאנגען צום ארון קודש און דאס אויף געמאכט און געזאגט, "מיר זענען מוחל א רבין", און געזאגט אז אויב איז די צוריק האלט פונעם רבין'ס פטירה וועגן זיי זענען זיי דאס מבטל,

אבער דער צדיק האט אויף די ווערטער געשאקלט מיטן קאפ אויף "ניין", אז ער איז נישט מסכים צו פארלאזן די וועלט נאר וועגן די צער,

דאן איז אנגעקומען קיין לאנצהוט הרה"ק רבי צבי אלימלך מדינוב בעל בני יששכר זי"ע וואס איז געווען א ידיד נאמן פונעם ראפשיצער רב זי"ע נאך לערנען'דיג ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, ער איז אריין אינעם חדר פונעם רבין, און אנגעהויבן זאגן פסוקים של השירה, און דאן האט דער הייליגער ראפשיצער רב מרמז געווען, אז פאר דעם צדיק האט ער געווארט, מען האט דאן געזאגט פסוקי יחוד און ווען מען איז אנגעקומען צום פסוק "ד' ימלוך לעולם ועד" יצאתו נשמתו בטהרה.

ווי עס איז באקאנט האט דער צדיק געהייסן וואס מען זאל שרייבן אויף זיין מציבה, ובתוך דבריו האט ער געהייסן שרייבען די ווערטער, "יחיד בדורו בחכמת אלקית", און נאכדעם שטייט אויפן מצבה בזה"ל, "וביתר שבחים אין לנו רשות כי כן נצטוינו מפיו",

נסתלק לגנזי מרומים י"א אייר בשנת תקפ"ז, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט לאנצוט,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער איידעם הרה"ק רבי אשר ישעי' בעל אור ישע מראפשיץ זי"ע האט פארציילט, אז איין צופרי איז דער שווער הרה"ק רבי נפתלי צבי זי"ע אריין אין קיך און זיך אפגערעדט, פארוואס מען ברענגט אים נישט קיין מילך, עס איז געווען א מורא'דיגע פלא פארן איידעם, ווייל דער צדיק איז דאך געווען אויסגעטון פון עולם הזה,

אבער ווען ער איז ארויס פון קיך האט ער געטראפן דארט אין שטוב פונעם שווער א פרוי, האט ער געפרעגט דעם פרוי וואס איז דיין בקשה, האט די פרוי געזאגט, אז עס איז איר געבוירן געווארן א טאכטער אפאר וואכן צוריק און זי האט נישט גענוג מילך צו געבן צו עסן פארן קינד, דאן האט שוין דער איידעם פארשטאנען די כוונה פונעם שווער,

אפאר וואכן שפעטער איז דער שווער נאכאמאל אריין אין קיך, און זיך אפגערעדט פארן משרת, פארוואס מען גיבט אים מילך געמישט מיט וואסער, וואס איז נישט גענוג קרעפטיג, און געבעטן אז מען זאל געבן נאר גוטע מילך, ווען דער איידעם איז אריין אונעם שטוב פונעם שווער האט ער געטראפן דעם פרוי, און זי זאגט, אז זייט זי איז געווען ביים רבין, האט זי טאקע גענוג מילך, אבער עס איז נישט גענוג קרעפטיג, פארשטייט זיך אז פון דאן איז די פרוי מער נישט צוריק געקומען, ווייל דורך די כח פונעם צדיק, האט איר שוין נישט געפעלט וואס זי האט געברויכט פארן קינד.

דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע האט נאך געזאגט בשם פונעם הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, אז עס איז זייער גלייך צו גיין שבת ביינאכט צו א "שלום זכר", ווייל עס קומען דאן אראפ נייע נשמות מעולם העליון, און עס איז א גרויסע טובה פאר די אייגענע נשמה.

איינמאל האט דער הייליגער ראפשיצער רב געהערט ווי צוויי מחותנים קריגען זיך, האט ער געפרעגט וואס גייט פאר, האבן זיי געזאגט, אז ביידע ווילן אז דער אנדערער מחותן זאל באצאלען פארן בדחן, האט דער ראפשיצער רב געזאגט אז ער איז א גוטע בדחן, און ער וועט קומען אן קיין געלט זיין דער בדחן.

די צוויי מחותנים האבן מסכים געווען און דער הייליגער ראפשיצער רבי זי"ע איז טאקע געקומען צו די חתונה, ווען ער האט אנגעהויבן גראמען, איז געווען ביי חצות לילה, און דאן האט דער הייליגער חוזה מלובלין געוואלט אנהייבן מיט זיין עבודה פון תיקון חצות, אבער עס איז עפעס נישט געגאנגען,

האט ער געהייסן זיין משמש, אז ער זאל גיין קוקען וואס עס גייט פאר אין שטאט, ער קומט צוריק און זאגט פארן הייליגען חוזה, אז אין איינע פון די אכסניא'ס איז דא א חתונה, און דער הייליגער ראפשיצער רב זאגט דברי בדחנות, איז דער חוזה אריבער צו די חתונה און ער

האט פונעם פענסטער געהערט ווי דער ראפשיצער רב זאגט ווערטליך און איז מכוון דערביי סודות עליונים,

ווען דער ראפשיצער רב האט דערזעהן זיין הייליגען רבין דער חוזה מלובלין, האט ער זיך אפ געשטעלט, האט דער הייליגער חוזה געזאגט, אז ער זאל ווייטער ממשיך זיין מיט זיין עבודת הקודש, האט דער ראפשיצער רב געזאגט איך וועל ווייטער גיין, אבער נאר אויב די רבי וועט טאנצן די ריקודים של מצוה לפני הכלה, דער חוזה האט דאן געזאגט, אז דער ראפשיצער רב האט ביים בדחן'ען אינזין געהאט די זעלבע כוונות וואס ער האט אינזין ביי תיקון חצות.

איין יאר איז דער הייליגער ראפשיצער רב געגאנגען ראש השנה צו תשליך, אויפן וועג האט ער באגעגענט זיין רבי דער חוזה מלובלין זי"ע, ווען דער חוזה האט אים געפרעגט ווי ער גייט, האט ער געזאגט אז ער גייט כאפן די עבירות וואס די רבי האט אוועק געווארפן ביי תשליך.

איין יאר ערב יום הקדוש האט דער הייליגער ראפשיצער רב נישט געוואלט אריינגיין צום טיש, און ער האט געוויינט מיט בכיות, און געזאגט, "יעדעס יאהר זאג איך צו אז איך וועל תשובה טוהן, און איך האב נאך נישט תשובה געטוהן", האט דער זוהן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע געזאגט פארן טאטן, "איך זאג דיר צו אז דאס יאהר וועסטו תשובה טוהן", און דער דאן איז דער הייליגער ראפשיצער רב אריין צום טיש.

האט הרה"ק מדזיקוב געזאגט, "אזאנע הייליגע אידן, ווי גרעסער זיי זענען געווען, אלס מעהר האבן זיי מרגיש געווען אז זיי דארפן תשובה טוהן, דאס קען מען נישט פארשטיין".

דעם הייליגען ראפשיצער רב'ס זוהן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז אין דער ערשטער נאכט פון סוכות געווען א שרעקליכער רעגן, עס האט געגאסן ווי מיט קאנען, צום באדויערן פון אלע אידן וואס האבן געוואלט מקיים זיין די מצות סוכה די ערשטע נאכט יום טוב, האט אבער אזוי שטארק גערעגנט אז עס איז קיינעם נישט איינגעפאלן אז עס וועט מעגליך זיין צו עסן אין די סוכה,

מיין טאטע איז ארום געגאנגען ביי זיך אין שטוב ארויף און אראפ, אנהאלטנדיג מיך ביי דער האנט, יעדעס מאל ווען ער איז צוגעקומען צום פענסטער האט ער געווארפן א בליק וואס עס טוט זיך אינדרויסן, אבער דערווייל האט גערעגנט אן אויפהער,

דער זייגער איז אויך נישט געשטאנען, עס איז וואס אמאל געווארן שפעטער, און דא האט מען אפילו נישט געקענט גרייטן צום טיש, פלוצלונג זאגט דער טאטע, "נו, מיר וועלן גיין צום טיש, און טראג ארויס דעם אושפיזין בענקל", קיינער האט נישט פארשטאנען ווי אזוי וועט מען קענען עסן אין דעם סוכה, אבער מען פרעגט נישט קיין שאלות,

דער טאטע איז אריין אין די סוכה, און אין דעם זעלבן מאמענט האט אויפגעהערט צו רעגענען, ארום דער סוכה פון אלע פיר זייטן האט מען געזען ווי עס רעגנט, נאר איבער די סוכה איז קיין טראפ רעגן נישט געפאלן, אפילו דער סכך, וואס איז איינגאנצן געווען אדורכגעווייקט פון דעם רעגן פון פריער, האט אויך קיין טראפ נישט אראפ געלאזט,

נאך דעם ווי דער טאטע איז אריין אין די סוכה, האט מען געגרייט צום טיש, מען האט זיך נישט געאיילט, נאר מען האט געגעסן געזונט ווי אלעמאל יום טוב, נאך די סעודה האט דער טאטע געהייסן מען זאל ארויס נעמען פון די סוכה אלעס, מען האט ארויס גענומען פון די סוכה אלע טישן און אלע בענק, אלע חסידים וואס האבן מיט געגעסן זענען פריער ארויס געגאנגען פון די סוכה,

דערנאך האט דער טאטע מיך ווידער אנגענומען ביי דער האנט און ארויס געגאנגען פון די סוכה, אזוי ווי ער האט דעם ערשטן טריט ארויס געשטעלט פון די סוכה, האט מען געהערט ווי עס האט זיך מיט איין מאל געגעבן א לאז אראפ די גאנצער רעגן וואס האט זיך אויפגעהאלטן במשך די צייט וואס מען האט געגעסן די סעודה.

דריי חסידים פון רבי'ן ר' אייזיקל קאלוב'ער זי"ע האבן געפרעגט זייער רבי'ן, צו וועמען זיי זאלן פארן נאך זיין פטירה, האט זיי דער הייליגער קאלוב'ער געזאגט, "ווען איר וועט אנטרעפן אויף א רבי'ן וואס קען ארויס נעמען די נשמה פון א מענטש, זי אויס וואשן, און צוריק שטעלן אויף איר ארט, אין דעם רבי'ן זאלט איר אייך מדבק זיין",

די דריי געהויבענע חסידים האבן זיך ארויסגעלאזט זוכן א נייע רבי'ן נאך דער פטירה פונעם הייליגען קאלוב'ער

זי"ע, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין ראפשיץ, ווען זיי האבן איבערגעטרעטן די שוועל פונעם הייליגן ראפשיצער רב'ס חדר, איז דארט פונקט געשטאנען א איד און געוויינט, אז דער רבי זאל אים ארויסגעבן א תשובה אויף א הארבע עבירה,

דער הייליגער ראפשיצער רב האט געזאגט צו יענעם איד, "זאג מיר, איך בעט דיך, ווי פאלט אן א איד צו טוהן אזא מין גראבע עבירה", און דער איד איז באלד חלשות געפאלן, מען האט אים תיכף דערמונטערט, און דער ראפשיצער רב האט צו אים ווייטער גענומען רעדן, "אפשר קענסטו מיר זאגן וואס האט דיר דער רבונו של עולם געטון שלעכטס, אז דו ביסט אים מצער מיט אזא נידעריגער עבירה", דער איד איז ווידער צוזאמען געפאלן, און מען האט אים נאכאמאל געמוזט דערמונטערן,

דאן האט אים דער הייליגער ראפשיצער רב ווידער געזאגט, "השי"ת גיט דיר געזונט, פרנסה, מיט אלעם גוטן, גייט מען און מען טוט אזא הארבע עבירה", דער איד איז צום דריטן מאל צוזאמען געפאלן, און מען האט אים דאס מאל קוים דערמונטערט, דאן האט דער ראפשיצער רב געזאגט צום איד, "דו קענסט שוין אהיים פארן",

די דריי געהויבענע חסידים פון רבי אייזיקל קאלוב'ער האבן צו געזען די גאנצע מעשה, און זיי האבן ביי זיך געשמייכלט, רופט זיך אן דער הייליגער ראפשיצער רב, "איר פרייט אייך וואס איך בין אזא רוצח", האבן אים די חסידים איבער געגעבן דעם אנזאג פון זייער רבי'ן, צו געבענדיג, אז איצט האבן זיי געזען ווי א רבי נעמט ארויס א נשמה, וואשט זי אויס, און לייגט זי צוריק אויף איר ארט, און זיי זענען געבליבן גרויסע ראפשיצער חסידים.

צום הייליגן ראפשיצער רב זי"ע איז אמאל געקומען א בעל עבירה, און געזאגט, איך וויל תשובה טוהן אבער דער רבי זאל מיר געבן א לייכטע תשובה, איך האב נישט קיין כח צו קיין שווערע זאכן, האט אים דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע געזאגט, "גוט, זיי מקבל איר וועט נישט מער זאגן קיין ליגענט", האט דער איד געזאגט, אזא לייכטע תשובה דאס האב איך זיך גארנישט פאר געשטעלט, איך בין עס מקבל,

דער איד איז אהיים געגאנגען מיט א שמחה, ביי זיך אין שטוב האט ער ווידער געוואלט עובר זיין אויף אן עבירה, אבער ער האט צו זיך געקלערט, וואס וועט זיין אז מען וועט מיך פרעגן וואס איך האב געטוהן, טאר איך דאך נישט זאגן קיין ליגענט, האט ער זיך צוריק געהאלטן, און אזוי איז געווען ביי יעדע עבירה, מיט די צייט איז ער געווארן א גאנצע בעל תשובה.

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט אמאל געפרעגט א עושר א קמצן פארוואס ער גיבט נישט קיין צדקה, האט ער געענטפערט, אז ער וויל נישט טאן א זאך קעגן דעם רצון פון דעם באשעפער, ווייל אויב דער באשעפער האט זיי באשאפען צו זיין ארעם, זאל דאס זיין דער רצון השם, האט דער צדיק צוריק געענטפערט, אויב אזוי מיין איך אז דו דארפסט ווערן א ארעמאן, ווייל קענסט דאך אמאל פארגעסן און יא געבן צדקה קעגן דעם רצון השם, און אז דו וועסט זיין א ארעמאן וועסטו נישט האבן דעם נסיון.

ביי די שבעה פונעם הייליגן ראפשיצער רב זי"ע, האט זיך דער זוהן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע צעשמייכלט, עס איז געווען א גרויסע חידוש ביי די תלמידים, אבער ווען מען האט דעם צדיק געפרעגט פשט, האט ער געזאגט, אז דער טאטע זאגט ווערטלעך אויך און הימל, און ווען דער מלאך האט אים געפרעגט ווי אזוי ער הייסט, האט דער ראפשיצער רב געזאגט יעקב, האט דער מלאך געזאגט, די הייסט דאך נפתלי צבי, האט דער הייליגער ראפשיצער רב געזאגט פארן מלאך, אז די ווייסט יא פארוואס פרעגסטו.

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט בזה"ל, "ס'איז נישט מעגליך אז א איד א מאמין זאל זיך דאכטן אז ס'פעלט אים עפעס, ער זאגט דאך יעדן צופרי, "שעשה לי כל צרכי", אז השי"ת גיט אים "אלעס", טא וואס דען קלערט ער אז ס'פעלט אים עפעס, און דאס וואס ער האט נישט עפעס, איז זיכער אז פון הימל וויל מען יעצט אזוי.

הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע און דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האבן געזאגט נאכן פטירה פונעם הייליגן זרע קודש מראפשיץ זי"ע, אז ביז משיח'ס טאג, וועט נישט זיין אזא גוטע פריינט פארן רבוש"ע, אזוי ווי דער הייליגער רבי דער ראפשיצער רב זי"ע, אויך דערציילט מען אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט אמאל געטרינקען א לחיים און ער האט געזאגט בלשון קדשו בזה"ל, "לחיים רבוש"ע, זאלסט זעהן אסאך נחת ביי דיינע הייליגע קינדער", ווייל דער הייליגער

ראפשיצער רב זי"ע איז געווען גאר גרויס מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל עד אין לשער,

עס איז באוויסט אז דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע איז געווען א בעל בשר, און דער הייליגער צדיק וקדוש האט אמאל געזאגט, אז זיין פעטקייט איז צוליב צרות ישראל, א סימן האט עט׳ן, אז ווען נאך מיין פטירה וועט ח"ו זיין צרות פאר אידן, ווען מיר די בויך אויך וואקסן נאך די פטירה, דערציילן אידן, אז ביים צווייטע וועלט מלחמה, ווען די אידן דארט אין שטאט לאנצוט האבן ליידער געהאט די גרויסע צרות, מען האט רח"ל אוים גע׳הרג׳ט טויזענטער אידן, האט מען געזען ווי די מצבה פונעם הייליגען ראפשיצער רב האט זיך אונטער געהויבן,

אמאל איז איינע פון די צדיקי הדור געווען ביים הייליגען צדיק דער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, און דער צדיק האט געפרעגט דעם הייליגען ראפשיצער רב, וואס איז די צורך פון יחוס אבות פאר עבודת השם, האט דער הייליגער זרע קודש דאס מסביר געווען מיט די ווערטער,

עס איז דא צדיקים וואס שטאמען נישט פון קיין גרויסע עלטערן, די צדיקים שטייען אויף חצות לילה און רעכטן אפ תיקון חצות מיט א געוואלדיגע דביקות, דערנאך שטעלט מען זיך דאווענען מיט אן התלהבות דקדושה, אבער דאן ווען זיי קומען אהיים עסן פרישטאג, עסן די צדיקים מיט א שמחה ולב טוב, וויבאלד זיי ווייסן דאך אז זיי האבן יעצט געדינט דעם באשעפער, און זיי זענען דאך גרעסער ווי זייערע עלטערן,

אבער די צדיקים וואס האבן גרויסע יחוס און שטאמען פון עלטערן קדושים און עובדי השם, אפילו זיי רעכטן אפ א תיקון חצות און דאווענען מיט א אש קדוש און א התלהבות דקדושה און דינען דעם באשעפער מיטן גאנצן כח, אבער ווען זיי קומען אהיים עסן, ווייסן זיי ביי זיך דעם אמת, אז זיי קומען נישט צו מיט גארנישט צו זייערע עלטערן, און דאס ברענגט א געוואלדיגע ענווה און שפלות פאר דעם צדיק, און דאס מאכט דעם צדיק דינען דעם באשעפער נאך מער, ווייל ביי זיך ווייסט ער אז ער איז נאכנישט אן געקומען צום אמת׳ע שלימות, און דאס איז די צורך פון יחוס פאר עבודת השם,

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, האט נאך געזאגט פון זיין רבין הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע, וואס האט מעיד געווען אויף זיין רבין

דער חוזה מלובלין זי"ע, אז דער חוזה איז געווען יעדעס יאר פסח פון די נמנים אויפן קרבן פסח פון אליהו הנביא ז"ל, וואס האט געברענגט פארן חוזה זי"ע א כזית פונעם קרבן פסח, און נאכן עסן דעם כזית אפיקומן האט מען געקענט זעהן אויף די בארד פונעם הייליגען חוזה די פעטענס פונעם קרבן פסח,

און דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט אוים געפירט, אז ביים רבין דער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, ווען ער האט פארציילט די מעשה פסח ביינאכט, האט מען ביי אים אויך געזעהן די פעטענס פונעם קרבן פסח אויף די הייליגע ליפען,

איינמאל איז דער צדיק הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, געווען ביים הייליגער רוזינער זי"ע, און דער רוזינער האט אים געפרעגט, די טאטע האט געהאט אזאנע געהויבענע קינדער, און ער האט דעם איידעם אויף גענומען אלס ממלא מקום, האט דער דזיקובער זי"ע געזאגט בזה"ל, "יא יא אפילו אזעלכע זון, און דאך דעם איידעם",

בעפאר דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע איז געווארן מפורסם אין די וועלט אלס א איש קדוש און א בעל מופת עצום, איז ער איינמאל געפארן צו זיין הייליגען רבי דער חוזה מלובלין זי"ע, אויפן וועג איז דער צדיק געווען אוים געהונגערט, האט ער זיך אפ געשטעלט אין א אכסניא און געבעטן אויב יענער קען אים אפשר געבן עסן, אבער דער בעל אכסניא האט נישט געוואלט געבן פארן צדיק קיין עסן,

נאך אפאר טאג וואס ער איז געווען ביים חוזה מלובלין, איז ער געפארן אויף א נסיעה מיטן רבין, און מען האט זיך אפ געשטעלט ביים זעלבן אכסניא, דער בעל אכסניא האט מקבל פנים געווען דעם הייליגען חוזה און צו געגרייט א שיינע גרויסע סעודה, אבער ווען ער האט אריין געברענגט דעם טאץ מיט עסן, האט דער הייליגער ראפשיצער רב געגעבן א שטיפ פאר דעם בעל אכסניא, און דאס גאנצע עסן איז אראפ געפאלן, דער בעל אכסניא האט אריין געברענגט נאך א טאץ, אבער דער ראפשיצער האט איבער געטון דאס זעלבע, און אלעס איז אומגעפאלן אויף דער ערד,

דער הייליגער חוזה מלובלין מיט זיינע הייליגע אויגן האט גלייך מרגיש געווען אז עפעס קומט דא פאר, האט ער א שמייכל געגעבן און געפרעגט דעם ראפשיצער רב,

זאג מיר וואס האט דער איד פאר דיר געטון, האט דער ראפשיצער רב געזאגט פאר זיין רבין, פארוואס שטייט אין די תורה אז אברהם אבינו איז געווען דער גרויסער בעל מכניס אורח, לוט האט זיך דאך אויך גאר שטארק מטריח געווען ווען די מלאכים זענען געקומען צו אים, ווי אין פסוק שטייט (בראשית י״ט ג׳) וַיַּעַשׂ לָהֶם מִשְׁתֶּה וּמַצּוֹת אָפָה וַיֹּאכֵלוּ, זעהט מען דאך אז לוט האט זיך אויך מטריח געווען צו מקיים זיין הכנסת אורחים.

נאר וואס דען, אברהם אבינו ע״ה האט מקיים געווען הכנסת אורחים אפילו מיט די מלאכים וואס האבן אויס געזען ווי פשוטע מענטשן ווי אראבער׳ס, ער האט נישט געקוקט ווער דער מענטש איז, נאר האט מקיים געווען די מצווה מיט א תמימות.

אבער לוט האט מקיים געווען הכנסת אורחים נאר מיט מלאכים בצורת מלאכים, און אריין נעמען מלאכים אין שטוב איז קיין קונץ נישט, דאס זעלבע איז מיט דעם אכסניא, מיך א פשוטע מענטש האט ער נישט געוואלט אריין נעמען, אבער פאר דעם רבין האט ער צו געגרייט א גרויסע סעודה.

ווען דער הייליגער צדיק הרה״ק בעל אהבת שלום מקוסוב זי״ע האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט ער געזאגט פשט אין די גמרא (שבת קכ״ז) אמר רב יהודה אמר רב: גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה, האט דער הייליגער קאסובער זי״ע געזאגט, עס איז אסאך מער חשוב צו מקיים זיין הכנסת אורחים מיט אורחים פשוטים, אסאך מער ווי קבלת פני שכינה וואס גייט ארויף אויף די אורחים תלמידי חכמים און צדיקים.

אמאל איז דער הייליגער ראפשיצער רב זי״ע געזעצן אין ביהמ״ד, אינמיטן לויפט אריין א יונגערמאן זייער געיאגט, און דער יונגערמאן לייגט שנעל טלית און תפילין דאווענט שנעל אפ, און דערנאך טוט ער אויס די טלית און תפילין און וויל ארויס גיין, איז דער הייליגער ראפשיצער רב זי״ע צו געגאנגען צו דעם יונגערמאן, און בעט אים אויב ער קען אים דערציילן א מעשה, און הייבט אן דערציילן די מעשה.

א איד וואס האט געהאט זיין סדר היום, יעדן טאג 11 אזייגער איז ער אהיים געקומען פון דאווענען, און אויפן טיש האט ער יעדן טאג געטראפן אן געגרייט א פרישטאג, דאס פרישטאג איז נישט געווען עפעס א ספעציעלע, אבער דער איד האט זיך מיט די צייט צו געוואוינט צום טעגליכען פרישטאג.

איין טאג קומט דער איד אהיים און זעט נישט קיין עסן אויפן טיש, פרעגט ער פון זיין בני בית, ווי איז די פרישטאג היינט, האט דאס ווייב געבעטן אז ער זאל אביסל צו ווארטן ביז דאס פרישטאג איז גרייט, דער איד האט זיך פאר געשטעלט אז דאס ווייב מאכט אים זיכער היינט עפעס א ספעציעלע פרישטאג, און דעפאר איז דאס נאכנישט גרייט, אזוי האט דער איד געווארט פאר א שטיק צייט, אבער ווען די ווייב האט אים אריין געברענגט דעם פרישטאג, האט דער איד געזען אז דאס איז די זעלבע פרישטאג ווי יעדן טאג, דער איד איז געווארן זייער בייז אויפן ווייב און געזאגט, פאר דעם זעלבן פרישטאג האב איך געברויכט אזוי לאנג ווארטן.

האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי״ע אויס געפירט, ווען א איד דאווענט ווי עס דארף צו זיין ער האט אינזין פירוש המילות און לייגט אראפ א געהויבענע דאווענען, דאן ווען דער איד פארשפעטיגט זיך אמאל און דאווענט שפעט, לאזט מען דעם תפילה ארויף בעולם העליון, ווייל אפילו עס איז טאקע שפעט, האט ער דאך געדאווענט ווי עס דארף צו זיין.

אבער אויב דער איד כאפט אפ דאס דאווענען און האט נישט אינזין קיין איין ווארט, און צו דעם קומט ער נאך אריין שפעט דאווענען, דאן זאגט מען אויבן אין הימל, פאר אזא תפילה האט מען געברויכט ווארטן אזוי לאנג.

הרה״ק רבי איציק׳ל ממעליץ זי״ע האט דערציילט, אז ער האט געהערט פון זיין טאטן הרה״ק רבי נפתלי ממעליץ זי״ע, אז נאך די חתונה האט ער געגעסן קעסט ביים פעטער הרה״ק רבי אליעזר מדזיקוב זי״ע, איין טאג האט ער זיך אויס גערעדט צום פעטער, אז ער האט נאכנישט קיין שטעלע פון רבנות און ער האט נישט קיין פרנסה.

האט אים זיין הייליגע פעטער רבי אליעזר מדזיקוב זי״ע געוויזן אויפן הימל און געפרעגט, ״בוסט ברוגז אויף אים, האסט ח״ו תענות אויף אים״, פארשטייט זיך אז דער צדיק רבי נפתלי האט געהאט פון דעם גרויס חלישות הדעת, און ער האט אראפ געלייגט זיין קאפ און זייער געוויינט, ווייל נאר טראכטענדיג אז דער פעטער מיינט אז ער האט ח״ו טענות אויפן גרויסן באשעפער, האט דעם צדיק רבי נפתלי זייער צובראכן.

דער פעטער רבי אליעזר מדזיקוב זי״ע האט געוואלט איבער בעטן דעם רבי נפתלי, האט ער אים געזאגט, איך וועל דיר דערציילן א מעשה נורא, וואס איז פאר

געקומען ביים טאטן דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, וואס די מעשה איז מסוגל פאר שמחה,

אין שטאט טארנא האט געוואוינט א איד וואס האט זיך געפירט גאר פשוט, אבער איין זאך האט ער געהאט, ער האט כסדר געזאגט גאר אסאך תהילים, און זומער ווען מען האט אויף געמאכט די פענסטער פונעם ביהמ"ד, האט מען געקענט הערן דעם איד זאגן תהילים מיט א געוואלדיגע מתיקות, איין טאג האט ביי דעם איד פאסירט א גרויסע צרה, עס האט אויס געבראכען א גרויסע שריפה רח"ל, וואס האט פארברענט זיין גאנצע הויז און זיין גאנצע פארמעגן וואס ער האט געהאט,

דער איד איז אריבער צום טאטן דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, און ער האט געזאגט פארן צדיק, "איך האב טענות כביכול אויפן רבוש"ע, אז ער האט מיר צו גענומען אלעס", דער ראפשיצער רב זי"ע האט זיך ממש איינגעבעטן ביי דעם איד און געזאגט, "איך בעט דיר זיי אים מוחל",

האט דער איד אבער געזאגט פארן ראפשיצער רב זי"ע, "ווי אזוי קען איך אים מוחל זיין, אז אפילו דעם דיקען סידור וואס איך האב געהאט, וואס דארט איז געשטאנען וואס מען דארף זאגן, דאס האט ער מיר אויך צו גענומען",

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע ווען ער האט געהערט די תמימות'דיגע רייד פון דעם פשוטען איד, איז צו געגאנגען צום ספרים שאנק, און האט פון דארט ארויס גענומען א דיקען סידור, און ער האט געפרעגט דעם איד, איז דאס די זעלבע סידור וואס די האסט געהאט, האט דער איד מיט פרייד געזאגט אז יא דאס איז די זעלבע סידור,

האט דער ראפשיצער רב געזאגט פאר דעם איד, "נעם דיר דעם סידור, האסטו צוריק דיין סידור, און זיי אים מוחל, דער איד האט טאקע געזאגט "איך וועל אים מוחל זיין, אבער נאר ווייל די רבי הייסט", האט דער הייליגער צדיק מדזיקוב זי"ע מסיים געווען, אז די מעשה איז מסוגל פאר שמחה,

הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז ווען דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט חתונה געמאכט, זענען די צוויי גרויסע תלמידים דער הייליגער קאמינקא רב און דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געקומען אויפן חתונה,

כדי צו משמח זיין חתן כלה האבן זיך די צוויי צדיקים פארשטעלט ווי קמצנים און אריין געברענגט א לייטער, דער עולם האט דאס אנגעהאלטן, און די צוויי צדיקים זענען ארויף די טרעפ פונעם לייטער, פון איין זייט דער קאמינקא רב, און פון די צווייטע זייט דער הייליגער צאנזער רב, אנקומענדיג אויבן איז דער צאנזער רב געווען מיט צוויי טרעפ העכער ווי קאמינקא רב,

האט זיך דער הייליגער ראפשיצער רב אנגערופען, קאמינקא רב, דער צאנזער רב איז אייך איבער געגאנגען, שפעטער האט מען פארשטאנען די הייליגע ווערטער פונעם ראפשיצער רב, אז דער צאנזער רב האט מעריך ימים געווען כמעט מיט 24 יאר מער ווי דעם הייליגען צדיק רבי שלום מקאמינקא זי"ע,

הגה"ק רבי ישראל דוב בער בעל רביד הזהב אב"ד יאשניצא זי"ע, וועלכער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען זרע קודש מראפשיץ זי"ע, און האט זיך מסתופף געווען בצלו פונעם ראפשיצער רב פאר פופצן יאר, דער רבי ישראל דוב זי"ע האט דערציילט דריי מופתים וואס ער האט אליין געזען ביי זיין הייליגן רבי'ן דער ראפשיצער רב זי"ע,

**דאס ערשטע מופת,**

איינמאל די ערשטע נאכט סוכות, קומט אריין א פרוי מיט א קינד אויף די הענט צום הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, און ווייזט פאר'ן ראפשיצער רב דאס קינד, אז ער ליידט רח"ל פון אן "אפצערונג" קרענק, ער איז קליין און איין געדארט, און נעמט נישט צו קיין וואג.. רופט זיך אן דער הייליגער ראפשיצער רב צו איר: "איך האב פיינט צו זאגן, נאר איך מוז זאגן!, דאס קינד איז נישט אויסגעלייזט!", אזוי ווי די פרוי האט דאס געהערט, האט זי זיך באלד דערמאנט טאקע, אז דער רבי איז גערעכט, דאס קינד איז א בכור, און איז נישט אויס געלייזט געווארן, מען האט אים נישט געמאכט קיין 'פדיון הבן',

האבן די חסידים אויס געפרעגט די פרוי, פון וואו זי איז, וואו זי וואוינט, זענען זיי געוואויר געווארן, אז זי וואוינט ערגעץ אין א שטעטל ווייט פערציג קילאמעטער פון ראפשיץ, אזוי אז בדרך הטבע וואלט נישט מעגליך געווען אז דער ראפשיצער רב זאל האבן געוואוסט פון דאס קינד, אז ער איז נישט אויסגעלייזט געווארן, נאר עס האט געמוזט זיין, אז מיט רוח הקודש האט ער פארשטאנען און געזען, אז מען האט נישט געמאכט פאר'ן קינד קיין פדיון הבן.

### דאס צווייטע מופת,

דאס האט פאסירט מיט'ן יאשניצער רב אליין, און ווי פאלגענד האט ער דאס אליין דערציילט: איך האב אמאל, נישט מער געדאכט, געהאט א וואונד אויפ'ן פיס, דאס איז געווען סוכות צייט, איך בין דעמאלט געווען אין ראפשיץ ביים הייליגען זרע קודש זי"ע, אזוי ווי איך האב געליטן יסורים פון דעם וואונד, האב איך מיך נישט געשטופט צווישן עולם, ווייל איך מורא געהאט אז מען זאל מיך נישט צודרוקן דעם פארוויטאגטן פוס, נאר איך האב מיך געזעצט ביים וואנט, אונטער'ן אויוון, כדי מען זאל מיך נישט קענען צודרוקן,

הושענא רבה בייטאג, בשעת'ן דאווענען, בין איך געשטאנען אונטערן אויוון די גאנצע צייט, אבער ווען עס איז געקומען צום קלאפן די הושענות, האט אן איד וועלכער איז געשטאנען נעבן מיר, אומוועלנדיג א קלאפ געטוען מיט זיינע הושענות גלייך אויף מיין פארוויטאגטן פוס!, מיינע יסורים זענען געווען אומדערטרעגליך, און פון גרויס ווייטאג בין איך אנידערגעפאלן, און איך האב כמעט גע'חלש'ט,

בשעת דאס האט פאסירט, איז דער רב געשטאנען אין אנדערן עק בית המדרש, אויף זיין ארט ביי די מזרח וואנט, ביים עמוד, אויסגעדרייט מיט'ן פנים צו די וואנט, אבער אין יענע רגע ווען איך בין צוזאמען געפאלן, האט דער רב זיך אויס געדרייט דאס פנים און איז צו געקומען צו מיר דארט ביים אויוון, און זאגט מיר: "ישראל בער לעבן!, עס טוט דיר זיכער וויי, קום מיט מיר, וועסטו זיך דערכאפן דאס הארץ מיט אביסל לעקעך און בראנפן", און די רבי מיט זיין הייליגע אויגן האט מיך ממש געראטעוועט,

### דאס דריטע מופת,

דאס האט אויך פאסירט מיט'ן יזשניצער רב אליין, ווי פאלגענד: דער יאשניצער רב, איז געווארן אן איידעם ביי א רייכן איד, אן איינוואוינער פון די שטאט רימנוב, פופצן יאר האט דער יאשניצער רב געגעסן קעסט ביי זיין שווער, אין יענע יארן, האט דער יאזשניצער רב געהאט א נאנטן חבר, וועלכער איז אויך געזעסן אויף קעסט ביי זיין שווער, פלעגן די צוויי חברים שטענדיג זיין אינאיינעם ביים רבי'ן אין ראפשיץ,

שטענדיג פלעגן זיי זיצן ביים טיש איינער נעבן אנדערן, דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע פלעגט זיך פירן, אז ער אליין בכבודו ובעצמו פלעגט טיילן די בילקעס צו די סעודה, ווען ער איז געקומען צו די צוויי חברים, פלעגט דער ראפשיצער רב שטענדיג אויסזוכן צוויי בילקעס וועלכע זענען געווען צו געקלעבט איינע צו די אנדערע, און דאס אזוי דערלאנגען צוזאמען געקלעבטערהייט, פאר די צוויי חברים,

אמאל האט פאסירט, אז די חברותא פונעם יאשניצער רב מיט זיין חבר האט זיך אביסל אפגעקילט, זיי זענען שוין נישט געווען אזוי באפריינדעט ווי אמאל, און האבן אפילו געטראגן אביסל א שווער הארץ איינער אויפ'ן אנדערן, יענעם פרייטאג צו נאכטס, ווען זיי זענען געזעסן ביים טיש, און ס'איז געקומען די צייט אז דער ראפשיצער רב זאל טיילן די בילקעס, האט ער ווי געוועהנליך פאר זיי אויסגעזוכט צוויי צוזאמענגעקלעבטע בילקעס, דאס מאל האט ער אבער עס נישט אהין געגעבן פאר זיי אזוי צוזאמען געקלעבט, נאר ער האט עס קודם צוטיילט איינע פון די אנדערע, און דאן עס אהין געגעבן פאר'ן יאשניצער רב מיט זיין חבר, יעדן באזונדער א בילקע,

נאכ'ן טיש, ווען די צוויי חברים זענען אהיים געגאנגען, האט זיך איינער אנגערופן צום אנדערן: "פארוואס האט דער רבי אונז היינט נישט געגעבן צוויי בילקעס צוזאמען געקלעבט ווי געוועהנליך, נאר האט עס קודם צוטיילט, זיכער האט דער רבי מיט זיין רוח הקודש געזען וואס עס טוט זיך ביי אונז", אין יענעם מאמענט האבן זיי זיך איבערגעבעטן איינער דעם אנדערן, און די צוויי האבן געטרינקען א לחיים אינאיינעם, און זענען צוריק געווארן גוטע פריינט נאך מער ווי פריער, צומארגנס, שבת בייטאג ביי די סעודה, ווען דער ראפשיצער רב האט געטיילט די בילקעס, האט ער זיי שוין ווייטער געגעבן צוויי צוזאמען געקלעבטע בילקעס, אזוי ווי פריער, דעמאלט האבן זיי זיך ביידע ערשט איבערצייגט, ווי ווייט עס דערגרייכט דאס רוח הקודש פון רבי'ן דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע.

ווי באקאנט האט דער הייליגער צדיק וקדוש דער זרע קודש מראפשיץ זי"ע זיין גאנץ לעבן באהאלטן זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט, ווייל ער האט געדינט דעם באשעפער מיט אן אמת, אויך האט דער הייליגער ראפשיצער רב נישט געקענט סובל זיין מענטשן וואס טוען מצוות און זענען זיך מסגף, און דורך דעם ווערן זיי בעלי גאוה רח"ל, און דאס איז גורם אז זיי זאלן נישט מקיים זיין די מצוות

השם מיט אן אמת, און מיט דעם ווערט מען דאך דערוואטערט פונעם באשעפער,

מאכט זיך אמאל, אז דער ראפשיצער רב זי״ע האט געטראפן א איד וואס האט זיך מסגף געווען, ער פלעגט פאסטן משבת לשבת, און זיצן אין ביהמ״ד דעם גאנצן טאג און עוסק געווען בתורה, אבער דער ראפשיצער רב מיט זיינע הייליגע אויגן האט מרגיש געווען, אז דער איד מיינט דאס נישט לשם שמים, נאר האט מיט דעם אינזין אז מען זאל אים דורך דעם מכבד זיין און האלטן חשוב,

האט דער ראפשיצער רב זי״ע מיט זיין חכמה געבעטן אפאר יונגעלייט פון זיינע תלמידים, אז זיי זאלן גיין און געבן א שטופ פאר דעם איד, און בשעת מעשה האט דער הייליגער ראפשיצער רב געזאגט פאר די יונגעלייט בזה״ל, "וואס שטופט איר דעם חשובען איד, איר ווייסט נישט אז דער איד פאסט יעדן מאנטאג און דאנערשטאג", דער איד הערענדיג די ווערטער האט ער זיך אנגעריפן, "און משבת לשבת פאסט איך נישט", ווי צו זיך גרויס האלטן אז ער פאסט דאך משבת לשבת אויך נישט נאר מאנטאג און דאנערשטאג,

אזוי ווי דער הייליגער ראפשיצער רב זי״ע האט דאס געהערט, האט ער אריין געריפן דעם איד צו זיך אין שטוב, און האט אים מסביר געווען, ווי ווייט ער איז נעבעך פארקראכן פונעם דרך האמת, אז ער פאסט און איז זיך אזוי מסגף, אבער אזוי ווי ער טוט דאס אלעס נאר כדי זיך גרויס צו האלטן, טוט ער נעבעך גארנישט אויף, נאר פונקט פארקערט, דער באשעפער האט בכלל נישט קיין הנאה פון אזא עבודת השם וואס קומט מיט גאווה, ווייל דער רבוש״ע האט נאר ליב די מידה פון ענווה,

ווי באקאנט האבן די צוויי תלמידים פונעם ראפשיצער רב זי״ע דער הייליגער קאמינקא רב און דער הייליגער צאנזער רב זי״ע אסאך ארויסגעהאלפן אין שטוב פין זייער רבין, איין ערב שבת קודש איז דער הייליגער צדיק דער עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע געווען אין שטוב פונעם ראפשיצער רב זי״ע, האט אים דער ראפשיצער רב געזאגט, קומט לאמיר אייך ווייזן מיינע קארטאפל שיילערס,

איז דער הייליגער ראפשיצער רב אריין אין די קיך, און דארט זענען געשטאנען די צוויי הייליגע תלמידים און געשיילט קארטאפל לכבוד שבת, דער ראפשיצער רב איז אריין אין קיך, און צו גענומען א מעסער פון אויפן טיש, די צוויי תלמידים האבן דאס נישט באמערקט,

אבער דאן איז געווארן א דין ודברים צווישן די צוויי תלמידים, אויב זיי זענען חייב אויף דעם מעסער, אדער זענען זיי נאר א שומר חינם און נישט חייב, עס איז צווישן די צוויי גדולים געפלויגן ראשונים און אחרונים ביז פון גרויס ריתחא דאורייתא האט אנגעהויבן פליען קארטאפל, דאן האט דער ראפשיצער רב צוריק געלייגט דעם מעסער און עס האט זיך אפגעשטעלט,

ביים צדיק הרה״ק רבי משה ארי׳ פריינד מירושלים זי״ע איז געווען א בחור, וואס האט געהאלפן ערב פסח מיט די געברויכן ביים צדיק אין שטוב, איינמאל האט דער בחור געבעטן דעם ירושלימער רב, אז ער זאל מתפלל זיין אז ער זאל האבן דעם יראת שמים ווי די קארטאפל שיילערס ביים הייליגען ראפשיצער רב זי״ע, וואס זענען געווען דער צדיק רבי שלום מקאמינקא זי״ע, און דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי״ע,

דער צדיק רבי משה אריה זי״ע האט אראפגעלייגט זיין קאפ פאר אפאר מינוט, און דאן זאגט ער פארן בחור, ביים באשעפער האב איך שוין געפויעלט, יעצט ברויך איך פויעלן ביי דיר,

הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי״ע האט דערציילט, אז דער הייליגער זרע קודש דער ראפשיצער רב זי״ע איז אמאל געקומען צו א שטעטל, נאנט צו יעריסלוב, דארט האט זיך געפונען א איד וואס איז שוין א לאנגע צייט געווען געלעמט, דער איד האט זיך נעבעך נישט געקענט רירן פון פלאץ, מען האט גע׳עצה׳ט דעם איד, אז אויב מען וועט אים אוועק לייגן אויף דעם וועג ווי דער ראפשיצער רב דארף דורך גיין, וועט ער און זיין משפחה איינרייסן אויף א ישועה,

מען האט אים אוועק געלייגט אויף א קליין בריקל פון האלץ ווי דער ראפשיצער רב האט געדארפט דורך גיין, מ'האט גערעכנט אז ווען דער ראפשיצער רב וועט דארט אנקומען, וועט דער חולה און די בני המשפחה בעטן, אז דער צדיק זאל בענטשן דעם חולה אז ער זאל שוין האבן א ישועה,

ווען דער ראפשיצער רב איז דארט אנגעקומען, האט ער געזען ווי דער איד ליגט דארט, און פארשטעלט אים דעם וועג פון קענען גיין אין בית המדרש, ער האט נישט

געוואוסט אז דער איד איז נעבעך געלעמט, האט דער הייליגער ראפשיצער רב אויף געהויבן זיין שטעקן, און געגעבן א זאג פאר דעם געלעמטן איד, "דו הייבסט דיך אויף, אז נישט גיב איך דיר מיט'ן שטעקן", הפלא ופלא, דער איד האט תיכף ומיד זיך אויפגעהויבן, און אנגעהויבן צו לויפן צו זיך אהיים,

ווען דער ראפשיצער רב זי"ע וואס האט זיך זיין גאנץ לעבן באהאלטן מיט זיין גדלות, האט זיך דערוואוסט אז די שטאט רעש'ט זיך פון דעם מופת וואס ער האט געפראוועט, איז ער געבליבן דריי טעג אין שטוב, ווייל ער האט זיך געשעמט אז יעדער איז געוואויר געווארן ווער ער איז, עס האט אים זעהר ווי געטוען וואס ער איז אנטפלעקט געווארן, ער האט דאך אזוי שטארק געוואלט בלייבן באהאלטן, אז קיינער זאל נישט וויסן זיינע מדריגות, און יעצט איז א איד געהאלפן געווארן, בלויז מיט זיין רעדן.

הרה"ק רבי אברהם שמחה מבארנוב זי"ע, וואס איז געווען אייניקל פונעם הייליגען דזיקובער זי"ע, האט דערציילט די מעשה וואס ער האט געהערט פון זיין זיידן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, אז אמאל האט זיך דער טאטע דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע דערוויסט, אז דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע איז זייער נישט געזונט, איז דער הייליגער ראפשיצער רב געפארן מבקר חולה זיין דעם צדיק מזידיטשוב,

ווען דער ראפשיצער רב איז אנגעקומען קיין זידיטשוב, איז ער גלייך אריבער צום שטוב פונעם עטרת צבי כדי צו זען וואס דער צדיק מאכט, אזוי ווי ער קומט אריין, זעט ער דארט דעם משמש וואס מען האט געשטעלט צו זיך אפ געבן מיטן עטרת צבי, און דער משמש שלאפט, דער הייליגער ראפשיצער רב האט ארום געזיכט דעם עטרת צבי, אבער ער האט דעם צדיק נישט געטראפן ביי זיך אין שטוב, ווען דער משמש האט זיך דערוועקט און געזען אז דער עטרת צבי איז נישט אין בעט, האט ער זיך זייער דערשראקען, ווייל דער דאקטאר האט געהאט אן געזאגט, אז דער צדיק זאל בשום אופן נישט ארויס גיין אין אזא מצב,

דער הייליגער ראפשיצער רב און דער משמש האבן ארום געזיכט דעם עטרת צבי פאר א שטיק צייט, לפלא האבן זיי געטראפן דעם צדיק דעם עטרת צבי, ווי ער ליגט אינעם טייך ביז צו די קאפ, און ער איז עוסק בתורת הנסתר, וואס ווי באוויסט האט דער צדיק זיך גאר אסאך מסגף געווען, און פלעגט זיך גיין טובל'ן אינעם פראסטיגען טייך, דער ראפשיצער רב האט נישט געוואלט שטערן דעם צדיק בשעת ער איז עוסק אין די הייליגע זאכן, אבער ער האט זייער מורא געהאט פארן רבי'ס געזונט,

נאך א שטיק צייט ווען דער הייליגער עטרת צבי האט באמערקט דעם הייליגען ראפשיצער רב, האט ער מקבל פנים געווען דעם צדיק מראפשיץ מיט א שמחה און א שמייכל און זיך זייער געפרייט צום חשובען גאסט, האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע זיך איינגעבעטן ביים עטרת צבי, אזוי ווי די רבי איז דאך נישט געזונט יעצט, איז דאך ממש א סכנה צו זיין אינעם קאלטן טייך, ווייל מען קען זיך נאך זייער פארקילען, און עס איז דאך דא א מצוה אין די תורה פון ונשמרתם מאוד לנפשותיכם,

האט דער הייליגער עטרת צבי זיך צעלאכט און זאגט פארן ראפשיצער רב, ראפשיצער רב לייגט אריין די האנט אינעם טייך עס איז בכלל נישט קאלט, דער ראפשיצער רב האט טאקע אריין געלייגט די האנט אינעם טייך, האט דער ראפשיצער רב געזאגט, אז דאס וואסער איז געווען ממש הייס דארט ווי דער צדיק איז געזעצן, ווייל דער צדיק מיט זיין קדושה האט דעם וואסער אן געווארמט, אבער דאן האט דער עטרת צבי געזאגט, חז"ל זאגן דאך מצוה לשמוע דברי חכמים, און אויב איר ראפשיצער רב הייסט ארויס גיין וועט מען ארויס גיין,

צדיקים האבן דערציילט, אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט זיין גאנץ לעבן זיך באהאלטן, און ער האט כסדר געזאגט, אז דער יצר הרע נאר'ט זיך אין אים, און ער ווייסט נישט אז ער איז א ערליכער איד, און די נאנטע האבן דערציילט, אז בשעת די הסתלקות פונעם ראפשיצער רב זי"ע האט דער צדיק געוויזן מיט די פינגער פארן יצר הרע, "איך האב דיך גוט אויס גע'נאר'ט", און דאס האבן צדיקים געזאגט, פארוואס דער צדיק האט געלאזט צוואה אז מען זאל שרייבן אויפן מצבה בזה"ל, "יחיד בדורו בחכמת אלקית",

הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז געקומען א שליחות פון הרה"ק בעל אהבת שלום מקאסוב זי"ע, אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע זאל קומען צו אים אויף א שבת, ווען מען איז געקומען דאס דערציילן פאר ראפשיצער רב, האט ער געזאגט, "פאר אזא זאך ברויך מען זיך איבער

רעדן "מיטן גראבן בויך", וואס האט רוח הקודש" וואס דאס איז געווען הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, וואס זיין רבי דער הייליגער ראפשיצער זי"ע פלעגט אים אזוי ריפן, וויבאלד דער צדיק מיערסלוב, האט דורך עסן אויף געטון גאר גרויסע זאכן,

ווען מען איז געקומען פרעגן דעם צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע אויב מען זאל פאר קיין קאסוב אויף א שבת, האט דער צדיק רבי שמעון געזאגט, פאר אזא זאך וועט מען זיך מיזן וואשן צו א גרויסע סעודה, און נאכן סעודה האט דער צדיק וקדוש רבי שמעון געזאגט, מען וועט מיזן עסן נאך א סעודה, נאכן צווייטן סעודה האט דער צדיק רבי שמעון געזאגט, מען זאל נישט פארן, און דער ראפשיצער רב איז טאקע נישט געפארן, ווייל רבי שמעון האט געזאגט נישט פארן,

הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז עס איז פאר געקומען אן אסיפת רבנים אין שטאט יערוסלאב, און דארט ביים אסיפה איז אויך געווען הרה"ק רבי איציק'ל האמבורגער זי"ע און הגה"ק רבי יעקב רובין מלינסק זי"ע, און דער צדיק מלינסק האט געהאט מיט זיך זיין זון הרה"ק רבי מענדעלע מלינסק זי"ע, דער טאטע פונעם הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, וואס איז נאך דאן געווען א בחור, האט דער צדיק מלינסק געבעטן דער צדיק רבי איציק'ל זאל פארהערן זיין בחור מענדעלע,

רבי איציק'ל האמבורגער זי"ע האט טאקע פארהערט דעם בחור, און ער איז זייער נתפעל געווארן פונעם גדלות פון דעם בחור, האט ער געפרעגט דעם טאטן אויב ער איז מסכים זיך משדך זיין מיט אים, ווייל ער האט אויך יעצט א טאכטער הצדקת בילא, און ער וואלט זייער געוואלט האבן דעם בחור פאר אן איידעם, פארשטייט זיך אז דער צדיק מלינסק האט זיך זייער געפרייט פאר דעם שידוך, וואס הייסט אז ער קען ווערן א מחותן מיטן צדיק רבי איציק'ל האמבורגער, און זיי האבן געשלאסן שידוך,

ווען דער צדיק מלינסק איז אהיים געקומען, האט ער מבשר געווען די גוטע בשורה פאר די רעבעצין, אז ער האט ב"ה א שידוך געטון מיט זייער בחור, די רעבעצין איז געווארן זייער ברוגז אויפן מאן, היתכן ער האט געטון דעם שידוך אן דעם וואס זי זאל זען די כלה, און די רעבעצין האט געוואלט מען זאל מבטל זיין דעם שידוך, האט דער צדיק מלינסק צו געזאגט פאר די רעבעצין, אז אויב ביי די חתונה ווען די מחותנים מיט די כלה וועלן קומען, וועט זי דאן נאך אלס נישט וועלן דעם שידוך, וועט מען מבטל זיין דעם שידוך,

ווען עס איז געקומען דער זמן החתונה און די כלה איז טאקע אנגעקומען, האט די כלה נישט מוצא חן געווען ביי די רעבעצין, און זי האט געבעטן דעם מאן אז מען זאל מבטל זיין דעם שידוך, האט דער צדיק געזאגט, אז מען וועט ריפן דעם חתן און פרעגן, און אויב די כלה וועט נישט מוצא חן ביי אים אויך נישט, וועט מען מבטל זיין דעם שידוך, אבער דער בחור איז געווען א ערליכער און א קדוש, האט ער געזאגט פאר די טאטע און מאמע, אז ער האט נישט חתונה מיט א כלה וועגן שיינקייט, און ער איז נישט מסכים מען זאל מבטל זיין דעם שידוך,

דאן איז געקומען די צייט ווען יעדע מחותן האט געברויכט געבן דעם נדן וואס מען האט זיך אונטער געגומען, האט דער צדיק רבי איציק'ל האמבורגער זי"ע געזאגט, אז ער האט נישט דאס געלט וואס מען האט צו געזאגט פאר נדן, די רעבעצין האט נאכאמאל אנגעהויבן פארפירן און געזאגט, די זעסט אפילו דאס נדן קען דער מחותן נישט געבן, און ווייטער געבעטן אז מען זאל דעם שידוך מבטל זיין, אבער ווען מען האט געפרעגט דעם בחור וואס ער וויל, האט ער געזאגט, איך האב נישט חתונה מיט א כלה וועגן געלט, און בלית ברירה האט די רעבעצין געמיזט מסכים זיין צו גיין צום חופה,

א טאג נאך די חתונה האט דער שווער דער צדיק רבי איציק'ל האמבורגער זי"ע געזאגט פארן חתן, באמת האב איך יא געברענגט דאס געלט וואס איך האב צו געזאגט פאר נדן, נאר איך האב דיך געוואלט אויס פראבירן אויב די וועסט זיך לאזן וועגן געלט פארפירן, אבער אזוי ווי די בוטס בייגעשטאנען דעם נסיון און נישט חתונה געהאט וועגן שיינקייט און געלט, וועל איך דיך בענטשן, אז עטי'ן זאלטס האבן א קינד וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און קדושה, און פון דעם ברכה איז צו זיי געבוירן געווארן א קינד, וואס איז שפעטער אויסגעוואקסן דער הייליגער צדיק וקדוש רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע,

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט אמאל געזאגט בדרך צחות, אז דריי זענען מזל'דיג ראש השנה,
1) דער באשעפער כביכול איז מזל'דיג, ווייל מען האט נישט גע'שחט'ן יצחק אבינו ע"ה אויף די עקידה, ווייל

וואלט מען ווען באמת גע'שחט'ן יצחק אבינו ע"ה, וואלטן אידן געקענט בעטן אסאך מער,

2) אידן זענען מזל'דיג, ווייל מען זאגט בעפאר שופר בלאזן נאר קאפיטעל מ"ז 7 מאל, און נישט קאפיטעל קי"ט, ווייל ווען יא וואלט מען געבלאזען שופר אסאך שפעטער,

3) דער שטן האט מזל, אז מען בלאזט שופר פון די שמאלע זייט, אזוי קען ער ארויסגיין פון די ברייטע זייט, שטעלט ענק פאר אויב וואלט מען געבלאזן פון די ברייטע זייט, וואלט דער שטן געברויכט ארויס גיין פון די שמאלע זייט,

דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע האט מעיד געווען אויפן תלמיד דער צדיק רבי אלימלך מרודניק זי"ע בזה"ל, "שיש לו גילוי אליהו בכל עת שרוצה ובלי הכנה מקודם", און הרה"צ רבי ישכר בעריש היילפרין אב"ד בייטש זי"ע האט דערציילט, אז בשעת דער צדיק רבי אלימלך מרודניק זי"ע איז געווען אויף די חתונה פון איינע פון די קינדער פון הרה"ק רבי אברהם מאולינוב זי"ע, האבן זיך ביי די חתונה באטייליגט מער ווי הונדערט צדיקים מדורו,

און דער צדיק רבי אלימלך מרודניק זי"ע האט זיך אויף געשטעלט ביי די חתונה, און געזאגט דברי בדחנות צו משמח זיין די חתן כלה און לכבוד די מחותנים און צדיקים וואס זענען דארט געווען, איז דארט אויך געזעצן דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, און ווען ער האט געזען ווי דער עולם וואונדערט זיך אויפן צדיק רבי אלימלך, אז ער שטייט אין די הייעך און זאגט דברי בדחנות, האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע געזאגט, "לאכט נישט פון דער יונגערמאן, ווייל ער איז זוכה צו גילוי אליהו הנביא, ווען ער וויל אן אפילו זיך ברויכן גרייטן דערפאר",

איינמאל איז דער צדיק הרה"ק רבי חיים בעל תורת חיים מקוסוב זי"ע געווען אין שטאט ראפשיץ ביים הייליגען זרע קודש מראפשיץ זי"ע, און דארט איז אויך געווען דער צדיק רבי אלימלך מרודניק זי"ע, און דער הייליגער תורת חיים האט געזען ווי דער צדיק מרודניק דרייט זיך ארום, און פון צייט צו צייט גייט ער צו צי א קינד דארט, און שפילט זיך מיט זיין היטל מיט א שמייכל,

עס איז פארן הייליגען תורת חיים געווען א גרויסע וואונדער, ווייל דער צדיק מרודניק איז געווען מפורסם אלס א גברה רבה און א איש קדוש מאוד, איז פארוואס פארברענגט ער אזוי מיט אזאנע זאכן, אבער גלייך האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע תופס געווען זיינע מחשבות און האט געזאגט פארן תורת חיים בזה"ל, "מיר האבן בקבלה, אז די איינקלעך פונעם רבין דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע האבן גילוי אליהו, און אויף דעם צדיק מרודניק ווייסן מיר ביחוד אז ער האט גילוי אליהו".

הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע האט אמאל מסביר געווען פאר זיינע תלמידים די סוד פון משתטח זיין אויף קברי צדיקים, און ער האט פארציילט, איינמאל איז ער געפארן מיט זיין טאטן הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע, אויפן וועג איז מען דורך די שטאט זלאטשוב, האט די טאטע געזאגט, דא אין די ביה"ח ליגט חברנו הרה"ק רבי אברהם חיים בעל אורח לחיים מזלאטשוב זי"ע לאמיר גיין צו זיין קבר,

ווען מען איז אנגעקומען צום ציון קדשו, האט די טאטע דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע אנגעהאט זיין וועסטל און געהאט זיין לילקע צובעך, ער איז צו געגאנגען צום קבר פונעם אורח לחיים און זיך געלייגט בפישוט ידים ורגלים פאר א שטיק צייט, דערנאך איז מען געפארן ווייטער,

ווען דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע איז אנגעקומען אין שטאט, האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב, עס איז געווען ליל ראש חודש און דער שמש האט אויסגעקלאפט פאר שמונה עשרה יעלה ויבוא, נאך מעריב האט דער הייליגער זרע קודש זי"ע געזאגט פאר זיין זוהן, לייזשצא [כינוי חיבה לשם אליעזר], פארוואס האסטו מיר דארט אין ביה"ח ביים קבר פונעם אורח לחיים נישט געזאגט אז עס איז ערב ראש חודש,

ווייל זייענדיג דארט האב איך געזיכט ידידי ורעי אין אלע עולמות, און איך האב אים נישט געטראפן, אויב וואלט איך געוויסט אז עס איז ערב ר"ח, וואלט איך געוויסט ווי אים צו זיכן, ווייל עס איז דא ספעציעלע היכל וואס ערב ר"ח גייען אלע נשמות פון צדיקים דארט אריין, און דארט האב איך נישט געזיכט.

דערציילט מען אז איינמאל איז דער הייליגער חוזה מלובלין אריין אין אזא גרויסע דביקות דקדושה, אז עס האט ממש אויס געזען ווי ער איז שוין נישט בעולם הזה,

איז דארט געווען זיין הייליגע תלמיד דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, און ער האט געזען אז אט אט איז די רבי שוין נישט מיט אונז.

האט ער געהייסן מען זאל שנעל לאזן רופן א איד אן עם הארץ, האט מען גערופען דעם לעדער האנדלער וואס איז געווען א גרויסע עם הארץ, און דער הייליגער זרע קודש האט געהייסן פאר דעם איד, אז ער זאל ארויף לייגן זיינע הענט אויפן הארץ פונעם הייליגען חוזה מלובלין, און גלייך האט מען געזען אז דער חוזה איז ב"ה צוריק.

ווען מען האט געפרעגט דעם הייליגען זרע קודש, פארוואס ער האט געברויכט רופן דעם עם הארץ צו קענען צוריק בענגען דעם רבין, האט דער זרע קודש געזאגט, דער הייליגער רבי מיט זיין גרויסע דביקות, האט זיך אפגעשיידט אינגאנצן פון דעם עולם הגשמיות, אבער ווען דער איש מגושם וואס האט נישט קיין תורה אין זיך האט אים אנגעכאפט, איז דער דביקות אוועק, און דאן איז ער צוריק געקומען צום עולם הגשמי.

ווי עס איז באוויסט, האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געהאט אסאך קעגנערס פון די מתנגדים טאקע אין זיין שטאט לובלין, אויך דער לובלינער רב הגה"ק רבי עזריאל הורוויץ זי"ע, וועמען מען האט גערופען "דער אייזערנער קאפ" איז געווען פון די גרויסע מתנגדים קעגן דעם חוזה, כאטש ער האט גאר שטארק מחשיב געווען דעם הייליגען חוזה פין לובלין, און געהאט פאר אים דרך ארץ, איז ער אים דאך געווען א קעגנער אלס מתנגד.

ווען דער הייליגער חוזה איז נסתלק געווארן, איז געווען א גרויסע מחלוקה צווישן די חסידים פונעם חוזה אין די קהילה מיט די "חברא קדישא" לייט, וואס זענען אויך געווען ביטערע מתנגדים, און מען האט זיך געקריגט ווי מען זאל באערדיגען דעם הייליגען חוזה מלובלין, פארשטייט זיך אז די חסידים האבן געוואלט לייגן זייער רבין אויף א חשובע פלאץ, אבער די מתנגדים האבן בשום אופן נישט מסכים געווען.

איז דארט געווען הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע, פון די גרויסע תלמידים פונ'ם רבי'ן פון לובלין, וואס איז אויך געווען באוויסט אלס א געטליכער חכם, האט ער זיך געמאכט ווי איינע פון די מתנגדים, ער האט אן געהויבען צו רעדן אויף די חסידים, און געזאגט אז זיי זענען עזות פנים'ער, און נאר אלס מורא האט ער געמוזט קומען צו פארן צום רבי'ן פון לובלין.

ער האט זיי אזוי לאנג איין גערעדט אז ער איז אויך א מתנגד, אז זיי האבן זיך געלאזט פארנארן פון אים, און טאקע אים האבן זיי אויס געקליבען אז ער זאל גיין צוזאם מיט'ן לובלינער רב, דער אייזענע קאפ, אויס צו זוכען א פלאץ אינעם ביה"ח, ווי צו לייגען דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע.

זיי זענען געגאנגען אויפן בית החיים, און דער ראפשיצער רב האט געהאלטן א שאוועל אין זיין האנט, און ביי יעדן חשוב'ן ארט ווי זיי זענען דורך, האט ער געפרעגט, זאל איך דא גראבען, און דער גאון ר' עזריאל האט זיך אלס גערעגט אויף אים, ביז זיי זענען צו געקומען צום פלאץ ווי עס איז געווען דער ציון קדשו פון הגה"ק רבי שכנא מלובלין זי"ע, און דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע מיט זיין גרויס קדושה האט דערשפירט די קדושה פון דעם פלאץ, האט ער געגעבען א פרעג, זאל איך דא גראבען, און געזאגט שוין עס וועט שוין זיין גוט דא אויך.

דער גאון רבי עזריאל האט צוליב די פונסטערקייט און פון תענית שוואכקייט, ווייל עס איז דאך געווען תשעה באב, נישט באמערקט ווער עס ליגט דארט, האט ער מסכים געווען, דער ראפשיצער האט שנעל אנגעהויבן צו גראבן דארט, און געהייסן די תלמידים פונעם חוזה זאלן אים העלפן גראבן דעם קבר.

אבער דערווייל האט מען זיך געכאפט, אז דער פלאץ איז דער שענסטער און חשוב'סטער פלאץ אינעם גאנצן ביה"ח, האט דער גאון ר' עזריאל געוואלט צוריק ציען, דער ראפשיצער רב האט אבער נישט געוואלט אוועק גיין פון דארט, און ער האט געגראבן שנעל מיט אלע כוחות, און ער האט געזאגט, אז דאס וועט ער אויס פירען אפילו מיט מסירת נפש, און אוועק געבן זיין לעבן דערויף.

ווייל דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע פלעגט ביי יעדע עת צרה הייסן גיין מתפלל זיין אויפן קבר פון הרה"ק רבי שכנא זי"ע, און דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געזאגט, אז אלע גדולים וואס זענען דארט נקבר געווארן, זענען שוין אריבער קיין ארץ ישראל, ווייל די מנהג ביי די חברא קדישא איז געווען, אז ביי די טהרה פון א רב

אין שטאט, האט מען דאן אפ געזאגט דעם רב פון זיין פאסטן,

אבער נאר ער אליין הרה"ק רבי שכנא זי"ע איז איבער געבליבן ביי זיין מקום קבורה, וויבאלד מען האט פארגעסן אים צו אפ זאגן פון זיין פאסטן, איז ער דערפאר געבליבן דעם רב אין שטאט לובלין, כדי צו באשיצן די שטאט פון שריפות און אנדערע אומגליקען וואס זאלן נישט געשען, און דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע איז מיט די מסירת נפש פון זיין גרויסן תלמיד דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, באעערדיגט געווארן אויפן שענסטן פלאץ אינעם ביה"ח,

אמאל איז דער צדיק דער הייליגער בני יששכר מדינוב זי"ע געווען ביי זיין רבין דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע אויף שבת קודש, און זיין רבי דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט צו געשיקט דעם בני יששכר זי"ע צום עמוד, ווי באקאנט האט דער צדיק דער בני יששכר געדאווענט מיט א געוואלדיגע התלהבות און דביקות, און בשעת'ן דאווענען פסוקי דזמרה האט דער צדיק פארגעסן אז ער שטייט ביים עמוד, און ער האט זיך ארום געדרייט אין ביהמ"ד מיט א געוואלדיגע דביקות,

איז דארט געווען א חסיד פונעם הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, וואס עס האט אים זייער ווייט געטון אז דער בני יששכר פירט זיך אזוי אויף פארענט פונעם רבין, און ווען דער הייליגער בני יששכר זי"ע איז אריבער נעבן דעם חסיד, האט דער חסיד געוואלט אראפ טרעטן אויף איינע פון די ציצות פונעם בני יששכר, און אזוי אים ארויס נעמען פון זיין דביקות,

אבער דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט דאס גלייך באמערקט, און ער האט גלייך געוויזן פארן חסיד, אז ער זאל ח"ו דאס נישט טון, און נאכן דאווענען האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע געזאגט פאר דעם חסיד, די האסט א מזל אז די האסט דאס נישט געטון, ווייל ח"ו די הקפדה פון דעם צדיק דער בני יששכר וואלט דיר ח"ו געקענט זייער שאטן,

דער גאון וקדוש רבי חיים יוסף גאטליב מסטרופקוב זי"ע איז געווען פון די גרויסע חסידים און תלמידים פונעם הייליגען זרע קודש מראפשיץ זי"ע, איינמאל ביי איינע פון די נסיעות צו זיין רבין דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, האט פאסירט ביים גאון דער צדיק רבי חיים יוסף גאטליב זי"ע, אז ער האט געשפאנט א לענגערע שטרעקע צופיס, און עס האט אים געשאדט פאר די ביינער פון די פיס וואס זענען אים קאליע געגאנגען, און ער האט געליטן דערפון גרויסע יסורים, אז ער האט ממש נישט געקענט רירן די פיס,

אנקומענדיג קיין ראפשיץ האט דער תלמיד רבי חיים יוסף זי"ע זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן וועגן זיינע ווייעדיגע פיס, האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע געזאגט פארן תלמיד, "דו ביסט דאך דאר און מאגער, קום שטיי נעבן מיר", און דער תלמיד רבי חיים יוסף זי"ע איז נאנט געקומען און זיך געשטעלט נעבן זיין גרויסן רבי'ן, און תיכף איז זיין פיס פארהיילט געווארן און די ביינער האבן זיך אלע געשטעלט אין פלאץ, און פון דעמאלט אן איז ער געווארן שטארק און געבויט.

מען פארציילט אז דער צדיק רבי חיים יוסף גאטליב מסטראפקוב זי"ע איז געגאנגען פרעגן זיין רבין דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, וואסערע נאמען ער זאל געבן ווען זיין קינד ווערט געבוירען, האט ער אים געזאגט "אפרים", האט דער תלמיד געפרעגט דעם רבין, און וואס איז אויב עס איז א מיידל, האט די רבי געזאגט "מנשה", ויהי לפלא צום יאר איז אים געבוירן געווארן צווילינג יונגלעך, און ער האט זיי א נאמען געגעבן "מנשה, און אפרים".

הרה"ק בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע האט דערציילט בשם זיינע רבי'ס, איינמאל זייענדיג גאר יונג איז דער צדיק הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע געווען ביי הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע, און דער הייליגער ראפשיצער רב האט צו אים געזאגט, עס קומט א צייט וואס די וועסט זיין א מנהיג ישראל און די וועסט בענטשען אידישע קינדער, בעט איך דיר אז די זאלסט אנהייבן מיט מיר און מיך בענטשן, אבער דער צדיק זייענדיג א גרויסער עניו האט נישט געוואלט,

האט אים דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ געזאגט, ווען איך בין געווען יונג בין איך געווען ביים הייליגען קדושת לוי מבארדיטשוב זי"ע, און ער האט מיר געזאגט די זעלבע, אז איך וועל זיין א רבי און בענטשן אידישע קינדער, און ער האט געבעטן אז ער וויל זיין דער ערשטער צו ווערן געבענטשט ביי מיר, אבער איך האב מיך ארויס געדרייט און נישט געוואלט, און עד היום האב איך חרטה פארן נישט בענטשן דעם הייליגען בארדיטשובער זי"ע, זעה אז די זאלסט נישט דארפן

חרטה האבן, דאן האט דער הייליגער צדיק מראזלא ארויף געלייגט מיט גרויס פחד און יראה זיינע הייליגע הענט, און געבענטשט דעם הייליגן ראפשיצער רב זי״ע,

ווערט דערציילט, אז דער הייליגער צדיק רבי מאיר בעל אור לשמים מאפטא זי״ע איז געווען זייער בידידות מיטן הייליגען זרע קודש מראפשיץ זי״ע, און ווען דער הייליגער ראפשיצער רב זי״ע איז נסתלק געווארן, האט מען דאס נישט געוואלט דערציילן פארן אפטא רב, ווייל מען האט פארשטאנען אז דאס וועט אים זייער מצער זיין,

אבער איין טאג איז א איד געקומען צום הייליגען אור לשמים מאפטא זי״ע, און ער האט זיך מזכיר געווען ביים אפטא רב, אז ליידער איז זיין פרנסה זייער שווער, ווייל זיין קי האט אויף געהערט געבן מילך, און דאס איז זיין גאנצע פרנסה, און ער האט געבעטן דעם צדיק פאר א ברכה, אז די קי זאל צוריק אנהייבן געבן מילך און ער זאל מצליח זיין מיט זיין פרנסה, האט אים דער הייליגער אפטא רב געפרעגט, פארוואס ער קומט צו אים זיך מזכיר זיין, האט דער איד געזאגט, אז ביז יעצט פלעגט ער גיין צום הייליגען זרע קודש מראפשיץ זי״ע, אבער יעצט אז ער איז נסתלק געווארן האט ער שוין נישט ווי צו גיין,

אזוי ווי דער הייליגער אור לשמים זי״ע האט געהערט די ווערטער, האט דער צדיק צוריסן זיינע קליידער און אנגעהויבן זייער וויינען קלאגענדיג אויפן הייליגען ראפשיצער רב זי״ע, און דאן האט דער הייליגער אור לשמים מאפטא זי״ע געזאגט פארן איד בזה״ל, ״א ישועה האסטו גע׳פועל׳ט, ווייל פאר משיח׳ס צייטן וועט אפילו א טשוואק אויך קענען געבן מילך, נאר עס איז נעבעך א רחמנות אויף ציון וירושלים, וואס האט נעבעך אנגעווארן א הארץ-פריינט״,

**יארצייט**
**שבת קודש י"ב אייר**

**הגה"ק רבי אברהם משה זרח ב"ר מאיר זי"ע,**
**(איידליין), בעל אור לישרים, דומ"ץ פראג,**
**"מבית דינו של הגה"ק בעל נודע ביהודה זי"ע"**

ער איז געבוירן אין שטאט פראג, בשנת תפ"ה,

צו זיין טאטן הגה"ק רבי מאיר זי"ע מחכמי אשכנז,

ער איז געווען א גאון הגאונים און א בקי בכל המקצועות שבתורה, ער האט געהאט א גאר שארפע קאפ, גרויסע גאונים האבן זיך מיט אים מפלפל געווען, ער האט געהאט א כח אין ארויס ברענגען א חידוש מיט א מוראדיג קלארקייט, און ער האט מיט זיין געוואלדיגע בקיאות וחריפות בתורה געקענט אפ ווענדן גרויסע גאונים בדורו, און גאר אסאך גאונים פון זיין דור האבן דעם יונגען גאון גאר שטארק מכבד געווען און באוואונדערט,

ער איז געווארן א יתום פון זיין טאטן ווען ער איז נאך געווען גאר יונג, דאן איז ער אריבער צום גרויסן גאון הגה"ק רשכבה"ג רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע, וואס איז דאן געווען רב אין פראג, דער גרויסער גאון רבי יהונתן אייבשיץ האט אים אויף געצויגן ווי אן אייגען קינד, אויך האט ער געלערנט ביי הגה"ק רבי שמעון פערלש מפראג זי"ע,

נאך אלס יונג קינד איז ער שוין געווען באוויסט אלס א חריף עצום בתורה, און גרויסע גאונים האבן זיך מיט דעם יונגען גאון מפלפל געווען אין גאר טיפע סוגיות הש"ס און חידושי תורה, יעדער האט גאר שטארק באוואונדערט זיין חכמת התורה מיט זיין גאר טיפע פארשטאנד, צוליב דעם האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבות ביי די גרעסטע גאונים בדורו,

ווען ער איז נאך געווען א יונגערמאן האט מען געזיכט א נייע רב אין שטאט פראג, און מען האט דאן געטראכט פון אים אויף נעמען אלס רב אין פראג, און דער גאון האט מסכים געווען צו ווערן רב אפילו ער וועט נישט נעמען קיין שכר רבנות, אבער דאן איז צום סוף געווארן רב אין פראג הגה"ק רבי יחזקאל סג"ל לאנדא בעל הנודע ביהודה זי"ע, און דעם גאון האט דער הייליגער נודע ביהודה אויף גענומען, אלס איינע פון די דיינים ביי זיך אין בי"ד,

אויך האט דער גאון דאן געדינט אלס דער מגיד מישרים אין שטאט פראג, דערציילט מען אז דער הייליגער נודע ביהודה זי"ע, האט נישט געוואלט אן נעמען דאס רבנות שטעלע אין שטאט פראג, נאר אויב דער גאון רבי משה זרח איידליין זי"ע וועט אויך אינטער שרייבן דעם כתב רבנות, און דער הייליגער נודע ביהודה זי"ע האט מפליא געווען זיינע דרשות וואס זענען געווען געפלאכטן מיט חידושים און מוסר,

יענע צייטן איז געווען דער מנהג אין שטאט פראג, אז די מגידים זענען אויך געווארן דער ראש הישיבה פון די ישיבה אין שטאט, דאן האט ער אויך געדינט אלס ראש ישיבה, און הונדערטער תלמידים זענען געקומען לערנען תורה פון דעם גדול, פון אלע שטעט ארום פראג זענען הונדערטער בחורים יראי השם און גרויסע גאונים געקומען לערנען ביי דעם גאון וגדול בתורה, און דער ישיבה איז דאן געוואקסן גאר גרויס,

צווישן זיינע תלמידים איז געווען גרויסע גאונים בתורה ובתוכם,

הגה"ק רבי אריה לייב טעלטש טויבער אב"ד גאלאנטא זי"ע,
הגה"ק רבי יהודה לייב שאג זי"ע,

ער האט געדינט אלס ראש ישיבה פאר פערציג יאר און ארויסגעגעבן פון זיין ישיבה טויזענטער תלמידים, וואס צווישן זיי זענען געווען גרויסע גאונים וגדולים וואס האבן ווייטער ממשיך געווען צו פארשפרייטן תורה אין די וועלט,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית איידל ע"ה,
בת הגביר מו"ה פייבל ירושלמי מפראג זי"ע,
זיין שווער האט אים אויס געהאלטן פאר אסאך יארן, און דערנאך האט זיין ווייב הצדקת זיך געפארעט מיט די פרנסה אז דער גאון זאל קענען נאר זיצן און לערנען תורה אן קיין שטער,

סוף ימיו איז זיין רעבעצין נפטר געווארן, און דאן האט ער נישט געהאט קיין פרנסה, מען האט אים געוואלט אויף נעמען אלס רב מיט א געהאלט, אבער דער גאון האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין געלט פון קיינעם, און ער האט דעריבער געלעבט אין א מורא'דיגע דחקות,

אבער דאס האט נישט אפגעשטעלט זיין התמדה און ער האט ווייטער מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים, אויך האט ער דאן מיט מסירת נפש ארויסגעגעבן זיין גרויסע ספר "מלאכת מחשבת" על חכמת החשבון,

דארט אין פראג איז געווען א איד רבי ישראל פרענקל וואס ער איז געווען געשטעלט פון די מלוכה, צו צוזאמען נעמען די מכס (טעקס) פאר די שטאט, פון די אידן פון פראג, ווען דער גאון רבי זרח האט נאך געהאט געלט, האט ער געהאט א באשטימטע סכום פון מכס, וואס ער האט געגעבן יעדעס יאר,

אבער ווען דער גאון האט שוין לוידער פארלוירען זיין פרנסה און ער האט שוין נישט געמאכט קיין געלט, האט דער גאון דאן געלעבט אין א שרעקליכע דחקות, אבער קיינער האט נישט געוויסט דערפון, ווייל דער גאון האט נישט געוואלט נעמען פון אנדערע קיין געלט, און ער האט ווייטער מיט גרויס שווערגקייט באצאלט זיין חלק פון די מכס, כדי קיינער זאל נישט וויסן דערפון,

אבער ווען עס איז געקומען צו א מצב וואס ער האט שוין ממש נישט געהאט קיין געלט, האט ער דאן געבעטן פון דעם איד רבי ישראל, אז ער זאל אים נאכגעבן אויף די מכס, ווען רבי ישראל האט געזעהן דעם מצב ביי דעם גאון, האט ער אריבער געשיקט א קעסטל מיט א שיינע סכום געלט צו שטיצן דעם גאון, אבער דער גאון האט צוריק געוויזן דעם מתנה,

דאן האט דער רבי ישראל געזאגט פארן גאון, אז ער וועט אים נישט נאכלאזן די מכס, נאר אויב ער וועט נעמען דאס געלט פון אים, דאן האט דער גאון נישט געהאט קיין ברירה און גענומען דאס קעסטל מיט געלט, אבער לפלא נאכן פטירה פונעם גאון, האט מען געטראפן דעם קעסטל געלט נישט צו גערירט, מיט א צעטל וואס איז געשטאנען דערויף, אז מען זאל דאס צוריק געבן פאר רבי ישראל,

הגה"ק רבי אליעזר פלעקעלס בעל תשובה מאהבה מפראג זי"ע, איז משבח דעם גאון מיט זיינע געוואלדיגע מידות בזה"ל, "שלא לקח מתנה משום אדם וכד', ומעולם לא נהנה מאור תורתו הנאת שוה פרוטה, מעולם לא קיבל שום מנתה, לא מנחת יחיד ולא מנחת ציבור, ולא מעות שי למורה כנהוג, מעולם לא חפץ בשם הרבנות והגדולה, להיות פוסע על ראשי עם קודש להשתמש בכתרה של תורה",

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגער חיבורים,
ספר אור לישרים, מדרשותיו,
ספר מלאכת מחשבת, על חכמת החשבון,
חידושי רבי זרח אידליין, על מסכת ביצה,

דער הייליגער נודע ביהודה זי"ע האט געשריבן אינעם הסכמה אויפן ספר אור לישרים בזה"ל, "ואנא שמענא מפיו דברים מתוקים ונכנסים בלב השומע להלהיב הלבבות ליראת שמים, וברוח פיו יאמס רשע דרכו וישיב אל ה' בכל לבו וג"ו, כי בוודאי הקורא בדרושים הללו יתן אל לבו יראת בוראו ויתגבר כארי לשוב בתשובה שלימה",

און אויף דעם האט געשריבן הרה"ק רבי שלמה זלמן עהרענרייך בעל לחם שלמה משאמלוי זי"ע, הי"ד, בזה"ל, "מחיוב כל בר ישראל למכור אפילו מכלי ביתו לקנות את הספר ולקרות בו תדיר למען יתעורר בתשובה. ומטול חוב על כל אחד מישראל לעיין בהספר הזה, ולא שמע יעשה תשובה, אלא בודאי יעשה תשובה",

אין דעם ערשטן דרוש אינעם ספר אור לישרים שרייבט דער גאון רבי זרח איידליין זי"ע, אז זאגן לשם יחוד בעפאר מען טוט א מצוה, איז א עצה טובה אז די סטרא אחרא זאל ח"ו נישט פארכאפן דעם מצוה, אבער דער הייליגער נודע ביהודה זי"ע איז געווען מתחילה קעגן זאגן לשם יחוד, אבער ער האט געגעבן א הסכמה אויפן ספר אור לישרים,

הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע שרייבט, אז נאך וואס דער נודע ביהודה האט געגעבן דעם הסכמה אויפן ספר אור לישרים, האט ער מן הסתם אויך מסכים געווען, אז מען זאל זאגן לשם יחוד בעפאר מען איז מקיים א מצוה,

הגה"ק רבי יהושע בוקסבוים בעל אור פני יהושע מגאלאנטא זי"ע, הי"ד, האט געשריבען א הסכמה אויפן ספר אור לישרים, בשם זיין רבין הגה"ק רבי שמואל ראזענבערג בעל באר שמואל אב"ד אונסדארף זי"ע, און דארט שרייבט ער בזה"ל, "ותלמידי היקרים, כאשר יוכלו לקיים ציווי מרן רבינו הקדוש, אשר מאוד ביקש וזירז תלמידיו היקרים הי"ו שילמדו בספר הקדוש אור לישרים, ובפרט דרשה ראשונה צוה עלי' ביתר שאת ללמוד ולחזור ולשנות ולהעמיק במוסריו הקדושים ולראות שם איך הוריד כנחל דמעה ומבכה אחרים עמו",

הרה"ק רבי שלום אליעזר הלברשטאם מראצפערט זי"ע, הי"ד שרייבט בזה"ל, "וכל אחד ואחד יקח הספר הקדוש הזה וזכותו יגן על כל המסייעים והנותנים לישועה גדולה להנצל מחבלי משיח".

ער האט איבער געלאזט זיין זוהן הגה"ק רבי משה זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ד' פרשת אמור י"ב אייר בשנת תקמ"ו, ומנוחתו כבוד איז אונעם ביה"ח העתיק אין שטאט פראג,

זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.